STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03051

DER TOYT FUN YAM-VOLF

Jack London

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דזשעק לאָנדאָן

דער טויט פון ים־וואלף

פון ענגליש: ז. בלאט

פארלאג מ. ירוחמזאָן, װאַרשע

1930

The Sea-Wolf
by
on

Jack London
Śmierć Wilka Morskieg
przeł. Z. Blatt
Wyd. M. Jeruchemso
Warszawa, 1

Druk: B-ci Feder, Franciszkanska 6

קאַפּיטל איינס

מער איז גאָרנישט געשען אין יענעם טאָג. דער ווינט האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. דער אינזשיניער און די דריי איילשמירערס זענען נאָך אַ היציקן שמועס מיט וואָלף לאַרסענען באַזאָרגט געוואָרן מיט אויסשטאַטונג פֿון דער שיפֿ-גאַרדעראָבע און צוגעטיילט געוואָרן די יעגער אין די פֿאַרשי-דענע שיפֿלעך און די וואַכן; נאָכדעם האָט מען זיי אַרויסגע-שיקט אויפֿן אויבערדעק. זיי האָבן פּראָטעסטירט, אָבער דאָס גלאַט פֿון יוצא וועגן. זיי זענען געווען אָנגעשראָקן פֿון די מעשׂיות, וואָס זיי האָבן געהערט דערציילן וועגן וואָלף לאַרסענען און פֿון דעם, וואָס זיי האָבן געזען. דאָס האָט ביי זיי אָפּגענומען דעם חשק צו בונטעווען זיך.

מיס ברוסטער — דער אינזשיניער האָט אונז געזאָגט ווי זי הייסט — האָט געהאַלטן אין איין שלאָפֿן. בעתן אָוונטברויט האָב איך געבעטן די יעגער, אַז זיי זאָלן רעדן אַ ביסל שטי-לער, כּדי זי נישט איבערצוּוועקן; ערשט צומאָרגנס אינדערפֿרי האָט זי זיך באַוויזן.

איך האָב בדעה געהאַט, אַז מ׳זאָל איר דערלאַנגען עסן באַזונדער, אָבער דאָ האָט וואָלף לאַרסען באַוויזן וואָס ער קען. ווער איז זי דאָס, וואָס עס פּאַסט איר נישט צו זיצן צוזאַמען מיט אונז אין דער קאַבינע? האָט ער געפֿרעגט.

אָבער ווען זי איז געקומען צום טיש, האָט זיך געשאַפן אַן אומבאַקוועמע לאַגע. די יעגער זענען געבליבן שטיל, ווי די לעמעלעך. נאָר רויק און דזשאָק האָרנער האָבן זיך נישט קרעמפּירט, און פון צייט צו צייט בגנבה געוואָרפן בליקן אויף איר און אַפילו אָנטיילגענומען אינם שמועס.

די איבעריקע פיר האָבן באַגראָבן זייערע פּנימער אין די טעלערס און פלייסיק געקייט, געשאָקלט מיט די אויערן צום טאַקט מיט זייערע קינבאַקן, ווי די אויערן פון טייל חיות.

לכתחילה האָט וואָלף לאַרסען גאָרנישט געהאַט וואָס צו רעדן, נאָר בלויז געענטפערט, ווען מ׳האָט זיך געווענדעט צו אים. דאָס איז געווען נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ שעמעוודיקער. ער איז געווען ווייט פון צו זיין אַזעלכער.

דידאָזיקע פרוי איז געווען אַ נייער טיפּ פאַר אים, אַ גאָר אַנדערע ראַסע, וואָס איז אים נישט באַקאַנט געווען, און ער איז געווען נייגעריק. ער האָט זי שטודירט. ער האָט זעלטן אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן פון איר פּנים, נאָר דאַן בעת ער האָט נאָכגעקוקט אירע האַנטבאַוועגונגען.

איך אַליין האָב זי שטודירט, און הגם איך האָב געפירט דעם שמועס, האָב איך געוווסט, אַז כ׳בין אַ ביסל נישט דרייסט, נישט אינגאַנצן באַהערשט.

ער האָט זיך געהאַלטן אויסגעצייכנט, מיט שטאַרקן צוטרוי אין זיך, וואָס קיין זאַך קאָן נישט דערשיטערן; און ער האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר אַ פרוי, ווי פאַר אַ שטורעם אָדער אַ שלאַכט.

„און ווען וועלן מיר אָנקומען קיין יאָקאָהאַמאַ?״ האָט זי געפרעגט, זיך ווענדנדיק צו אים און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין.

און אָט אַזוי איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע. די קינבאַקן האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן, די אויערן האָבן זיך שוין נישט געשאָקלט, און הגם די אויגן זענען ווייטער געווען פאַרטיפט אין די טעלערס, האָט יעדער איינער גיריק אויסגעהערט דעם ענטפער.

„אין פיר חדשים אַרום, מעגלעך אין דריי — אויב דער סעזאָן וועט זיך פרי ענדיקן,” האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט.

זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט און אַרויסגעשטאַמלט:

„איך — כ׳האָב געמיינט — מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז יאָקאַהאַמאַ געפינט זיך נישט מער ווי אַ טאָג ווייט פון דאַנען. דאָס” — — — דאָ האָט זי געמאַכט אַ הפסקה און זיך אומגעקוקט אויפן קרייז פון די אומסימפּאַטישע פּנימער ביים טיש, וואָס האָבן עקשנותדיק געקוקט אין די טעלער. — „דאָס איז נישט ריכטיק” — האָט זי פאַרענדיקט.

„דאָסדאָזיקע פּראָבלעם מוזט איר דערליידיקן מיט מר. וואַן וועידן”, האָט ער געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צו מיר מיט אַ שטיפערישן ווונק. „מר. וואַן וועידן איז דאָס, וואָס איר קענט אָנרופן אַן אויטאָריטעט אין אַזעלכע זאַכן ווי רעכט. און איך, וואָס כ׳בין נאָר אַ מאַטראָז, קוק אַ ביסל אַנדערש אויף דער לאַגע. ס׳קען זיין, אַז פאַר אייך איז עס אַן אומגליק דאָס, וואָס איר מוזט דאָ פאַרבלייבן מיט אונז, אָבער זיכער, אַז דאָס איז פאַר אונז אַ גליק.”

ער האָט זי באַטראַכט מיט אַ שמייכל.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן אונטער זיין בליק, אָבער באַלד ווידער זיי אויפגעהויבן און טראָציק געקוקט אויף מיר. דאָרט האָב איך געלייענט די נישט אַרויסגעזאָגטע פראַגע: איז עס רעכט? אָבער כ׳האָב ביי מיר באַשלאָסן, אַז כ׳מוז זיין ניטראַל, און דעריבער האָב איך נישט געענטפערט.

„וואָס מיינט איר דערמיט?” האָט זי געפרעגט.

„אַז דאָס איז אַן אומגליק, באַזונדערס אויב איר האָט וואָסערע עס איז פאַרפליכטונגען, וועלכע פאַלן אויס אין משך פון די נאָענטסטע חדשים. אָבער היות ווי איר האָט געזאָגט, אַז איר פאָרט קיין יאַפּאַן צוליב אייער געזונט, קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז איר וועט זיך אין ערגעץ נישט פילן בעסער, ווי אויפן דעק פון „געשפענסט.”

כ׳האָב געזען ווי אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פאַר כעס, און דאָס מאָל האָב איך אַראָפּגעלאָזט מיינע אויגן, בעת

Free Public Library, Newark, N. J.

כ׳האָב געפֿילט, אַז מײַן פּנים פֿאַרדרײטלט זיך אונטער אײַער בליק. דאָס איז געװען פּחדנותדיק, אָבער װאָס האָב איך געקענט טון?

„פֿון מר. װאַן װעידן רעדט אַרױס די שטים פֿון אױטאָריטעט", האָט װאָלף לאַרסען געלאַכט.

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ, און זי, קומענדיק צו זיך, האָט געדולדיק געװאַרט.

„דאָס הײסט נישט, אַז ס׳לױנט זיך איצט צו רעדן פֿון אים", האָט װאָלף לאַרסען פֿאָרגעזעצט. „נאָר ער האָט זיך װױנדערבאַר פֿאַרבעסערט. איר האָט אים געדאַרפֿט זען, װען ער איז אַרױפֿגעקומען אױפֿן דעק. מ׳קען זיך קױם פֿאָרשטעלן אַ מער קלאָגנדיקן, נעבעכדיקן מוסטער פֿון אַ מענטש. נישט אַזױ, קערפֿוט?"

קערפֿוט, צו װעמען ער האָט זיך דירעקט געװענדט, איז געװאָרן אַזױ צעטומלט, אַז ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס מעסער אױף דער פּאָדלאָגע, הגם ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרױסצוברומען אַ באַשטעטיקונג.

„זיך אַנטװיקלט דורך שײלן קאַרטאָפֿל און װאַשן דאָס געפֿעס. האַ, קערפֿוט?"

װידעראַמאָל האָט זיך געהערט יענער בכבודיקער ברום.

„קוקט אױף אים איצט. אמת, ער איז נישט דאָס, װאָס איר װאָלט אָנגערופֿן מוסקולער, אָבער דאָך באַזיצט ער מוסקולן, אַ סך מער װי בעת ער איז אַרױפֿגעקומען אױפֿן דעק. דעסגלײַכן שטײט ער שױן אױף זײַנע אײגענע פֿיס. קוקנדיק אױף אים, װאָלט אײַך דאָס גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן, אָבער לכתחילה איז ער גאָרנישט אימשטאַנד געװען צו שטעלן אײן אַ פֿוס".

די יעגער האָבן זיך געשיט פֿאַר געלעכטער, אָבער זי האָט אױף מיר געקוקט מיט אַזױפֿיל סימפּאַטיע, אַז איך האָב מיך געפֿילט מער װי פֿאַרגיטיקט פֿאַר װאָלף לאַרסענס געמײנקײט.

און באמת, שױן לאַנג האָב איך נישט געהאַט אַזאַ מיט-

געפיל פון קיינעם, אַז איך בין געוואָרן גערירט, און כ'בין דאַן מיט גוטן ווילן געוואָרן איר שקלאַף. איך בין אָבער ביז געווען אויף וואַלף לאַרסענען.

ער האָט חוזק געמאַכט פון מיין מענלעכקייט, חוזק געמאַכט פון דעם, וואָס איך האָב שטאָלצירט דערמיט, געבנדיק אָנצוגעהערן, אַז ער האָט מיך דאָס אויסגעלערנט.

„מעגלעך, אַז מ'האָט מיך אויסגעלערנט צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס", האָב איך געענטפערט. „אָבער ווען מ'וועט דאַרפן, וועל איך מיט זיי טרעטן אויף אַנדערע."

ער האָט חוצפּהדיק געקוקט אויף מיר.

„אייער דערציִונג איז געבליבן שטיין אינמיטן וועג", האָט ער טרוקן געזאָגט און זיך אויסגעדרייט צו איר.

„מיר זײַנען געשפּענסט, זעמיר גאַסטפרײַנטלעך. מר. וואַן ווײַדן האָט דאָס פאַרזוכט. מיר טון אַלץ וואָס מיר קענען, אַז אונזערע געסט זאָלן זיך פילן ווי אינדערהיים. האַ, מר. וואַן ווײַדן?"

„אַפילו ביז צום צווינגען זיי צו שיילן קאַרטאָפל און וואַשן ס'געפעס", האָב איך געענטפערט, „שוין אָפּגערעדט פון אויסדרייען זיי דעם קאַרק בײַ אַ געלעגנהייט".

„כ'בעט אײַך, אַז איר זאָלט נישט באַקומען קיין פאַלשן אײַנדרוק וועגן אונז פון מר. וואַן ווײַדנס ווערטער", האָט ער זיך אַרײַנגעמישט מיט אַן איראָנישן שרעק. „גיט אַ קוק, מיס ברוסטער, אַז ער טראָגט אַ שטילעט אין זײַן פּאַסעק, אַ — הם — אַ העכסט אומגעצווייגלעכע זאַך פאַר אַ שיפס-אָפיציר. בעת ער איז באמת זייער חערטפול, איז מר. וואַן ווײַדן צײַטנווײַז — ווי אַזוי זאָל איך דאָס זאָגן? — אַ — קריגערישער און ס'זענען נייטיק שאַרפע מיטלען. אין רויִקע מאָמענטן איז ער גאַנץ פאַרשטענדיק און אָרנטלעך, און היות ווי ער איז איצט רויִק, וועט ער נישט אָפּלייקענען, אַז ערשט נעכטן האָט ער געדראָט מײַן לעבן."

כ'האָב מיך שיער דערוואָרגן, און מײַנע אויגן האָבן אַוודאי געברענט. ער האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט

אויף מיר.

„איצט גיט נאָר אַ קוק אויף אים. ער קען זיך קוים באַהערשן אין אייער אָנוועזנהייט, ווי ס'זאָל נישט זיין, איז ער נישט צוגעוווינט צו דער אָנוועזנהייט פון ליידיס. איידער כ'וועל מיך דערוועגן אַרויפצוגיין מיט אים אויפן דעק, וועל איך מיך פריער מוזן באַוואָפענען".

ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, מורמלענדיק: „גאָר שלעכט, גאָר שלעכט", בעת די יעגער האָבן אויסגעבראָכן אין ספּאַזמאַטישע געלעכטערס.

די שטאַרקע קולות פון דידאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן געגרעגערט און געשריגן אין דעם באַגרענעצטן רוים, האָט געמאַכט אַ ווילדן רושם. די גאַנצע סצענע איז געווען אַ ווילדע, און צום ערשטן מאָל, באַטראַכטנדיק דידאָזיקע פרעמדע פּרוי און באַגרייפנדיק ווי זי פּאַסט דאָ נישט אַריין, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ חלק כ'האָב דערין. כ'האָב געקענט דידאָזיקע מענטשן און זייערע גייסטיקע פּראָצעסן, אַליין געווען איינער פון זיי, געלעבט פון פּאָקעס-געיעג, געגעסן פונם דאָזיקן ברויט, און מיינע געדאַנקען זענען געווען באַשעפטיקט בלויז מיט פּאָקעס-געיעג.

ס'האָט פאַר מיר גאָרנישט אויסגעזען משונהדיק די גראָבע מלבושים, די רויע צורות, דאָס ווילדע געלעכטער, די איינגעשמירטע קאַבינע-ווענט און די זיך שאָקלענדיקע ים-לאָמפּן.

בעת איך האָב אָנגעשמירט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, האָב איך צופעליק אַ קוק געטון אויף מיין האַנט. די הויט פון די פינגער איז געווען אָפּגעשיילט, די פינגער גופא געשוואָלן, און די נעגל באַדעקט מיט אַ שוואַרצער מאַסע.

כ'האָב אויך געפילט, אַז די באָרד מיינע גרייכט מיר איבערן האַלז, כ'האָב געוווּסט, אַז דער אַרבל פון מיין מאַרינאַרקע איז אָפּגעריסן, און אַז אין קאָלנער פון מיין בלאָען העמד'ל פעלט אַ קנעפּל. דאָס מעסער, וועגן וועלכן וואָלף לאַרסען האָט דערמאָנט, האָט טאַקע געשטעקט אין מיין פּאַסעק. ס'איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָס עס שטעקט דאָרט — ווי

נאַטירלעך, האָב איך נישט געוווּסט ביז איצט, ווען כ׳האָב עס באַטראַכט מיט מײַנע אויגן, און געוווּסט ווי משונהדיק דאָס אַלץ זעט אויס אין אירע אויגן.

אָבער זי האָט געפילט דעם חוזק אין וואָלף לאַרסענס ווערטער, און מיך ווידער באַערט מיט אַ סימפּאַטישן שמייכל. אָבער אירע אויגן האָבן געקוקט פאַרגאַפט. און טאַקע דער חוזק זײַנער האָט נאָכמער פאַרפּלאָנטערט פאַר איר די סיטואַציע.

„און אפשר וועט מיך אַרויפנעמען אַ פאַרבײַפאָרנדיקע שיף", האָט זי געגעבן אָנצוגעהערן.

„קיין שום שיף וועט נישט פאַרבײַפאָרן, חוץ פאָקע-שיפן", האָט וואָלף לאַרסען געענטפערט.

„כ׳האָב גאָרנישט, קיין שום קליידער", האָט זי אָקעגנגעענטפערט. „איר פאַרשטייט דאָך, סער, אַז כ׳בין נישט אַ מאַנספּערזאָן, אַז כ׳בין נישט צוגעוווינט צום אָפּגעלאָזטן, וואַנדערנדיקן לעבן, וואָס איר און אײַערע מענטשן פירט."

„וואָס שנעלער איר וועט זיך צוגעוווינען, אַלץ בעסער פאַר אײַך", האָט ער געזאָגט.

„כ׳וועל אײַך באַזאָרגן מיט שטאָף, נאָדל און פאָדים", האָט ער צוגעגעבן. „כ׳מיין, אַז ס׳וועט נישט זײַן פאַר אײַך צושווער אויפצונייען איין אָדער צוויי קליידער."

זי האָט פאַרקרימט דאָס מויל, גלייך ווי זי וואָלט מיט דעם געוואָלט באַקאַנט מאַכן איר עם-הארצות אין ענינים פון קליידער-נייען.

כ׳האָב דײַטלעך געזען, אַז זי איז איבערגעשראָקן און איבערראַשט און אַז זי באַמיט זיך דאָס צו באַהאַלטן פאַר אונז.

„כ׳בין מיך משער, אַז איר זענט פונקט ווי מר. וואַן ווײַדן, איר זענט געוווינט, אַז מען זאָל אַרבעטן פאַר אײַך. איך מיין אָבער, אַז ס׳וועט נישט שאַטן, אויב איר וועט זיך אַליין עפּעס מאַכן פאַר זיך. אַגב, וואָס טוט איר צו פאַרדינען אויף חיונה?"

זי האָט אים באַטראַכט מיט אַ נישט באַהאַלטענער שטוינונג.

„כ׳מיין נישט אייך צו באַליידיקן, גלייבט מיר. מענטשן עסן, מוזן זיי דאָך אויף דעם פאַרדינען. אַט דידאָזיקע מענטשן, דאָ, שיסן פּאַקעס, כּדי צו מאַכן אַ לעבן; צוליב דערזעלבער סיבה פיר איך אַן מיטן סקונער; און מר. וואַן ווײדן, לכל הפּחות היינטצוטאָג, פאַרדינט אויף זיין עסן, צוהעלפנדיק מיר אין דעם. אַלזאָ, וואָס טוט איר?״

זי האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען.

„צי פאַרדינט איר אַליין אויף אייער חיונה? אָדער עמעץ אַנדערש טוט דאָס פאַר אייך?

„כ׳האָב מורא, אַז עמעץ אַנדערש האָט מיך געשפּייזט זינט איך לעב,״ האָט זי מוטיק געלאַכט, פּרוּווּנדיק צוצופּאַסן זיך צו דער מיסטיפיקאַציע, הגם כ׳האָב געזען, אַז וואָס מער זי באַטראַכט וואָלף לאַרסענען, אַלץ מער באַקומט זי מורא פאַר אים.

„און כ׳בין זיך משער, אַז עמעץ אַנדערש בעט פאַר אייך דאָס בעט?״

„כ׳האָב טיילמאָל געבעט דאָס בעט״, האָט זי געענטפערט.

„אָפט?״

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ איראָניש, ווי אין חרטה.

„צי ווייסט איר, וואָס מ׳טוט אין די פאַרייניקטע שטאַטן מיט די אָרעמעלייט, וועלכע פאַרדינען נישט ווי איר, אויף זייער חיונה?״

„כ׳בין אַ גרויסער עם-הארץ אין דער הינזיכט״, האָט זי זיך פאַרענטפערט. „וואָס טוט מען דאָרט מיט אַזעלכע אָרעמע מענטשן, ווי איך?״

„מ׳שיקט זיי אין תּפיסה אַריין. דאָסדאָזיקע פאַרברעכן, דאָס נישט פאַרדינען אויף חיונה, הייסט דאָרט „טרעמפּן״. אויב איך וואָלט געווען מר. וואַן ווײדן, וועלכער דרשנט שטענדיק וועגן רעכט און אומרעכט, וואָלט איך אייך געפרעגט מיט וואָס פאַר אַ רעכט איר לעבט, בעת איר האָט גאָרנישט פאַרדינט

צו לעבן?״

„אָבער אַזוי ווי איר זענט נישט מר. וואַן ווײדן, האָב איך נישט וואָס צו ענטפערן.״

זי האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אירע איבערגעשראָקענע אויגן און דער פּאַטאָס פון איר שטים האָט מיך גערירט. כ׳מוז זיך אַרײַנמישן און אַרויספירן דעם שמועס אויף אַן אַנדערער ריכטונג.

„צי האָט איר ווען-עס-איז פאַרדינט אַ דאָלאַר פון אײַער אײגענער אַרבעט?״ האָט ער געפרעגט, זײענדיק זיכער אין איר ענטפער, מיט אַ טרײַומפירנדיקער נקמה אין זײַן שטים.

„יאָ, כ׳האָב שוין פאַרדינט״, האָט זי געלאַסן געענטפערט, און כ׳האָב מיך שיער נישט צעלאַכט, זעענדיק זײַן אַנטוישטע מינע. „כ׳געדענק, ווי מײַן פאָטער האָט מיר אַמאָל געגעבן אַ דאָלאַר, ווען כ׳בין געווען אַ קלײן מײדעלע, ווײַל כ׳בין געזעסן פולקאָם רויק אין משך פון פינף מינוט.״

„אָבער דאָס איז שוין זײער לאַנג,״ האָט זי פאַרגעזעצט. „און איר וועט דאָך נישט פאָדערן פון אַ קלײן מײדל, אַז זי זאָל פאַרדינען אויף חיונה.״

„איצט, אָבער,״ האָט זי צוגעגעבן נאָך אַ קורצער הפסקה, „פאַרדין איך אַכצנהונדערט דאָלאַר אַ יאָר.״

אַלע האָבן ווי אויף אַ באַפעל אַוועקגענומען זײערע אויגן פון די טעלער און גענומען קוקן אויף איר. אַ פרוי, וואָס פאַרדינט אַכצנהונדערט דאָלאַר אַ יאָר, איז ווערט מען זאָל קוקן אויף איר.

וואָלף לאַרסען איז באמת געווען איבערראַשט.

„פּענסיע, אָדער פון שטיק?״ האָט ער געפרעגט.

„פון שטיק״, האָט זי פרײַער געענטפערט.

„אַכצנהונדערט״, האָט ער גערעכנט. דאָס הײסט הונדערט און פופציק דאָלאַר אַ חודש. אַלזאָ, מיס ברוסטער, דאָס געשפּענסט קען אײַך צאָלן אַזאַ סומע. לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַז איר באַקומט אַזאַ פּענסיע אין משך פון דער גאַנצער צײַט, וואָס איר וועט דאָ פאַרבלײַבן מיט אונז.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט אויף דעם. זי איז נאָך נישט צוגעוויינט צו די קאַפּריזן פון דאָזיקן מענטש, אַז זי זאָל זיי אויפנעמען קאַלטבלוטיק.

„כ׳האָב פאַרגעסן צו פרעגן", האָט ער העפלעך פאַרגע־זעצט, „וועגן אייער באַשעפטיקונג. וואָס פאַרא פונקציעס פירט איר אויס? וואָסערע כלים און מכשירים באַנוצט איר?"

"פּאַפּיר און טינט", האָט זי געלאַכט. און אויך אַ שרייב־מאַשין".

„איר זענט מאָווד ברוסטער" האָב איך פאַמעלעך געזאָגט און מיט אַזאַ זיכערקייט, גלייך ווי כ׳וואָלט זי באַשולדיקט אין עפּעס אַ פאַרברעכן.

זי האָט נייגעריק אַ קוק געטון אויף מיר. „פונוואַנען ווייסט איר?"

„זענט איר עס?" האָב איך געפרעגט.

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איצט האָט וואָלף לאַר־סאָן געקוקט אַ פאַרגאַפטער. דער נאָמען און דער צויבער, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, האָט גאָרנישט געזאָגט צו אים. איך בין שטאָלץ געווען, וואָס דערדאָזיקער נאָמען באַדייט עפּעס פאַר מיר, און צום ערשטן מאָל בשעת אַן אומעטיקער צייט בין איך איבערצייגט געווען אין מיין העכערקייט איבער אים.

„כ׳געדענק, אַז כ׳האָב אַמאָל געשריבן אַ רעצענזיע וועגן אַ דינן קליין ביכל — האָב איך נאַכלעסיק אָנגעהויבן." זי האָט מיך איבערגעריסן.

„איר!" האָט זי אויסגערופן, „איר זענט — — "

איצט האָט זי געגלאָצט אויף מיר מיט ברייט פאַנאַנדער־געעפנטע אויגן.

כ׳האָב פון מיין זייט צו געשאָקלט אויף יאָ.

„העמפרי וואַן ווײַדן", האָט זי פאַרענדיקט; און דאַן מיט אַ זיפץ פון פאַרלייכטערונג און נישטוויסנדיק, אַז זי קוקט אויף וואָלף לאַרסענען „כ׳בין אזוי צופרידן"

„כ׳געדענק די רעצענזיע", האָט זי האַסטיק פאַרגעזעצט, כאַפּנדיק זיך, אַז איר באַמערקונג איז געווען נישט אויפן אָרט,

יענע צוחניפּהדיקע רעצענזיע".

„לגמרי נישט", האָב איך קאַטעגאָריש געלייקנט. „איר צווייפלט, אַלזאָ, אין מיין אומפּאַרטייאישן אורטייל און שעצט גרינג מיינע שאַנסן. אַגב, אַלע קריטיקער זענען געווען איינשטימיק מיט מיר. צי האָט נישט לאַנג אַריינגערעכנט אייער „ליידנדיקער קוש" צווישן די פיר שענסטע סאָנעטן פון אַ פרוי אין דער ענגלישער שפּראַך?"

„אָבער איר האָט מיך אָנגערופן די אַמעריקאַנער מיסיס מעינעל!"

„צי איז דאָס נישט אמת?" האָב איך געפרעגט.

„ניין, נישט אין דעם גייט עס", האָט זי געענטפערט. „כ'האָב מיך געפילט באַליידיקט".

„מיר קענען מעסטן דאָס אומבאַקאַנטע לויטן באַקאַנטן", האָב איך געענטפערט אויף מיין אַלטן אַקאַדעמישן שטייגער.

„אַלס אַ קריטיקער בין איך געווען געצווונגען צו געבן אייך אַן אָרט צווישן די שרייבער. אויף מיינע ביכער-פּאָליצעס ליגן זיבן פון אייערע דינע ביכלעך; און חוץ דעם נאָך צוויי גרעבערע בענדער, די עס"ייען, וועלכע, אַנטשולדיקט מיר פאַר מיינע רייד, שטייען אַזוי הויך ווי אייער דיכטונג. די צייט איז נישט ווייט, ווען אין ענגלאַנד וועט אויפשטיין אַן אומבאַקאַנטע דיכטערין און די קריטיקער וועלן זי אָנרופן די ענגלישע מאַוד ברוסטער".

„איר זענט זייער פריינטלעך", האָט זי געמורמלט; און דער קאָנוועַנציאָנאַלזם פון אירע טענער און ווערטער מיט די אַסאָציאַציעס, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אין מיר וועגן מיין פאַרגאַנגענעם לעבן אויף יענער זייט פון ערד-קויל, האָט אין מיר דערוועקט אַ ציטער — רייך מיט זכרונות, אָבער שאַרף געמישט מיט בענקשאַפט נאָך דער היים.

„און איר זענט מאַוד ברוסטער", האָב איך פייערלעך געזאָגט, אַריבערקוקנדיק צו איר.

„און איר זענט האַמפרי וואַן ווײַדן", האָט זי געזאָגט פייערלעך, אַריבערקוקנדיק צו מיר מיט יראת-הכבוד. „ווי אומ-

געוויינלעך! איך הייב גאָרנישט אָן צו פאַרשטיין. צי דאַרפן מיר זיך נישט ריכטן פון אייער ניכטערער פעדער אויף עפּעס אַ משונהדיקער ראָמאַנטישער ים-געשיכטע?"

„ניין, כ'קליוב נישט קיין מאַטעריאַל, כ'גיב אייך מיין וואָרט", האָב איך געענטפערט, „איך האָב נישט קיין נייגונג און נישט קיין פעיקייט צו אַזעלכע ווערק."

„זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט איר זיך שטענדיק באַהאַלטן אין קאַליפאָרניע?" האָט זי מיך ווייטער געפרעגט. „דאָס איז זייער נישט פיין געווען פון אייער זייט. מיר, אין מזרח, האָבן אייך זייער ווייניק געזען — באמת צו ווייניק".

כ'האָב מיך פאַרנייגט פאַרן קאָמפּלימענט און אים נישט אָנערקענט.

„כ'האָב אייך שיער געטראָפן אין פילאַדעלפיע, איר האָט געהאַלטן אַ פאָרלעזונג וועגן בראַונינג אָדער אַן אַנדערן דיכטער, איר ווייסט דאָך. מיין צוג האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף פיר שעה".

און דאָן האָבן מיר לחלוטין פאַרגעסן, ווי מיר געפינען זיך, איבערלאָזנדיק וואָלף לאַרסענען אַ פאַריינזאַמטן און שווייגנדיקן אין מיטן פון אונזער פּליסיקן שמועס. די יעגער זענען אַפּער פון טיש און אַרויף אויפן דעק, און מיר האָבן געהאַלטן אין איין רעדן. בלויז וואָלף לאַרסען איז געבליבן.

פּלוצלינג האָב איך זיך דערמאַנט אָן אים; ער איז געווען אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און נייגעריק זיך צוגעהאָרכט צו אונזער פרעמדן שמועס וועגן אַ וועלט, וואָס ער האָט נישט געקענט. כ'האָב איבערגעריסן אין מיטן זאַץ.

די קעגנוואַרט מיט אַלע אירע סכנות און שרעקן איז געשטאַנען פאַר מיר מיט אַ שטוינענדיקער קראַפט.

זי האָט אויך געטראָפן מיס ברוסטער, און אין אירע אויגן האָט זיך געזען אַן אומבאַשטימטער און באַמענלאָזער שרעק, ווען זי האָט באַטראַכט וואָלף לאַרסענען.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך נאַריש צולאַכט. דער קלאַנג דערפון איז געווען אַ מעטאַלישער.

„אָ, קוקט נישט אויף מיר", האָט ער געזאָגט מיט אַ זעלבסט־דערנידעריקנדיקן מאַך מיט דער האַנט. „כ'גיי נישט אַריין אין חשבון, ביטע, רעדט ווייטער, רעדט ווייטער".

אָבער דער שמועס האָט זיך שוין נישט געקלעבט. און מיר זענען אויך אויפגעשטאַנען פון טיש אַפּער און זיך גאַריש צולאַכט.

קאַפּיטל צוויי.

די שלעכטע שטימונג, אין וועלכער וואָלף לאַרסען איז אַרײַנגעפאַלן צוליב דעם, וואָס איך און מאָוד ברוסטער האָבן אים איגנאָרירט בשעתן שמועס ביים טיש, האָט זיך געמוזט אין עפּעס אויסדריקן. און דער גורל איז געפאַלן אויף טאָמאַש מאַגרידזש, ער זאָל זיין דער קרבן.

ער האָט נישט פאַרבעסערט זיין אויפפירונג בנוגע דער ריינקייט פון זיין העמד, הגם ער האָט געטענהט, אַז ער האָט עס איבערגעטון. דאָס העמד גופא האָט נישט באַשטעטיקט זיין פאַרזיכערונג, און אויך דער הויפן שמוץ אויפן אויוון, טעפּ און פאַן האָבן נישט עדות געזאָגט וועגן דער אַלגעמיינער ריינקייט.

„כ'האָב אייך געוואָרנט, קוקי", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט „און איצט וועט איר מוזן אייננעמען אייער מעדיצין".

מאַגרידזשס פּנים איז בלאַס געוואָרן אונטער דער איינגעריסטער אויסערלעכער הויט, און ווען וואָלף לאַרסען האָט געשריגן נאָך אַ שטריק און אַ פּאָר מענטשן, איז דער אומגליקלעכער קוקי ווילד אַרויסגעלאָפן פון דער קיך און געשפּרונגען אַרום דעם דעק און די מאַנשאַפט האָט אים נאָכגעיאָגט. ווייניק זאַכן איז זיי געפאַלן, ווי דאָס אונטערטונקען אים אין ים, ווייל אויפן איבערשטן דעק האָט ער געשיקט מאכלים און צובייסעכץ פון ערגסטן מין... די באַדינגונגען זענען געווען גינסטיקע פאַר דער אונטערנעמונג. דאָס געשפּענסט האָט זיך

געשלייכט דורכן וואַסער נישט מער ווי דריי מייל אַ שעה, און דער ים איז געווען גאַנץ רויק. אָבער מאַגרידזש האָט גע־האַט ווייניק חשק אונטערצוטונקען זיך אין ים. אפשר האָט ער געזען אונטערגעטונקטע מענטשן, אַגב, איז דאָס וואַסער געווען שרעקלעך קאַלט, און ער איז געווען אַ שוואַך־געבויטער.

ווי געוויינלעך האָט די וואַך פון אונטן און די יעגער זיך גענומען זיך ווייל̄ן.

מאַגרידזש האָט, ווייזט אויס, געוואָלדיק מורא געהאַט פאַרן וואַסער, און ער האָט אַרויסגעוויזן אַ פלינקייט און שנעלקייט, וואָס מיר האָבן זיך גאָרנישט געריכט דערויף. אַריינגעשטופּט אין אַ ווינקל, רעכטס פון היגטערשטן שיפטייל אין דער קיך, איז ער געשפּרונגען, ווי אַ קאַץ, צום שפּיץ פון דער קאַבינע און איז געלאָפן צום הינטערשטן שיפטייל, אָבער היות ווי זיי־נע פאַרפאָלגער זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג, איז ער צוריק־געשפּרונגען דורך דער קאַבינע, פאַרביי דער קיך און דערגרייכט דעם דעק מיט דער הילף פון קוילנקעסטל פון רודערשטיבל.

ער איז געלאָפן גלייך, דער וויעסלער העריסאָן נאָך אים, דעריאָגנדיק אים. אָבער מאַגרידזש, אַ שפּרונג טוענדיק אומ־געריכט, האָט אַ כאַפּ געטון דעם דראָנג פון דרייקאַנטיקן זעגל. דאָס איז געשען אין אַ רגע. האַלטנדיק זיין משא מיט דער האַנט, און איינבייגנדיק זיין קערפּער ביז די היפטן, האָט ער אַ קאַפּ געטון מיט ביידע פיס. דער אָנקומענדיקער העריסאָן האָט באַקומען אַ זעץ גלייך אין בויך אַריין; ער האָט נישט־ווילנ־דיק אַ קרעכץ געטון, זיך אויסגעדרייט און הינטערוויילעכטס געפאַלן אויפן דעק.

דאָס פּאַטשן מיט די הענט און געלעכטערס פון די יע־גער האָט באַגריסט די העלדנטאַט, בעת מאַגרידזש, אַוועקנאַרנ־דיק זיך פון זיינע פאַרפאָלגערס ביים פאָדערמאַסט, איז געלאָפן צום הינטערשטן שיפטייל און אויך די איבעריקע, ווי אַ לויפער אין פוטבאָל־פעלד.

אַזוי גרויס איז געווען זיין שנעלקייט, אַז בעת ער איז פאַרביי דעם ווינקל פון דער קאַבינע, האָט ער זיך אויסגעגליטשט

און אומגעפאַלן. ניילסאָן איז געשטאַנען ביים ראָד און דעם קאַקניס לויפנדיקער קערפּער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן זיינע פיס.

ביידע זענען געפאַלן אויף דער ערד, אָבער נאָר מאַגרידזש האָט זיך אויפגעהויבן. צוליב אַ קאַפּריז פון דרוק, האָט זיין שוואַכער גוף אַ קלאַפּ געטון דעם שטאַרקן מענטשס פוס, פונקט ווי אַ פיפערל.

פאַרסאָנס האָט גענומען דאָס ראָד, און דאָס גרויע איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

זיי זענען געלאָפן אַרום דעם דעק, מאַגרידזש האָט גע־איבלט פאַר שרעק, די מאַטראָזן האָבן געשריגן און געגעבן אָנווייזונגען איינער דעם צווייטן, און די יעגער האָבן מיט זייערע געוואַלדן און געלעכטער צוגעגעבן מוט.

מאַגרידזש איז אַנידערגעפאַלן אויפן פאָדערשטן טייל און געבליבן ליגן אונטער דריי מענטשן; אָבער ער איז קאַפּויער געקומען פון דער מאַסע פונקט ווי אַן אַאַל, און פון מויל האָט געריננען בלוט, דאָס באַרימטע העמד צוריסן אויף פיצלעך, און ער איז געלאָפן צו דער הויפּט־אויסשטאַטונג.

ער איז אַרויף אינדערהויך. איבער די זיך קרייצנדיקע שטריק, ביז צום סאַמע שפּיץ פון מאַסט.

אַ האַלבער טוץ מאַטראָזן איז אַרויפגעקראָכן צו די קרייץ־העלצלעך, ווו זיי האָבן זיך געקלאַמערט און געוואַרט, בעת צוויי פון זיי, אומטי-אופטי און בלעק לאַטימערס שיפלרודערער) זענען ווייטער אַרויף אויף די דינע שטאָלענע קייטן, אויפהייבנדיק זייערע קערפּערס וואָס־אַמאָל העכער מיט דער הילף פון די אָרעמס.

דאָס איז געווען אַ געפערלעכע אונטערנעמונג, ווייל אויף אַ הויך פון איבער 100 פוס פון דעק, זיך האַלטנדיק ביי די הענט, האָבן זיי זיך נישט געפונען אין קיין גוטער פּאָזיציע צו קענען זיך פאַרטיידיקן פאַר מאַגרידזשס פיס. און מאַגרידזש האָט ווילד געקאָמפעט, ביז קאַנאַקאַ, וואָס איז געהאָנגען, צוהאַלטנ־דיק זיך מיט איין האַנט, האָט מיט דער אַנדערער געכאַפּט דעם

קאָקטיס פוס.

בלעק האָט אין אַ מאָמענט שפּעטער געטון דאָסזעלבע מיטן צווייטן פוס. דאַן האָבן אַלע דריי זיך געדרייט אין אַ וואַקלענדיקער קנויל, קעמפנדיק, גליטשנדיק און אַריינפאַלנדיק אין די אָרעמס פון זייערע חברים, וואָס אויף די קרייצ־העלצלעך.

די לופט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און טאָמאַש מאַג־רידזשן, וואָס האָט געוויינט און געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע פראַזן, מיט אַ מויל פול בלוטיקער שוים, האָט מען אַרויפגע־ברענגט אויפן דעק.

וואָלף לאַרסען האָט אַריינגעזעצט אַ שטיקל דראָט אין אַ שטריקל און עס צוגעבונדן אונטער זיין אָרעם. דאַן האָט מען אים אַרויפגעטראָגן אויפן הינטערשטן שיפטייל און אַריינגע־וואָרפן אין ים אַריין.

מ׳האָט אויסגעצויגן פערציק—פופציק—זעכציק פוס שטריק, ווען וואָלף לאַרסען האָט אַ געשריי געטון: „אַרומוויקלען!״ אופּ־טי־אופּטי האָט דאָס געטון.

דער שטריק האָט זיך אויסגעצויגן, און דאָס געשפּענסט, שפּרינגנדיק פאָרויס, האָט אַ שליידער געטון דעם קוכער צו דער אויבערפלאַך.

דאָס איז געווען אַ שוידערלעך בילד. הגם ער האָט נישט געקאָנט דערטרונקען ווערן, האָט ער געליטן די יסורים פון אַ האַלב־דערטרונקענעם.

דאָס געשפּענסט איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, און ווען דער הינטערשטער שיפטייל האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ כוואַליע און אַ שלעפּ געטון דעם אומגליקלעכן. צו דער אויבער־פלאַך האָט זי אים געגעבן אַ פרייען מאָמענט אָפּצואָטעמען; אָבער צווישן יעדן הויב איז דער אונטערשטער שיפטייל אַראָפּגעפאַלן, און בעת דער דזשאָב איז פויל געקראָכן אויף אַ כוואַליע, האָט דער שטריק נאָכגעלאָזט און ער איז אַראָפּ אונטן.

כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מאוד ברוסטער, און מיט אַ ציטער האָב איך זיך דערמאָנט אָן איר, בעת זי האָט זיך אַוועק־

געשטעלט לעבן מיר.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט זיך געפונען אויפן דעק, זינט זי איז אַרויף אויפן שיף. אַ טויטע שטילקייט האָט באַגריסט איר באַווייזן זיך.

„וואָס איז די סיבה פון דער שמחה?" האָט זי געפרעגט.

„פרעגט קאַפּיטאַן לאַרסענען", האָב איך געענטפערט רויִק און קאַלט, הגם אינעווייניק אין האַרצן האָט געקאָכט דאָס בלוט ביים געדאַנק, אַז זי וועט בייווייזן אַזאַ ברוטאַלישקייט.

זי האָט געהאָרכט מיין עצה און געוואָלט אַזוי טון, ווען אירע אויגן האָבן דערזען לעבן זיך אופּטי-אופּטי מיט זיין פליכקן און שלאַנקן קערפּער, ווי ער האַלט דעם קניפּ פון שטריק.

„איר כאַפּט פיש?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט גישט געענטפערט. זיינע אויגן, אָנגעשטרענגט אויפן ים, האָבן פּלוצלונג אויפגעלויכטן.

„אַ, אַ הייפיש, סער!" האָט ער אַ געשריי געטון.

„שלעפּט אים אַריין! לעבעדיק! אַלע הענט אַרויף אויפן עק שיף!" האָט וואָלף לאַרסען געשריגן, אַליין צושפּרינגענדיק צום שטריק פאָרויס פאַרן שנעלסטן.

מאַגרידזש האָט געהערט דעם קאַנאַקאַס וואָרנונגס-אויסרוף און געהוילדעוועט ווי אַ משוגענער. כ'האָב געזען ווי שוואַרצע פלוספעדערן שניידן אַדורך דאָס וואַסער און יאָגן זיך נאָך אים מיט אַ גרעסערער געשווינדקייט, ווי מ'האָט אים אַרויפגעשלעפּט אויפן דעק.

די פראַגע איז געווען, צי דער הייפיש וועט אים כאַפּן, אָדער מיר וועלן אים אַרויפנעמען אויפן דעק.

ווען מאַגרידזש איז שוין געווען אונטער אונז, האָט זיך דער הינטערשטער שיפּטייל אָנגעהויבן רוקן אויף אַ דורכגייענדיקער כוואַליע, און דאָס האָט געגעבן די איבערגעוויכט דעם הייפיש. די פלוספעדערן זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. דער ווייסער בויך

האָט אַ שווינדל געטון פאַר די אויגן אין אַ שנעלן הייב אינ־דערהייך. כמעט אַזוי פלינק איז געווען וואָלף לאַרסען. מיט איין וואָרף האָט ער אויסגענוצט זיין געוואַלטיקן כוח. דעם קאָק־ס גוף איז אַרויס פון וואַסער, און נאָך אים דער הייפיש.

מאַגרידזש האָט איינגעקורטשעט די פיס און דער מענטשן־פרעסער האָט באַוויזן אָנצוכאַפּן איין פוס, אָבער מיט אַ פּלוסק צוריק אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

טאָמאַש מאַגרידזש האָט אַ געשריי געטון. דאַן האָט ער אָנגעהויבן אַרויפצוקלעטערן ווי אַ נאַר־וואָס געפאַנגען פישל, אויסגעמיטן דעם פאָרענטש און אַרויפגעפאַלן אויפן דעק ווי איין קופּע ביינער מיט די הענט און קני און זיך גע־וואַלגערט.

אָבער פון פוס האָט זיך געגאָסן אַ שטראָם בלוט. ס'האָט געפעלט דער רעכטער פוס־טריט, דער הייפיש האָט אים אַמפּו־טירט ביז צום ביינדל.

איך האָב גליייך אַ קוק געטון אויף מאוד ברוסטער. איר פנים איז געווען טויט־בלאַס, די אויגן פול מיט שרעק. זי האָט געקוקט נישט אויף טאָמאַש מאַגרידזשן, נאָר אויף וואָלף לאַרסענען.

ער האָט דאָס דערשפּירט, ווייל ער האָט אַ זאָג געטון, מיט איינעם פון זיינע קורצע געלעכטערן:

„מענטשן־שפּיל, מיס ברוסטער, אַ ביסל ווילדער, כ'בין מודה, ווי איר זענט געוווינט צו זען, אָבער דאָך — מענטשן־שפּיל. דער הייפיש איז נישט אַריינגעגאַנגען אין חשבון. דאָס — —".

אָבער דאָ האָט אים איבערגעריסן מאַגרידזש, וועלכער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזעענדיק די גרויס פון זיין פאַר־לוסט, זיך אַ ריס געטון און פאַרגראָבן זיינע ציין אין וואָלף לאַרסענס פיס.

וואָלף לאַרסען האָט זיך אַראָפּגעבויגן און קאַלטבלוטיק אַריינ־געשטעקט זיין גראָבן פינגער און דעם ווייז־פינגער אונטער דער

קינבאַק און אונטערן אויער.

די קינבאַק האָט זיך בישטווילנדיק צעשפּרייט און וואָלף לאַרסען איז זיך פריי אוועקגעגאַנגען.

„אַזוי ווי כ'האָב אייך געזאָגט", האָט ער פאָרגעזעצט, גלייך ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען קיין שום אומגעוויינלעכס, „איז דער הייפיש נישט אַריינגעגאַנגען אין חשבון. דאָס איז געווען — הא, זאָלן מיר זאָגן די השגחה?"

זי האָט זיך געמאַכט ווי זי הערט נישט, הגם ווען זי האָט זיך אוועקגעדרייט, האָב איך באַמערקט אין אירע אויגן אַן אויסדרוק פון אומבאַשרייבלעכן עקל.

זי האָט געמאַכט נישט מער ווי איין טריט, און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען און שאָקלען, און שוואַך אויסגע-שטרעקט די האַנט צו מיר.

כ'האָב באַוויזן זי אָנצונעמען, איידער זי וועט פאַלן און איר געהאָלפן זיך אַנידערזעצן.

כ'האָב געמיינט, אַז זי וועט באַלד חלשן, אָבער זי האָט זיך באַהערשט.

„איר וועט מאַכן אַ באַנדאַזש, מר. וואַן ווײדן?" האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט צו מיר.

כ'האָב מיך געקווענקלט. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגן, און הגם זיי האָבן נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, האָט זי מיר באַפוילן מיט אירע אויגן, גלייך ווי זי וואָלט גערעדט, צוהעלפן דעם אומגליקלעכן מענטש. „ביטע", האָט זיך איר איינגעגעבן אַרויסצושעפּטשען און כ'האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געהאָרכט.

איצט בין איך שוין געווען אַזוי געניט אין כירורגיע, אַז וואָלף לאַרסען, נאָכדעם ווי ער האָט מיר געגעבן אייניקע אָנ-ווייזונגען, האָט מיך איבערגעלאָזט ביי דער אַרבעט, געבנדיק מיר צו הילף עטלעכע מאַטראָזן.

ער ווידער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע נקמה צו נעמען אָן דעם הייפיש.

ער האָט אַריינגעלאָזט אין ים אַריין אַ שווערן האָק, אויף

וועלכן ס'איז געווען צוגעקלעבט אַ שטיק געזאַלצן פעט חזיר-פלייש; און בעת כ'האָב צוגענייט די אָפּגעטיילטע אָדערן און אַרטעריעס, האָבן די מאַטראָזן געזונגען און אַריינגעשלעפּט די שרעקלעכע חיה.

איך האָב דאָס נישט געזען, נאָר מיינע אַסיסטענטן, אייגער נאָכן אַנדערן, האָבן מיך פאַרלאָזט אויף אַ פּאָר מינוט, כּדי אַרויפצולויפן אויפן צווישנדעק און זען וואָס דאָרט קומט פאָר.

דער הייפיש, אַ זעכצן-פוסיקער, איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף דער הויפּט-אויסשטאַטונג.

די קינבאַקן זענען זייער ברייט פאַנאַנדערגעעפנט געוואָרן און אינעווייניק איז אַריינגעזעצט געוואָרן אַ גראָבער קאָלעק, וואָס איז געווען שפּיציק פון ביידע זייטן, און ווען מ'האָט אַרויסגענומען דאָס שטיקל אייזן פון די פאַנאַנדערגעשפּרייטע קינבאַקן, האָבן זיי זיך אָנגעשפּאַרט אויפן קאָלעק. אָפּטוענדיק דאָס, האָבן די מאַטראָזן אויסגעשניטן דעם האָק.

דער הייפיש איז צוריק אַריינגעפאַלן אין ים אַריין, הילפלאָז, דאָך מיט זיין פולער קראַפט, פאַרמשפּט אויף אַ לאַנגדויערנדיקן טויט — אַ לעבעדיקער טויט, וואָס איז נאָך ווייניקער געווען צוגעפּאַסט פאַר אים, ווי פאַרן מענטשן, וואָס האָט אויסגעטראַכט דיזאָזיקע שטראָף.

קאַפּיטל דריי.

כ'האָב געוווּסט נאָך וואָס זי איז צוגעקומען צו מיר.

אין משך פון צוויי מינוט האָב איך זי אָבסערווירט, ווי זי שמועסט אין אַן ערנסטן טאָן מיטן אינזשיניער. און איצט, נעמענדיק איר אַ ווינק, אַז זי זאָל שווייגן, האָב איך זי אָוועק-

געפירט אַ ביסל ווייטער, כדי דער רודערער זאָל אונז נישט קענען הערן.

איר פּנים איז געווען ווייס און פאַרטראַכט; אירע גרויסע אויגן, גרעסער ווי געוויינלעך צוליב זייער אַנטשלאָסנקייט, האָבן דורכדרינגענדיק געקוקט אויף מיינע.

כ׳האָב מיך געפילט נישט דרייסט און איבערגעשראָקן, ווייל זי איז געקומען זוכן העמפּרי וואָן ווערדנס נשמה, און העמפּרי וואָן ווערדן האָט זינט זיין אַרויפקום אויפן געשפּענסט פון גאָרנישט געהאַט וואָס שטאָלץ צו זיין.

מיר זענען צוגעגאַנגען צום הינטערשטן שיפטייל, ווו זי האָט זיך אויסגעדרייט און מיך אָנגעקוקט. כ׳האָב מיך אומגעקוקט, כדי צו זען צי קיינער הערט אונז נישט.

„וואָס איז?" האָב איך איידל געפרעגט; אָבער דער אויסדרוק פון אַנטשלאָסנקייט אויף איר פּנים איז נישט שוואַכער געוואָרן.

„כ׳קען נאָך פאַרשטיין", האָט זי אָנגעהויבן, „אַז דאָס געשעעניש היינט אינדערפרי איז געווען אַ צופאַל; כ׳האָב אָבער געשמועסט מיט מר. העסקינס. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין זעלבן טאָג, ווען מען האָט אונז אַרויסגעראַטעוועט, טאַקע בעת כ׳האָב זיך געפונען אין דער קאַבינע, האָט מען דערטרונקען צוויי מענטשן, דערטרונקען בכיוון — דערמאָרדעט געוואָרן."

אין איר שטים האָט זיך געהערט אַ פראַגע און זי האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ באַשולדיקער, גלייך כ׳וואָלט שולדיק געווען אין געשעענעם, אָדער לכל הפּחות דערין אַנטייל גענומען.

„די אינפאָרמאַציע איז פולשטענדיק ריכטיק", האָב איך געענטפערט. „די צוויי מענטשן זענען דערמאָרדעט געוואָרן".

„און איר האָט עס צוגעלאָזט!" האָט זי אויסגערופן.

„כ׳בין נישט אימשטאַנד געווען דאָס צו שטערן, אַזוי וועט זיין בעסער זיך אויסצודריקן", האָב איך געענטפערט נאָך

אַלץ איידל.

„אָבער איר האָט געפּרוּווט צו שטערן?” ס׳האָט זיך גע־פּילט אַ באַטאָנונג אין וואָרט „געפּרוּווט” און אַ ביסל אַ בעטנ־דיקער טאָן אין איר שטים.

„אָ, איר האָט דאָס נישט געטון”, האָט זי שנעל געזאָגט, משער זייענדיק מיין ענטפער. „אָבער פאַרוואָס האָט איר נישט געפּרוּווט?”

כ׳האָב געצויגן מיט די אַקסלען.

„איר מוזט געדענקען, מיס ברוסטער, אַז איך זענט אַ פרישער איינוווינער אויפן דאָזיקן קליינעם וועלטל, און אַז איר פאַרשטייט נאָך נישט די געזעצן, וואָס פאַרפליכטן דאָ. איר ברענגט מיט זיך געוויסע קאָנצעפּציעס וועגן מענטשלעכקייט, מענערישקייט, אויפפירונג און נאָך אַזעלכע זאַכן; אָבער דאָ זענען זיי מיסקאָנצעפּציעס. אַזוי האָב איך אויסגעפונען”, האָב איך צוגעגעבן מיט אַ נישטווילנדיקן זיפץ.

זי האָט נישט-גלויבנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„וואָס וואָ׳ט איר געעצהט צו טון?” האָב איך געפרעגט. „אַז כ׳זאָל נעמען אַ מעסער, אָדער אַ ביקס, אָדער אַ האַק, און דערהרגענען דעמדאָזיקן מענטש?”

זי האָט זיך האַלב-דערשראָקן אָפּגערוקט:

„ניין, נישט דאָס מיין איך!”

„דאַן וואָס האָב איך געזאָלט טון? דערהרגענען מיך?”

„איר רעדט אין מאַטעריאַליסטישע טערמינען”, האָט זי אָפּאָנירט. „פאַראַן אַזאַ זאַך ווי מאָראַלישער קוראַזש, און מאָ־ראַלישער קוראַזש ווירקט שטענדיק”.

„אַ”, האָב איך געשמייכלט, „איר עצהט מיך נישט צו דערהרגענען אים און נישט זיך אַליין, נאָר לאָזן אים מיך דערהרגענען”.

כ׳האָב אַ מאַך געטון, בעת זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן.

„ווייל מאָראַלישער קוראַזש איז אַ ווערטלאָזע זאַך אויף דעמדאָזיקן קליינעם שווימענדיקן וועלטל. ליטש, איינער פון די

דערמאָרדעטע, האָט באַוזעסן מאָראַלישן קוראַזש אין אַן אומגע־ווײנלעכער מאָס. און אַזוי אויך דער אַנדערער, דזשאָנסאָן. אָבער נישט נאָר איז דאָס זיי בײגעשטאַנען, נאָר זיי פאַרביכטעט. און אַזוי וואָלט געשען מיט מיר, אויב כ׳וואָלט אויסגענוצט מײן ביסל מאָראַלישן קוראַזש.

„איר מוזט פאַרשטײן, מיס ברוסטער, און קלאָר פאַרשטײן, אַז דערדאָזיקער מענטש איז אַ מאָנסטער. ער באַזיצט נישט קײן געוויסן, קײן שום זאַך איז נישט הײליק פאַר אים, קײן שום זאַך איז נישט צו שרעקלעך פאַר אים, אַז ער זאָל דאָס נישט טון. קודם־כּל האָב איך צו פאַרדאַנקען זײן קאַפּריז, וואָס כ׳בין פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דערדאָזיקער שיף, און אַ דאַנק זײן קאַפּריז, לעב איך נאָך. כ׳טו גאָרנישט, כ׳קען גאָרנישט טון, ווײל כ׳בין אַ שקלאַף פון דאָזיקן מאָנסטער, פּונקט ווי איר זענט איצט זײנס אַ שקלאַף; ווײל כ׳וויל לעבן, פּונקט ווי איר ווילט דאָס; ווײל כ׳קען נישט קעמפן און אים באַזיגן, פּונקט ווי איר וועט נישט אימשטאַנד זײן צו קעמפן און אים באַזיגן“.

זי האָט געוואַרט, אַז כ׳זאָל ווײטער רעדן.

„וואָס בלײבט איבער צו טון? מײן ראָל איז די ראָל פון די שוואַכע. איך מוז שטילשווײגן און לײדן שאַנד, פּונקט ווי איר וועט שטילשווײגן און לײדן שאַנד. און אַזוי איז גוט.דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס מיר קענען טון, אויב מיר ווילן לעבן בלײבן. די שלאַכט איז נישט שטענדיק גינסטיק פאַר די שטאַר־קע. מיר האָבן נישט אַזאַ כּוח, אַז מיר זאָלן קעמפן מיטן דאָ־זיקן מענטש; מיר מוזן סימולירן און געווינען, אויב מיר קענען געווינען דורך כיטרעקײט. איר דאַרפט טון, וואָס כ׳וועל אײך ראַטן. כ׳ווײס, אַז מײן פּאָזיציע איז אַ געפער־עכע, און כ׳קען אָפנהאַרציק זאָגן, אַז אײערע איז נאָך געפערלעכער. מיר מוזן זיך האַלטן צוזאַמען, נישט אַרויסווײזן דאָס, אין אַ געהײמען בונד. כ׳וועל נישט אימשטאַנד זײן אָפן צו שטײן אויף אײער זײט, און נישט געקוקט אויף די חרפּות, וואָס איר וועט דאַרפן אויסשטײן, מוזט איר אויך שטילשווײגן, מיר טאָרן נישט פּראָ־

וואַצירן קיין שום סצענעס מיטן דאָזיקן מענטש און נישט אַנט־קעגנשטעלן זיך זיין ווילן, און מיר מוזן ווייזן אַ שמייכלענדיק פּנים. און זיין פריינטלעך מיט אים, נישטגעקוקט ווי אָפּשטויסנ־דיק דאָס וועט זיין פאַר אונז".

זי האָט אַ געפּלעפּטע אַ פּיר געטון מיט דער האַנט אי־בערן שטערן, זאָגנדיק:

„דאָך פאַרשטיי איך נישט".

„איר מוזט טון, ווי כ'זאָג אייך", האָב איך אויטאָריטעט־מעסיק איבערגעשלאָגן אירע רייד, ווייל כ'האָב געזען, ווי וואָלף לאַרסענס בליק איז געווענדט צו אונז. ער האָט שפּאַצירט אויפן צווישנדעק מיט לאַטימערן. „טוט, ווי כ'הייס אייך, און איינגיכן וועט איר זען, אַז כ'בין גערעכט".

„וואָס־זשע דאַרף איך טון?" האָט זי געפרעגט, דערזעענ־דיק דעם איבערגעשראָקענעם בליק, וואָס כ'האָב געוואָרפן אויפן אָביעקט פון אונזער שמועס, און אונטערן רושם, כ'רים מיך אַליין, פון דער ערנסטקייט פון מיין אויפפירונג.

„באַגייט אייך אָן דעם מאָראַלישן קוראַזש, אויף וויפיל איר קענט", האָב איך שנעל געזאָגט. "דערוועקט נישט דעמדאָ־זיקן מענטשס צאָרן. זייט גאָר פריינטלעך מיט אים, שמועסט מיט אים, דיסקוסירט מיט אים, וועגן ליטעראַטור און קונסט — ער האָט שטאַרק ליב צו שמועסן וועגן דיזאָזיקע ענינים. איר וועט אין אים האָבן אַן אינטערעסאַנטן צוהערער און נישט קיין נאַר. און פאַר אייער אייגענער טובה וועגן, באַמיט אייך אויס־צומיידן, אויף וויפיל איר קענט, בייצוווינען די ברוטאַלע סצע־נעס אויף דער שיף. דאָס וועט אייך פאַרלייכטערן צו שפּילן אייער ראָל".

„הייסט עס, אַז כ'מוז זאָגן ליגן", האָט זי געזאָגט אין אַן ענערגישן, בונטאַרישן טאָן, „ליגן זאָגן אין וואָרט, אין טאַט".

וואָלף לאַרסען האָט זיך אָפּגעטיילט פון לאַטימערן, און צוגעגאַנגען צו אונז. כ'בין געווען פאַרצווייפלט.

„ביטע, ביטע, פאַרשטייט מיך", האָב איך געזאָגט אין איילעניש, רעדנדיק שטילער. „אייער גאַנצע דערפאַרונג וועגן

מענטשן און זאַכן איז דאָ אַן ווערט. דאָ מוזט איר אַלץ אָנהייבן פונדאָסניי. כ׳ווייס — כ׳זע דאָס — צווישן אַנדערן זענט איר געוווינט געווען צו באַפעלן מענטשן מיט אייערע אויגן, לאָזנדיק דורך זיי רעדן אייער מאָראַלישן קוראַזש. איר האָט מיר שוין באַפוילן מיט אייערע אויגן, מיך געפירט מיט זיי. אָבער פרווט דאָס נישט אויס אויף וואָלף לאַרסענען. איר וואָלט אַזוי לייכט געקאָנט באַהערשן אַ לייב, בעת ער וואָלט חוזק געמאַכט פון אייך. כ׳בין שטענדיק שטאָלץ געווען פון פאַקט, וואָס איך האָב אים אַנטדעקט״, האָב איך געזאָגט, ווענדנדיק דעם שמועס אין אַן אַנדערער ריכטונג, אין דעם מאָמענט, ווען וואָלף לאַרסען איז צוגעקומען צו אונז. „די רעדאַקטאָרן האָבן פאַר אים מורא געהאַט און די פאַרלעגער האָבן גאָרנישט געוואָלט וויסן פון אים. אָבער כ׳האָב געוווסט, און זיין גענאַליטעט אין מיין אורטייל האָבן נקמה גענומען, ווען ער האָט געמאַכט זיין הערלעכן אַרויספאָר מיט זיין „קרזשניע״.

„און דאָס איז געווען אַ צייטונגספּאָעמע״, האָט זי געזאָגט, נישט קרענקנדיק זיך.

„צופעליק האָט זי דערזען די ליכטיקע שיין אין אַ צייטונג״, האָב איך געענטפערט „אָבער נישט דערפאַר, וואָס די רעדאַקטאָרן פון די זשורנאַלן האָבן נ י ש ט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין איר״.

„מיר שמועסן וועגן ח ע ר י ס ן״, האָב איך געזאָגט צו וואָלף לאַרסענען.

„אָ, יאָ״, האָט ער באַשטעטיקט. „כ׳געדענק די „קוזשניע״. אָנגעפילט מיט שיינע סענטימענטן און אַן אַלמעכטיקן גלויבן אין מענטשלעכע אילוזיעס. אַגב, מר. וואַן ווייַדן, איר וואָלט ליבערשט אַ קוק געטון אויף קוקין. ער באַקלאָגט זיך עפּעס און איז אומרויִק״.

אָט אַזוי-אַרום בין איך אויף אַ גראָבן אופן אַרויסגעיאָגט געוואָרן אויף הינטערשטן שיפטייל, כדי צו טרעפן מאַגרידזשן, ווי ער שלאָפט געשמאַק צוליב דעם מאָרפיום, וואָס כ׳האָב אים איינגעשפריצט. כ׳האָב מיך נישט געאיילט אומצוקערן זיך אויפן דעק,

און ווען כ'בין צוריקגעקומען, בין איך צופרידן געווען, זענ־דיק ווי מיס ברוסטער פירט אַ לעבהאַפטן שמועס מיט וואָלף לאַרסען. ווי־געזאָגט, האָט דאָס מיך צופרידנגעשטעלט. זי האָט געפאָלגט מיין עצה. און דאָך האָב איך געפילט אַ לייכטע באַ־ליידיקונג אין דעם פאַקט, וואָס זי האָט געקענט טון דאָס, וואָס כ'האָב זי געבעטן און וואָס זי האָט קענטיק פיינט געהאַט.

קאפּיטל פיר.

שטאַרקע ווינטן, וואָס האָבן גינסטיק געבלאָזן, האָבן שנעל געטריבן דאָס געשפּענט אין דער צפון־ריכטונג, אין דער פּאָקע־סטאַדע. מיר האָבן זי באַגעגנט אין דער הויך ביים פיראונפער־ציקסטן פּאַראַלעל, אין אַ ווילדן און שטורמישן ים, איבער וועלכן דער ווינט האָט געיאָגט די נעפּל־ברעגן אין אַן איי־ביקן לויף.

צייטנווייז האָבן מיר גאַנצע טעג נישט געזען די זון און נישט געמאַכט קיין אָבסערוואַציע; די אויבערפלאַך פון ים, די כוואַליעס האָבן זיך געבלעזלט און געבלישטשעט און מיר זענען געוואָר געוואָרן, ווו מיר געפינען זיך.

ס'האָט זיך געשטעלט אַ שיין וועטער, וואָס האָט געדויערט אַ דריי־פיר טאָג, און דאַן האָט זיך דער נעפּל אָנגעזעצט אויף אונז, נאָך געדיכטער, ווי אַלעמאָל.

דאָס געיעג איז געווען געפערלעך; אָבער די שיפלעך, וואָס מ'האָט יעדן טאָג אַראָפּגעלאָזט, זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין דער גראָער פינצטערניש, און מ'האָט זיי שוין מער נישט געזען ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן, און אָפּט ערשט אַ לאַנגע צייט שפּעטער, ווען זיי זענען איינס נאָכן אַנדערן געקומען צו־קריכן, ווי ים־געשפּענסטער.

ווייניגרייט — דער יעגער, וועלכן וואָלף לאַרסען האָט

צוגעגנבעט מיטן שיפֿל און דער מאַנשאַפֿט — האָט אויסגענוצט דעם פֿאַרנעפּלטן ים און אַנטלאָפֿן.

איינמאָל אינדערפֿרי איז ער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין נעפּל מיט זײַנע צוויי מענטשן, און מיר האָבן זיי שוין מער נישט צוריקגעזען, הגם ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר זענען געוויר געוואָרן, אַז זיי זענען איבערגעגאַנגען פֿון איין סקונער צום צווייטן, ביז זיי זענען אַרויף אויף זייער אייגענעם סקונער.

דאָס זעלבע האָב איך געטראַכט צו טון, אָבער כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט. ס׳האָט זיך נישט געפּירט, אַז דער באַלעבאָס זאָל מיטפֿאָרן מיט די שיפֿלעך, און הגם כ׳האָב אויף אַ כיטרע אופֿן דאָס געוואָלט טון, האָט וואָלף לאַרסען קיינמאָל מיר נישט געגעבן קיין דערלויבעניש דערויף. וואָלט ער דאָס געטון, וואָלט זיך מיר ווי עס איז איינגעגעבן אָוועקצופֿירן מיט זיך מיס ברוסטער. ווי די זאַך איז געשטאַנען, האָט זיך די סיטואַציע אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו אַ סטאַדיע, וועלכע כ׳האָב מורא געהאַט צו באַטראַכטן.

נישט־ווילנדיק האָב איך אויסגעמיטן צו קלערן דערפֿון, און דאָך האָט מיך דער געדאַנק וועגן דעם שטענדיק געפּלאָגט, ווי אַ אָפּשרעקנדיק געשפּענסט.

כ׳האָב אין מײַנער צײַט געלייענט ים־ראָמאַנען, אין וועלכע ס׳האָט, ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, פֿיגורירט אַן איינזאַמע פֿרוי אין מיטן פֿון אַ שיף פֿול מיט מענטשן. אָבער איצט בין איך געוויר געוואָרן, אַז כ׳האָב קיינמאָל נישט משיג געווען דעם טיפֿערן באַטייט פֿון אַזאַ סיטואַציע — צו וועלכער די שרייבער קערן זיך אַזוי אָפֿט אום און וועלכע זיי עקספּלואַטירן גרינטלעך. און אָט געפֿין איך זיך איצט אין אַזאַ לאַגע. כּדי עס זאָל זײַן לעבעדיקער, ווי מעגלעך, האָט עס גראָד געדאַרפֿט זײַן מאָוד ברוסטער, וואָס האָט מיך פֿערזענלעך באַצויבערט, ווי זי האָט מיך שוין לאַנג פֿאַרכּישופֿט מיט אירע ווערק.

מ׳האָט זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן אַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי נישט זײַן צוגעפּאַסט צו דעראָזיקער סביבה, ווי זי. זי

איז געווען אַ דעליקאַט, עטעריש וועזן, אַ וואַקלענדיקע און ביינגעוודיקע, לייכט און גראַציעז אין באַוועגונג. מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז זי גייט נישט, אָדער לכל־הפּחות גייט זי נישט, ווי די געוויינלעכע שטערבלעכע. זי איז געווען אַן אויסער־געוויינלעך בויגעוודיקע, און זי האָט זיך באַוויגן מיט אַ גע־וויסער אומבאַשטימבאַרער לופטיקייט, דערנענטערנדיק זיך צום מענטש, ווי פון פליט, אָדער ווי אַ פויגל אויף גרווישלאָזע פליגל.

זי איז געווען גלייך צו אַ שטיק דרעזדענער פאָרצעליין. כ'האָב מיך כסדר געפונען אונטערן רושם פון איר דעליקאַטן קערפּער. פּונקט ווי דעמאָלט, ווען כ'האָב אָנגענומען איר אָרעם, כדי אַראָפּצופירן זי אונטן, אין דער קאַביגע אַהין, אַזוי בין איך צו יעדער צייט צוגעגרייט געווען צו זען, ווי זי צעקרישלט זיך בעת אַן אומגליק, אָדער אַ גראָבער באַהאַנדלונג.

כ'האָב קיינמאָל נישט געזען קערפּער און גייסט אין אַזאַ פולקאָמען איינקלאַנג. שילדערט אירע לידער, ווי די קריטיקער האָבן דאָס געטון, אַזוי דערהויבן אין גייסטליך, און איר דהאָט פאַר זיך די שילדערונג פון איר קערפּער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אַ טייל פון איר נשמה, אַז ער האָט דיזעלבע אַטרי־בוטן, און אַז ער איז פאַרבונדן מיטן לעבן מיט די צערטלעכ־סטע קייטן. בעת זי האָט לייכט געטרעטן אויף דער ערד, און אין איר קערפּער האָט זיך ווייניק געפונען דאָס גראָבע ליים.

זי איז געווען אַ שניידנדיקער קאָנטראַסט צו וואָלף לאַר־סען. ער איז געווען דאָס, וואָס זי איז נישט געווען, און זי — דאָס, וואָס ער איז נישט געווען. איינמאָל אינדערפרי האָב איך זיי באַטראַכט, בעת זיי האָבן צוזאַמען שפּאַצירט אויפן דעק, און כ'האָב זיי פאַרגליכט צו די עקסטרעמע שפּיצן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונגס־לייטער — ער, דער קולמינאַ־ציע־פּונקט פון אַלעם ווילדן, זי — דער פאַרפולקאָמטער פּראָ־דוקט פון דער סובטעלסטער ציוויליזאַציע.

אמת, וואָלף לאַרסען האָט באַזעסן אַן אינטעלעקט אין אַן אומגעוויינלעכער מדרגה, אָבער ער איז געווען געווענדט בלויז אויף אויסצופירן זיינע ווילדע אינסטינקטן און דערפאַר געמאַכט

אים נאך שרעקלעכער.

ער האט באזעסן הערלעכע מוסקולן, געווען א שווערער פארשוין, און הגם ער האט געשפרייזט מיט דער זיכערקייט פון א פיזיש־שטארקן מענטש, האט זיך אן זיין שפרייזן גארנישט באמערקט קיין שווערס. אין דעם אויפהייבן זיך און אראפלאזן פון זיינע פיס האט געלויערט די דזשונגל און דער מדבר.

ער האט באזעסן קעצישע פיס, געווען בויגעוודיק, שטארק, שטענדיק שטארק.

כ'האב אים פארגליכט צו א גרויסן טיגער, דער העלדישער און רויבישער בעסטיע. ער האט אזוי אויסגעזען, און דער דורכדרינגנדיקער שימער, וואס האט זיך טיילמאל באוויזן אין זיינע אויגן, איז געווען דערזעלבער דורכדרינגנדיקער שימער, וואס כ'האב באמערקט אין די שטייגן ביי די לעמפארדן און רויב חיות פון דער מדבר.

אבער יענעם טאג, ווען כ'האב זיי אבסערווירט, ווי זיי שפאצירן אהין און צוריק, האב איך געזען, אז זי פירט אן מיטן שפאציר.

זיי זענען צוגעקומען, ווו כ'בין געשטאנען ביים איינגאנג צו דער קאבינע. הגם זי האט אויסערלעך גארנישט פאראטן, האב איך אבער געפילט, אז זי האט שטארק עגמת־נפש.

זי האט, קוקנדיק אויף מיר, געמאכט עפעס א נישט־וויכטיקע באמערקונג, און גאנץ זארגלאז געלאכט; אבער כ'האב געזען, ווי אירע אויגן קערן זיך נישט ווילנדיק אום צו זיינע, גלייך ווי זיי וואלטן פארכישופט געווארן; דאן האבן זיי זיך אראפגעלאזט. אבער נישט גענוג שנעל אויף צו פארדעקן דעם שרעק, וואס האט זיי אנגעפילט.

ערשט אין זיינע אויגן האב איך דערזען די סיבה פון איר עגמת־נפש. געוויינלעך גרא־קאלט און ברוטאל, זענען זיי איצט געוועןווארעם, ווייך און גאלדן, און אינגאנצן געטאנצט מיט קליינע פייערלעך, וואס זענען פינצטער געווארן און פארגאנגען, אדער אויפגעפלאקערט ביז די פולע ליכטער זענען פארפלייצט געווארן מיט א ברענענדיקער ארויסשטראלונג. ס'קען זיין,

אַז צוליב דעם האָט זיך באַקומען דער גאָלדענער קאָליר; אָבער זיינע אויגן זענען פאָרט געווען גאָלדן, רייצנדיק און באַהערשעריש, און אין דערזעלבער צייט געלויערט און געצוווּנגען, און גערעדט פון אַ פאָדערונג און געשריי פון בלוט, וואָס קיין שום פּרוי, נאָך דערצו מאוד ברוסטער, האָט נישט געקענט נישט פאַרשטיין.

איך שרעק איז אויך מיך באַפאַלן, און אין יענעם מאָמענט פון מורא — די שרעקלעכסטע מורא, וועגן וועלכער אַ מענטש קען האָבן אַן אָנונג — האָב איך געוווּסט, אַז אויף אַ געוויסן אומאויסדריקלעכן אופן איז זי מיר טייער. דאָס באַוווּסטזיין, אַז איך ליב זי, האָט מיך אָנגעפילט מיט פּחד. און מיטביידע עמאָציעס, וואָס האָבן געריסן מיין האַרץ און אין דערזעלבער צייט פאַרגליווערט מיין בלוט און עס געלאָזט שפּרינגען, האָב איך מיך געפילט צוגעצויגן דורך אַ קראַפט אויסער מיר און אין מיר, און מיינע אויגן האָבן קעגן מיין ווילן ווידער געקוקט וואָלף לאַרסענען אין די אויגן אַריין. אָבער ער איז שוין געהאַט געקומען צו זיך. פאַרשוווּנדן געוואָרן דער גאָלדענער קאָליר און די טאַנצנדיקע פייערלעך. בעת ער האָט זיך שנעל פאַרבייגט און אַוועקגעגאַנגען, זענען זיי געווען קאַלט, גראָ און געפינקלט.

„כ'האָב מורא", האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט מיט אַ ציטער. „כ'בין אַזוי דערשראָקן".

איך אַליין בין אויך געווען דערשראָקן, און צוליב מיין אַנטדעקונג, ווי טייער זי איז מיר, האָט זיך מיר געדרייט אין מוח; אָבער ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן צו ענטפערן פולשטענדיק רויק:

„ס'וועט אַלץ גוט זיין, מיס ברוסטער. גלייבט מיר, ס'וועט אַלץ גוט זיין".

זי האָט געענטפערט מיט אַ דאַנקבאַרן שמייכל, פון וועלכן מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, און זי איז אַראָפּגעגאַנגען אין קאַבינע אַריין.

אַ לאַנגע צייט בין איך געבליבן שטיין דאָרט, וווּ זי האָט

מיך איבערגעלאָזט. כ׳האָב געפילט אַן אימפּעראַטיווע נויטווענדיקייט זיך אַליין אָפּצושאַצן, צו באַטראַכטן דעם באַטייט פון דער געענדערטער זאַכלאַגע. ענדלעך איז עס געקומען, געקומען די ליבע, ווען כ׳האָב זיך וויניקער פון אַלעם געריכט דערויף און אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען. נאַטירלעך, מיין פילאָזאָפיע האָט שטענדיק אַנערקענט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם ליבע-רוף, פריער-שפּעטער; אָבער די לאַנגע יאָרן פון שטילשווייגן און פון אַריינטון זיך אין די ביכער האָבן מיך געמאַכט אומאויפמערקזאַם און נישט צוגעגרייט.

און איצט איז עס געקומען! מאַוד ברוסטער!

מיין געדעכעניש איז צוריק געגאַנגען צו יענעם ערשטן קליינעם דינעם ביכעלע אויף מיין שרייב-טיש און כ׳האָב פאַר מיר געזען, ווי לעבעדיק, די ריי פון קליינע דינע ביכלעך אויף די פּאָליצעס פון מיין ביבליאָטעק.

ווי איך האָב באַגריסט יעדעס איינע פון זיי! יעדעס יאָר איז דערשינען פון דרוק אַ ביכעלע, און פאַר מיר איז יעדעס ביכעלע געווען דאָס געשעעניש פון יאָר.

זיי האָבן גערעדט וועגן אַ קרובישן אינטעלעקט און גייסט, און אַלס אַזעלכע האָב איך זיי אויפגענומען אין די אינטימקייטן פון מיין געדאַנק; אָבער איצט איז זייער אָרט געווען אין מיין האַרץ.

מיין האַרץ? אַ שטורם פון געפילן האָט מיך אַרומגענומען. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז כ׳שטיי אָן אַ זייט פון מיר און כ׳קוק אויף מיר מיט אומגלויבן. מאַוד ברוסטער! העמפרי וואַן ווײדן, „דער קאַלטבלוטיקער פיש“, דער „געפילאָזער מאָנסטער“, דער „אַנאַליטישער דעמאָן“, ווי טשאַרלי פערוסעט האָט מיר אַ נאָמען געגעבן, פאַרליבט! און דאַן, אָן אַ ווען און אַ פאַרוואָס, סקעפּטיש, איז מיין געדאַנק צוריקגעפלויגן צו אַ קליינער ביאָגראַפישער נאָטיץ אין דעם רויטגעבונדענעם „ווער איז ווער *)“ און כ׳האָב געזאָגט צו זיך:

*) ענגליש עקציקלאָפּעדיש ביאָגראַפיש ווערטערבוך.

„זי איז געבוירן געוואָרן אין קעמברידזש און איז איצט אַלט 25 יאָר".

און דאַן האָב איך געזאָגט: אַלט 25 יאָר און נאָך פריי פון ליבע? אָבער וויאַזוי ווייס איך, אַז זי איז פריי פון ליבע? און דער וויטאָק פון דער נייגעבאָרענער אייפערזוכט דרזאָט אַוועקגעיאָגט די גאַנצע אומגליקלעכקייט. ס'איז קיין ספק נישט געווען דערין, כ'בין געווען אייפערזיכטיק; דעריבער בין איך פאַרליבט. און די פרוי, וואָס כ'ליב, איז מאוד ברוסטער.

איך, העמפרי וואַן ווידן, בין פאַרליבט! און ווידער איז מיך באַפאַלן דער צווייפל. דאָס הייסט נישט, אַז כ'האָב מורא דערפאַר, אָדער כ'וויל נישט באַגעגענען זיך מיט דער ליבע. פאַרקערט, ווי אַן אידעאַליסט כ'בין נישט געווען ביזן העכסטן גראַד, האָט מיין פילאָזאָפיע שטענדיק אָנערקענט און פאַרגיטיקט די ליבע אַלס די גרעסטע זאַך אין דער וועלט, דער ציל און העכסטער שפּיץ פון דער הויך, דער הערליכסטער צושטאַנד פון פרייד און גליק, פון וועלכן דאָס לעבן קען זיך אַנטציקן, דאָס גרעסטע פון אַלע זאַכן, וואָס מ'דאַרף באַגריסן און אַריינגעמען אין הארצן אַריין. אָבער איצט, אַז זי איז געקומען, האָב איך מיר נישט געוואָלט צוגלייבן. כ'קען נישט זיין אַזוי גליקלעך. דאָס איז געווען צו-גוט, צו-גוט, עס זאָל זיין אמת. אין קאָפּ האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט סימאָנס פּראַזן:

„I wandered all these years among,
A world of women, seeking you"(*

און דאַן האָב איך אויפגעהערט צו זוכן.

דאָס איז נישט פאַר מיר, דידאָזיקע גרעסטע זאַך אין דער וועלט, האָב איך מיר געטראַכט. פערוסעט איז געווען גערעכט; איך בין אַנאָרמאַל, אַ „געפילזלאָזער מאָנסטער", אַ משונהדיקער ביכער-וואָרם, וואָס איז פעיק פאַרגעניגן צו האָבן נאָר אין אינטעלעקטועלע געפילן. און הגם כ'בין שטענדיק געווען אַרומגע-

(* כ'האָב אַלע מיינע יאָרן געוואַנדערט צווישן אַ וועלט פרויען, זוכנדיק דיך.

רינגלט מיט פרויען, האָב איך זיי געשאַצט פון עסטעטישן שטאַנד פונקט. מער נישט. פאַקטיש האָב איך מיך צייטנווייז באַטראַכט אויסער זייער קרייז. אַ מאָנאַכישער פאַרשוין, ווען ס׳איז פאַרזאָגט די אייביקע אָדער פאַרגענגלעכע ליידנשאַפטן, וועלכע כ׳האָב געזען און אַזוי גוט פאַרשטאַנען אין אַנדערע. און איצט איז זי געקומען! געקומען, גאָרנישט חלומדיק דערפון, גאָרנישט צווייסנטוועדיק פון זיך! געפינענדיק זיך נישט ווייניקער ווי אין אַן עקסטאַז, האָב איך פאַרלאָזט מיין אָרט ביים דורכגאַנג צו דער קאַבינע און אַרויף אויפן דעק, מורמלענדיק צו זיך יענע שיינע פערזן פון מיסיס בראַונינג:

„I lived with visions for my company, instead of men and women years ago,

And found them gentle mates, nor thought to know,

A sweeter music than they played to me“ *)

אָבער די זיסערע מוזיק האָט געקלונגען אין מיינע אויערן, און כ׳בין געווען בלינד און טויב צו אַלץ, וואָס אַרום מיר. וואָלף לאַרסענס שאַרפע שטים האָט מיך אויפגעוועקט.

„ווו גייט איר, צו אַלדע רוחות?“, האָט ער געפרעגט.

כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט דאָרט, ווו די מאַטראָזן האָבן געמאָלט און כ׳בין געקומען צו זיך, דערזעענדיק, אַז כ׳גיי איבערדרייען מיטן פוס אַ טאָפּ מיט פאַרב.

„לונאַטיקער, געטראָפן פון זון-שלאַג, וואָס?“ האָט ער געוואָרטשעט.

„ניין, שלעכטע פאַרדייונג“, האָב איך געענטפערט, און ווייטער שפּאַצירט, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאַסירט.

---

*) איך האָב מיט יאָרן צוריק געלעבט אין געזעלשאַפט פון חיזיעס, אַנשטאָט מיט מענער און פרויען, און געהאַט אין זיי גוטע פריינט, און כ׳מיין, אַז כ׳וועל קיינמאָל נישט הערן קיין זיסערע מוזיק, ווי זיי האָבן מיר געשפילט.

איבּ.

קאפּיטל פינף.

צווישן די לעבעדיקסטע זכרונות פון מיין לעבן, געהערן די געשעענישן אויפן ג ע ש פּ ע נ ס ט, וואָס זענען פאָרגעקומען אין משך פון די 48 שעה נאָך דער אַנטדעקונג וועגן מיין ליבע צו מאַוד ברוסטער. איך, וואָס האָב מיר מיינע אַלע יאָרן געלעבט אין רויקע מקומות, און אין 35-טן לעבנס-יאָר איבער-געקומען איינע פון די העכסט איררעציאָנאַלע פּאַסירונגען, וואָס כ'האָב מיר געקענט פאָרשטעלן, האָב קיינמאָל נישט אַדורכגע-מאַכט אַזויפיל, וויפל אין די לעצטע 40 שעה. און כ'קען אויך נישט פאַרשטאָפּן מיינע אויערן פאַר דער קליינער שטאָלצער שטים, וועלכע זאָגט מיר, אַז נאָך אַלעם האָב איך נישט שלעכט געטון.

לאָמיר אָנהייבן דערפון, וואָס ביים מיטאָג האָט וואָלף לאַרסען מודיע געווען די יעגער, אַז פון היינט אָן וועלן זיי שוין עסן אין רודער-שטיבל. דאָס איז געווען אַ פריער אומ-דערהערטע זאַך אויף די פּאָקע-סקונערס, וואו עס איז דער מנהג, אַז די יעגער האָבן אומאָפיציעל די ראַנגע פון אָפיצירן. ער האָט נישט אָנגעגעבן קיין שום סיבה, אָבער זיין מאָטיוו איז געווען גענוג באַשיינפּערלעך.

האָרנער און „רויך" האָבן אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט דער מיס מאַוד ברוסטער, וואָס איז פאַר מיר געווען לעכער-לעך און פאַר איר נישט באַליידיקנדיק, אָבער אים האָט דאָס קענטיק נישט געשמעקט.

דידאָזיקע מעלדונג איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ טויט שטילשווייגן, הגם די איבעריקע פיר יעגער האָבן באַדייטונגס-פול געקוקט אויף די צוויי, וועלכע זענען געווען די סיבה פון זייער גרוש. דזשאָק האָרנער, רויק, ווי זיין שטייגער, האָט זיך גאָרנישט נישט געמאַכט וויסן, אָבער איבער רויכס שטערן איז

פאַרלאָפן דאָס בלוט און ער האָט האַלב געעפנט זיין מויל, כדי עפּעס צו זאָגן.

וואָלף לאַרסען האָט אים אָבסערווירט, געוואַרט אויף אים, מיט זיין שטאָלענעם שימער אין די אויגן; אָבער רויך, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָט ווידער פאַרמאַכט דאָס מויל.

„איר ווילט עפּעס זאָגן?", האָט וואָלף לאַרסען אַגרעסיוו געפרעגט.

דאָס איז געווען אַן אַרויספאָדערונג, אָבער רויך האָט זי נישט געוואָלט אָננעמען.

„וועגן וואָס?" האָט ער געפרעגט אַזוי נאַאיוו, אַז וואָלף לאַרסען איז געוואָרן צעטומלט, בעת די איבעריקע ד'האָבן געשמייכלט.

„אָ, גאָרנישט," האָט וואָלף לאַרסען אומגעלומפּערט געזאָגט. „כ'האָב געמיינט, אַז איר ווילט רעגיסטרירן אַ זעץ."

„פאַר וואָס?" האָט געפרעגט דער קאַלט-בלוטיקער „רויך".

רויכס חברים האָבן איצט ברייט געשמייכלט. זיין קאַפּיטאַן האָט אים געקענט דערהרגענען, און איך צווייפל נישט, אַז ס'וואָלט זיך געגאָסן בלוט, ווען מאָוד ברוסטער וואָלט נישט געווען אַנוועזנד. טאַקע צוליב דעם האָט רויך געהאַט די מעגלעכקייט אַזוי זיך אויפצופירן. ער איז געווען אַ צו דיסקרעטער און פאָרזיכטיקער מענטש, אַז ער זאָל אַרויסרופן וואָלף לאַרסענס צאָרן אין אַ צייט, ווען דערדאָזיקער צאָרן קען אויסגעדריקט ווערן אין טערמינען, וואָס זענען שטאַרקער פון ווערטער. כ'האָב מורא געהאַט, אַז ס'קען נאָך פאָרקומען אַ קאַמף, אָבער אַ געשריי פון רודערער האָט דערמעגלעכט גאָר לייכט צו ראַטעווען די סיטואַציע.

„אַ, רויך, האַ!" האָט זיך געהערט דאָס געשריי ביים אָפענעם דורכגאַנג.

„ווו טראָגט ער זיך?" האָט וואָלף לאַרסען אָפּגעענטפערט.

„הינטער דער שיף, סער."

„ס'קען זיין, אַז ס'איז אַ רוס," האָט לאַטימער אונטערבעזאָגט.

זיינע ווערטער האָבן אָנגעיאָגט אַ מורא אויף די איבע־ריקע יעגער. אַרוס, דאָס הייסט — אַ קרייצער.

די יעגער, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געזען גוט די פּאָזיציע פון דער שיף, האָבן פונדעסטוועגן געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך נאָענט פון די גרעניצן פון פאַרבאָטענעם ים, בעת וואָלף לאַרסען האָט געשמט אַלס אַ באַרימטער יעגער אויף פאַרבאָטענע געביטן.

אַלע אויגן זענען געווען געווענדעט צו אים.

„מיר זענען פולשטענדיק זיכער, האָט ער צו זיי באַמערקט מיט אַ געלעכטער. „רויק, דאָס מאָל איז שוין נישט פאַראַן קיין שום זאַלצגרובן. אָבער כ׳וועל אייך עפּעס זאָגן — כ׳געוועט מיך פינף אויף איינס, אַז דאָס איז די „מ אַ ק ע ד אָ נ י ע״.

קיינער האָט נישט אָנגענומען זיין פאָרשלאָג און ער האָט ווייטער גערעדט:

„אויב אַזוי לייג איך איין צען אויף איינס, אַז ס׳וועט זיין אַ שטורעם״.

„ניין, אַ דאַנק״, האָט לאַטימער געזאָגט, „ס׳גייט מיר נישט אין פאַרלירן מיין געלט, נאָר כ׳וואָלט ליבערשט געוואָלט אַ הוליע טון פאַר דעם. ס׳האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז ס׳זאָל נישט עפּעס פאָרקומען, ווען איר און אייער ברודער באַגעגענען זיך, און כ׳געוועט מיך אויף צוואַנציק אויף איינס.״

אַלע האָבן אָנגעהויבן צו לאַכן, און וואָלף לאַרסען האָט מיטגעלאַכט, און דאָס מיטאָג איז זיך געגאַנגען כשורה, אַדאַנק מיר, ווייל ער האָט מיך העכסט העסלעך באַהאַנדלט בעתן סוף מיטאָג, מאַכנדיק חוזק פון מיר, נעמענדיק מיך אונטער זיין שוץ, ביז כ׳האָב איינגאַנצן געציטערט פון איינגעהאַלטענעם כעס.

כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז כ׳מוז מיך באַהערשן צוליב מאַוד ברוסטער, און כ׳האָב באַקומען מיין באַלוינונג, ווען אירע אויגן האָבן אין משך פון אַ סעקונדע זיך באַגעגנט מיט מיינע און זיי האָבן גערעדט אַזוי דייטלעך, גלייך ווי זי וואָלט געזאָגט:

„זייט בראַוו, זייט בראַוו."

מיר האָבן פאַרלאָזט דעם טיש און אַרויף אויפן דעק,ווייל אַ דאַמפּער איז געווען אַ געווינטשענער איבעררייס אין דער מאָנאָטאָנישקייט פון ים, אויף וועלכן מיר זענען געשוואומען, בעת די איבערצייגונג, אַז דאָס איז די „מאַקעדאָניע" און איר קאַפּיטאַן טויט לאַרסען, האָט נאָך פאַרגרעסערט די אויפרעגונג.

דער שטייפער ווינט און דער שטורמישער ים, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן נעכטן פאַרמיטאָג, איז היינט אינדערפרי מילדער געוואָרן, אַזוי אַז ס'איז איצט מעגלעך געווען אַראָפּצולאָזן די שיפלעך אויף אַ נאָכמיטאָג-געיעג.

דאָס געיעג האָט געדאַרפט זיין אַ גינסטיק. זינט ס'איז טאָג געוואָרן זענען מיר געשווימען אין אַ ים, וואָס איז געווען ליידיק פון פאָקעס, און איצט זענען מיר אַריינגעפאָרן אין דער סטאַדע.

דער רויך איז נאָך אַלץ געווען מיילן ווייט פון הינ-טערשטן שיפטייל, אָבער בעת מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט די שיפ-לעך, האָט ער אונז דעריאָגט.

די שיפלעך האָבן זיך צעשפּרייט און גענומען אַ צפון-ריכטונג איבערן אָקעאַן. ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל האָבן מיר געזען ווי ס'לאָזט זיך אַראָפּ אַ זעגל, געהערט די שאָסן פון די ביקסן, און ווידער געזען ווי די זעגל הייבן זיך אויף העכער.

די פאָקעס זענען געווען געדיכט, דער ווינט איז שוואַכער געוואָרן; אַלץ האָט באַגינסטיקט אַ גרויסן פאַנג. בעת מיר זע-נען געלאָפן, כדי צו געפינען זיך אין אַ פּאָזיציע הינטערן ווינט פון לעצטן שיפל, וואָס פאַרשטעלט דעם ווינט, האָבן מיר געפונען דעם אָקעאַן בשפע באַדעקט מיט שלאָפעדיקע פאָקעס.

זיי האָבן אונז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, געדיכטער ווי כ'האָב זיי ווען עס איז געזען, אין צווייען, אין דרייען, און קופּקעלעך, אויסגעצויגן ווי גרויס זיי זענען אויף דער אויבערפלאַך, נישט זאָרגנדיק זיך וועגן גאָרנישט, פונקט ווי יינגע פוילע הינט.

אונטער דעם זיך דערנענטערנדיקן רויך זענען געוואָרן גרעסער דער שיפס-קאָרפּוס און די אויבערשטע טיילן. דאָס איז געווען די מ אַ ק ע ד אָ נ י ע.

כ'האָב געלייענט איר נאָמען דורך דעם שפּאַקטיוו, בעת זי איז פאַרבייגעגאַנגען קוים אַ מייל ווייט פון דער רעכטער זייט פון דער שיף, וואָלף לאַרסען האָט ווילד געקוקט אויף דער שיף, בעת מאוד ברוסטער איז געווען נייגעריק.

„ווו איז דער שטורעם, אין וועלכן איר זענט געווען אַזוי זיכער, קאַפּיטאַן לאַרסען?" האָט זי פריילעך געפרעגט.

ער האָט געקוקט אויף איר און אַ מאָמענטאַנע צופרידנ-קייט האָט וווייכער געמאַכט זיינע שטריכן.

„וואָס האָט איר זיך געריכט? אַז זיי וועלן אַרויף אויפן דעק און אונז אויסשעכטן?"

„ענלעך צו דעם", האָט זי זיך מודה געווען. „איר פאַר-שטייט דאָך, פּאָקע-יעגער זענען אַזוי ניי און פרעמד פאַר מיר, אַז כ'בין פולשטענדיק צוגעגרייט צו אַלעם."

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„גאַנץ ריכטיק, גאַנץ ריכטיק. אייער טעות באַשטייט אין דעם, וואָס איר האָט פאַרזען צו היטן זיך אויפן ערגסטן".

„פאַרוואָס, וואָס קען נאָך זיין ערגער ווי אויסשעכטן?" האָט זי געפרעגט מיט אַ זייער נאַיווער דערשטוינונג.

„אויסשניידן אונזערע בייטלען", האָט ער געענטפערט. „היינטיקע צייטן איז דער מענטש אַזוי באַשאַפן, אַז זיין פעאיקייט צו לעבן ווערט באַשטימט דורכן געלט, וואָס ער באַזיצט."

„ווער ס'גנבעט מיין געלט, דער גנבעט שטרוי-קערנדלעך", האָט זי ציטירט.

„ווער ס'גנבעט מיין בייטל, גנבעט מיין רעכט צו לעבן", האָט זיך געהערט אַן ענטפער. „ווייל ער גנבעט צו מיין ברויט און פלייש און בעט, און טוענדיק דאָס, ברענגט ער אין סכנה מיין לעבן. איר ווייסט, ס'איז נישט פאַראַן אַזויפיל זופּ-קיכן און ברויט-רייען אַרומצוגיין, און ווען מענטשן האָבן ליידיקע

בייטלען. דאַן שטאַרבן זיי געוויינלעך, און זיי שטאַרבן אומגליקלעך — כּל־זמן זיי זענען נישט אימשטאַנד גוט אָנצופילן זייערע בייטלען".

„אָבער כ'זע נישט איין, אַז דערדאָזיקער דאַמפער זאָל האָבן עפּעס פּלענער קעגן אייער בייטל."

„וואַרט און איר וועט זען", האָט ער פינצטער געענטפערט.

מיר האָבן נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. נאָכן פאַרבייגיין עטלעכע מייל לעבן אונזער ריי שיפלעך, האָט די מאַקעדאָניע אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אירע.

מיר האָבן געוווּסט, אַז אויף אונזערע פינף פירט זי מיט זיך 14 (מיר האָבן, צוליב וועינרייטס דעזערציע, געהאַט מיט איין שיפל ווייניקער) און זי האָט זיי אַראָפּגעלאָזט ווייט צו דער פאַרשטעלטער זייט פון ווינט פון אונזער לעצט שיפל, און ווייטער זיי געוואָרפן קווער איבער אונזער ריכטונג, און פאַרענדיקט אַראָפּצולאָזן זיי ווייט פון דער ווינט־ריכטונג פון אונזער ערשט אָפן שיפל.

דאָס געיעג איז פאַר אונז שוין געווען געשטערט. הינטער אונז זענען נישט געווען קיין פאַקעס און פאַר אונז האָט די ריי פון 14 שיפלעך, ווי אַ ריזיקער בעזים, געטריבן די סטאַדע.

אונזערע שיפלעך האָבן געיאָגט קווער צוויי אָדער דריי מייל וואַסער צווישן זיי אין דעם פּונקט, וווּ די מ אַ ק ע ד אָ נ י ע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און דאַן זיך געלאָזט אַהיים. דער ווינט האָט בלויז געשעפּטשעט, דער ים איז וואָס־אַמאָל געוואָרן רויקער, און דאָס, צוזאַמען מיט דער אָנוועזנהייט פון דער גרויסער סטאַדע, האָט גורם געווען, אַז ס'איז געווען אַ שיינער געיעג־טאָג — איינער פון די צוויי אָדער דריי טעג, וואָס טרעפן זיך בכּלל אין אַ מזלדיקן סעזאָן.

אַ בייזע חברה מענטשן, וויעסלערס און רודערער, ווי אויך יעגער, האָבן געשווירבלט און געגריבלט איבער אונזער זייט.

יעדער איינער האָט געפילט, אַז ער איז באַרויבט געוואָרן און די שיפלעך זענען אַרויפגענומען געוואָרן מיט קללות, וועלכע וואָלטן אויף אייביק אַ תּל געמאַכט פון טויט לאַרסען, אויב קללות וואָלטן געהאַט אַ מאַכט; — „טויט און פאַרשאָלטן אויף טויזנטער אייביקייטן", האָט לואיס אויסגעטייטשט, זיינע אויגן האָבן געווונקען צו מיר, בעת ער האָט זיך אָפּגערוט פון אַרויפשלעפּן די קייטן פון זיין שיפל.

„האָרכט זיך צו צו זיי און געפינט אויס, אויב ס'איז שווער צו אַנטדעקן די לעבעדיקסטע זאַכן אין זייערע נשמות", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט. „גלויבן? ליבע? הויכע אידעאַלן? דאָס גוטע? דאָס שיינע? דאָס אמתע?"

„ס'איז פאַרגוואַלדיקט געוואָרן זייער איינגעבוירענער געפיל פון גערעכטיקייט", האָט מאָוד ברוסטער געזאָגט, נעמענדיק אָנטייל אין שמועס.

זי איז געשטאַנען אַ פּאָר פוס ווייטער, איין האַנט אירע איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף די הויפּט-ליילעכער און איר קערפּער האָט זיך דאָרט געוויגט צום לייכטן טאַקט פון דער שיף.

זי האָט נישט געהעכערט איר שטים, און דאָך בין איך איבערראַשט געווען פון דעם קלאָרן און גלאָק-ענלעכן טאָן.

אַך, ער איז געווען ליב פאַר מיינע אויערן! כ'האָב קוים געוואַגט דעמאָלט צו קוקן אויף איר, מורא האָבנדיק, אַז כ'זאָל מיך דערמיט נישט אויסגעבן.

אויף איר קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ יינגלש היטל, און אירע האָר, העל-ברוין, לויז און פאַרפלאָנטערט, אַרומגענומען פון דער זון, האָבן אויסגעזען ווי אַן אָרעאָל אַרום דעם דעליקאַטן אָוואַל פון איר פּנים.

זי האָט באַצויבערט און אינגאַנצן אויסגעזען ליבלעך, גייסטיק, אויב נישט הייליק.

מיין גאַנצע אַלטע באַוווּנדערונג פון לעבן האָט זיך אין מיר דערוועקט, זעענדיק דיזאָזיקע הערלעכע פאַרקערפּערונג

זיינע, און וואָלף לאַרסענס קאַלטע אויסטייטשונג פון לעבן און זיין באַטייט איז באמת געווען לעכערלעך.

„אַ סענטימענטאַליסטקע”, האָט ער געחוזקט, „פונקט ווי מר. וואַן ווערדן. יענע מענטשן שעלטן, ווייל ס'זענען באַוואָלהט געוואָרן זייערע ווונטשן. דאָס איז אַלץ. וואָס פאַר אַ ווונטשן? די ווונטשן גוט צו עסן און ווייכע בעטן אויף דער יבשה, וואָס עס ברענגט זיי אַ שיין באַצאָלטער טאָג — פרויען און אַל-קאָהאָל, די פרעסעריי און בעסטיאַלישקייט, וואָס דריקט זיי אַזוי ריכטיק אויס, דאָס בעסטע, וואָס איז אין זיי, זייערע העכסטע אַספּיראַציעס, זייערע אידעאַלן, אויב איר ווילט. די אויסשטע-לונג, וואָס זיי מאַכן פון זייערע געפילן, איז נישט אַ רירנדיק בילד, דאָך ווייזט עס ווי טיף זיי זענען געריהרט, ווי טיף ס'זענען אָנגערירט געוואָרן זייערע קעשענעס, ווייל אַרויפלייגן אַ האַנט אויף זייערע בייטלען, הייסט אַרויפלייגן אַ האַנט אויף זייערע נשמות.”

„איר פירט זיך נישט אויף, אַזוי ווי מ'וואָלט אָנגערירט אייער בייטל”. האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק.

„דאַן טרעפט זיך אַמאָל, אַז כ'פיר מיך אויף פאַרשידן, ווייל ס'זענען אָנגערירט געוואָרן אי מיין בייטל, אי מיין נשמה. לויטן היינטיקן פּרייז פון פעל אויפן לאָנדאָנער מאַרק, און גע-שטיצט אויף אַ זיכערער אָפּשאַצונג פונם נאָכמיטאָג-פאַנג, וואָס וואָלט געווען ווען נישט די מאַקעדאָניע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן, האָט דאָס געשפּענסט פאַרלוירן פעל פאַר 150 דאָלאַר.”

„איר רעדט אַזוי רויק — —” האָט זי אָנגעהויבן.

„אָבער כ'שפּיר מיך נישט אַזוי רויק; כ'וואָלט געקענט דערהרגענען דעם מענטש, וועלכער האָט מיך באַרויבט”, האָט ער איבערגעשלאָגן. „יאָ, יאָ, איך ווייס און דער מענטש איז מיין ברודער — נאָך מער סענטימענטן! באַ!”

זיין פּנים האָט זיך פּלוצים פאַרענדערט. זיין שטים איז געווען ווייניקער גראָב און אינגאַנצן אויפריכטיק, ווען ער האָט געזאָגט:

„איר זענט מסתמא גליקלעך, איר סענטימענטאַליסטן, אמת־דיק גליקלעך, חלומדיק און געפינענדיק, אַז אַלץ איז גוט, און ווייל איר געפינט טייל זאַכן אַלס גוטע, פילט איר זיך אויך גוט. איצט זאָגט מיר, איר ביידע, צי האַלט איר מיך פאַר אַ גוטן?"

„אויף אייך איז גוט צו קוקן — אין אַ געוויסן אופן", האָב איך קוואַליפיצירט.

„ס'זענען אויך פאַראַן אַלע כוחות פאַרן גוטן", האָט מאוד ברוסטער געענטפערט.

„אָט זענט איר דאָ!" האָט ער געשריגן אויף איר, האַלב אין כעס. „אייערע ווערטער זענען פוסט פאַר מיר. ס'איז גאָר־נישט קלאָר, שאַרף און באַשטימט אינם געדאַנק, וועלכן איר האָט אויסגעדריקט. איר קענט דאָס נישט נעמען אין אייערע צוויי הענט און קוקן דערויף. פאַקטיש איז דאָס נישט אַ גע־דאַנק. דאָס איז אַ געפיל, אַ סענטימענט, עפעס, וואָס באַזירט אויף אַן אילוזיע און לגמרי נישט אַ פּראָדוקט פון אינטעלעקט".

רעדנדיק ווייטער, איז זיין שטים געוואָרן ווייכער און ס'האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ פאַרטרוילעכער טאָן.

„צי ווייסט איר, טיילמאָל כאַפּ איך מיך אַליין ביים ווונטש, אַז איך זאָל אויך זיין בלינד אויף די לעבנס־פאַקטן און בלויז קענען זיינע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס. זיי זענען אומגערעכט, אַלע זענען אומגערעכט און להיפוך דעם פאַרשטאַנד; אָבער פּנים אל פּנים מיט זיי זאָגט נאָר מיין פאַרשטאַנד, אומגערעכט, העכסט אומגערעכט, אַז צו טרוימען און לעבן אין אילוזיעס איז אַ גרעסערע פרייד. און נאָך אַלעם איז פרייד די באַלוינונג פאַר די לעבעדיקע. אָן פרייד איז דאָס לעבן אַ ווערטלאָזער אַקט. צו אַרבעטן אויף לעבן און נישט ווערן באַצאָלט דערפאַר, איז ערגער ווי צו זיין טויט. דער, וואָס פרייט זיך אַממייסטן, דער לעבט אַממייסטן, און אייערע חלומות און נישטרעאַליטעטן באַאומרויִקן אייך ווינציקער און זיי זענען פאַר אייך מער צו־פרידנשטעלנדיק, ווי מיינע פאַקטן פאַר מיר."

ער האָט פּאַמעלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך טיף פאַר־

טראַכטנדיק.

„כ׳צווייפל אָפּט, כ׳בין אָפּט אין ספק, אין ווערטלאָזיקייט פון פאַרשטאַנד. חלומות זענען נאָר ממשותדיק און צופרידנ־שטעלנדיק. עמאָציאָנעלע פרייד פילט מיך אָן און איז דויער־האַפטיקער ווי אינטעלעקטועלע פרייד; און חוצדעם, איר באַצאָלט מיט אַ שלעכטער שטימונג פאַר אייערע מאָמענטן פון אינטעלעקטועלער פרייד. נאָך עמאָציאָנעלער פרייד קומען פאַר־מאטערטע חושים, וועלכע קומען שנעל צוריק צו זיך. כ׳בין אייך מקנא, כ׳בין אייך מקנא״.

ער האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, און דאַן האָט זיך אויף זיינע ליפּן באַוויזן איינער פון זיינע משונהדיקע אָפּחוזקנ־דיקע שמייכלען, בעת ער האָט צוגעגעבן:

„דאָס איז אייך מקנא מיין מוח. נעמט דאָס אין אַכט, און נישט מיין האַרץ, מיין פאַרשטאַנד דיקטירט דאָס. הנאה איז אַן אינטעלעקטועלער פּראָדוקט. כ׳בין אַ ניכטערער מענטש, וואָס קוקט אויף שיכּורים, און שטאַרק מיד, וויל ער, אַז אויך ער זאָל זיין שיכּור״.

„אָדער פונקט ווי אַ קלוגער מענטש, וואָס קוקט אויף נאַראָנים און וויל אויך ווערן אַ נאַר״, האָב איך געלאַכט.

„אָט אַזוי״, האָט ער געזאָגט. „איר זענט אַ געבענטשט, באַנקראָטירט שוטים־פּאָר. איר בעזיצט נישט קיין פאַקטן אין אייער קעשענע-בוך.״

„אָבער מיר פאַרברענגען אַזוי פריי ווי איר״, האָט מאַוד ברוסטער צוגעגעבן.

„נאָך פרייער, ווייל ס׳אַרט אייך גאָרנישט״.

„און ווייל מיר שטרעבן צו אייביקייט״, האָט זי גע־ענטפערט.

„צי איר טוט, אָדער איך טראַכט צו טון, איז אַלצאיינס. איר גיט אויס, וואָס איר האָט נישט, און דערפאַר באַקומט איר גרעסערן ווערט פון אויסגעבן, וואָס איר האָט נישט געהאַט, ווי איך פון אויסגעבן, וואָס כ׳האָב באַזעסן און וואָס כ׳האָב געאַר־בעט מיטן שווייס צו באַזיצן.״

„פאַרוואָס־זשע ענדערט איר נישט די באַזע פון אייער מיני־צערײַ?” האָט זי געפרעגט זיך רײַצנדיק.

ער האָט שנעל אַ קוק געטון אויף איר, האַלב־האָפנונגס־פול און דאַן, באַדויערונגספול געזאָגט:

„ס׳איז צו שפּעט, כ׳וואָלט אפשר געוואָלט, אָבער כ׳קען נישט. מײַן קעשענע־ביכל איז אָנגעשטאָפּט מיט אַלטע ווערטער, און דאָס איז אַ האַרטנעקיקע זאַך. כ׳קען בײַ מיר קיינמאָל נישט פועלן צו אָנערקענען עפּעס אַנדערש אַלס ווערטפול.”

ער האָט אויפגעהערט צו רעדן און זײַן בליק האָט צו־שטרײַט געבלאָנדזשעט פאַרבײַ איר און זיך פאַרלוירן אין רויקן ים. ס׳האָט אים שטאַרק געדריקט די אַלטע פּרימיטיווע מע־לאַנכאָליע.

ער האָט זיך מיט זײַנע טענות אַרײַנגעבראָכט אין אַ שלעכטער שטימונג, און אין משך פון אַ פּאָר שעה האָט מען געקענט דערוואַרטן פון אים, אַז דער טײַוול זאָל זיך אין אים אויפוועקן.

כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן טשאַרלי פּערוסעט און געוווסט, אַז יענעם מענטשס טרויעריקייט איז די שטראָף, וואָס דער מאַטעריאַליסט צאָלט שטענדיק פאַר זײַן מאַטעריאַליזם.

קאַפּיטל זעקס

„איר זענט געווען אויפן דעק, מר. וואַן ווערדן”, האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט צומאָרגנס בעתן פרישטיק. „ווי זעט עס אויס?”

„גענוג קלאָר”, האָב איך געענטפערט, קוקנדיק אויפן זון־שײַן, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט אויף דעם אָפענעם דורכגאַנג. „גוטער מערב־ווינט, מיט אַ צוזאָג פון פאַרשטאַרקונג, אויב לויטס נביאות זאָל זײַן אמת”.

ער האָט אַ צופרידענער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„פאַראַן עפּעס סימנים פון אַ גנבֿ?"

„געדיכטע ברעגן אין צפון און צפון-מערבֿ".

ער האָט ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרויסווייזנדיק נאָך מער צופרידנקייט ווי פריער.

וואָס הערט זיך מיט דער מ אַ ק ע ד אָ נ י ע?

„מ'האָט זי נישט געזען", האָב איך געענטפערט.

כ'קאָן שווערן, אַז זיין פּנים איז איינגעפאַלן ביי דערדאָזיקער ידיעה, אָבער כ'האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז אַזוי אַנטוישט.

אינגיכן בין איך דאָס געוויר געוואָרן.

„אַ רויך!" האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון דעק, און זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן.

„גוט!" האָט ער אויסגערופן, און אַוועק פון טיש, אַרויף אויפן דעק און אַריין אין רודער-שטיבל, ווו די יעגער האָבן געגעסן זייער ערשטן פרישטיק, זינט זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דאָרט.

איך און מאָוד ברוסטער האָבן קוים אָנגערירט די שפּייז, און שטילשווייגנדיק געקוקט איינער אויפן צווייטן, און זיך צוגעהאָרכט צו וואָלף לאַרסענס שטים, וואָס האָט לייכט אַדורכגעדרונגען די קאַבינע דורך דער צווישנוואַנט.

ער האָט לאַנג גערעדט און זיינע אויספירן זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אַ ווילדן אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטן. די צווישנוואַנט איז אָבער געווען צו דיק, אַזוי אַז מיר האָבן נישט געקענט הערן זיינע רייד. אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין, האָבן זיי געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די יעגער, ווייל די אַפּלאָדיסמענטן זענען באַגלייט געוואָרן פון הויכע אויסגעשרייען און יובעל-אויסרופן.

לויט די קולות אויפן דעק האָב איך געוווּסט, אַז די יעגער זענען אַרויסגעיאָגט געוואָרן און זיך צוגעגרייט אַראָפּצולאָזן די שיפלעך.

מאָוד ברוסטער איז מיט מיר מיטגעגאַנגען אויפן דעק, כ'האָב

זי אָבער איבערגעלאָזט ביים איינגאַנג צו דער קיך, ווו זי האָט געקענט זיך צוקוקן צו דער סצענע און נישט באַמערקט ווערן. די מאַטראָזן האָבן מסתמא געוווּסט וואָס עס דאַרף פאָרקומען, און די אויפלעבונג און באַגייסטערונג, וואָס זיי האָבן אריינגעלייגט אין זייער ווערק, האָבן עדות געזאָגט אויף זייער ענטוזיאַזם.

די יעגער זענען אַלע אַרויסגעקומען אויפן דעק מיט זייערע ביקסן און אַמוניציע־קעסטלעך, און וואָס איז אומגעווײַנלעך, מיט זייערע דובעלטוווּקעס.

די לעצטע האָבן זיי זעלטן מיטגענומען אין די שיפלעך, ווייל צו שיסן פּאָקעס מיט ביקסן אויף אַ לאַנגן שטח האָט אוממעגלעך פאַרמיידלעך פאַרפעלט דעם ציל, נאָך איידער מ׳האָט געקאָנט דערגרייכן צום שיפל.

אָבער היינט האָט יעדער יעגער געהאַט זיין ביקס און אַמוניציע־קעסטל.

איך האָב באַמערקט ווי זיי האָבן געשמײכלט פאַר צופרידנהייט, בעת זיי האָבן געקוקט אויפן רויך פון דער „מאַקעדאָניע״, וואָס האָט זיך געהויבן וואָסאַמאָל העכער, בשעת זי האָט זיך דערנענטערט פון מערב־זייט.

די פינף שיפלעך זענען מיט רעש אַריין אין וואַסער, זיך אויסגעשפּרייט ווי די ריפּן פון אַ פעכער, און גענומען אַ צפון־ריכטונג, אַזוי ווי נעכטן נאָכמיטאָג, און מיר האָבן געדאַרפט נאָכפאָרן.

אַ געוויסע צייט האָב איך זיך נײַגעריק צוגעקוקט, אָבער ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז גאָרנישט צו באַמערקן קיין שום אויסערגעוויינלעכס אין זייער אויפפירונג.

זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט זעגלען, געשאָסן פּאָקעס, ווידער אַרויפגעזעצט די זעגל און זיך ווייטער געפאָרן ווי שטענדיק.

די מאַקעדאָניע האָט איבערגעחזרט איר געכטיקע פאָרשטעלונג, „געשפּילט״ מיטן ים, אַראָפּלאָזנדיק איר ריי שיפלעך פאָרווערטס פאַר אונזערע און קווער איבער אונזערע. 14 שיפלעך פאָדערן אַ באַדייטנדיקן ים־שטח, כדי באַקוועם צו יאָגן,

און ווען זיי האָבן פולשטענדיק אויסגעמיטן אונזער ריי, איז זי ווייטער געפאָרן צו צפון-מזרח, אַראָפּלאָזנדיק מער שיפלעך בשעתן פאָרן.

„וואָס איז געשען?" האָב איך געפרעגט וואָלף לאַרסענען, נישט זייענדיק מער אימשטאַנד איינצוהאַלטן מיין נייגע-ריקייט.

„נישט אייער דאגה וואָס ס'איז געשען", האָט ער גראָב געענטפערט. „ס'וועט נישט געדויערן קיין טויזנט יאָר איידער איר וועט זיך דערוויסן, און דערווייל בעטן אויף אַ גינסטיקן ווינט".

„אַ, גוט, כ'וועל אייך זאָגן, האָט ער באַלד געזאָגט. „כ'גיי אייגנגעבן מיין ברודער אַ ביסל פון זיין אייגענער מעדיצין. בקיצור, כ'גיי אַליין זיך אַ שפּיל טון, און נישט בלויז אויף איין טאָג, נאָר אויפן גאַנצן סעזאָן — אויב מירן האָבן מזל."

„און אויב נישט? — האָב איך געפרעגט.

„דאָס קומט גאָרנישט אין באַטראַכט", האָט ער געלאַכט. „מיר מוזן דווקא האָבן מזל, אַנישט איז אַ סוף צו אונז."

ער האָט זיך דאַן געשטעלט ביים ראָד, בעת איך בין אַרויף אין שפּיטאָל אַריין, וווּ ס'זענען געלעגן די צוויי צעקאַ-לעטשעטע מענטשן, נילסאָן און טאָמאַס מאַגרידזש.

נילסאָן איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, ווייל זיין צו-בראָכענער פוס האָט זיך גאָר גוט געהיילט, אָבער דער קאָקני איז געווען פאַרצווייפלט, מעלאַנכאָליש, און כ'האָב דערפילט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו דעמדאָזיקן אומגליקלעכן באַשעפעניש. און דאָס וווּנדער איז געווען נאָך גרעסער, וואָס ער האָט נאָך אַלץ געלעבט און זיך געקלאַמערט אָן לעבן.

די שווערע יאָרן האָבן רעדוצירט זיין מאָגערן גוף אויף צעבראָכענע שטיקלעך שאַרבן — און דאָך האָט אין אים גע-ברענט ווי שטענדיק דער לעבנס-פונק.

„מיט אַ קינסטלעכן פוס — און מ'מאַכט אַזעלכע גאָר אויס-געצייכנט — וועט איר קריכן אויף די שיפס-קיכן ביזן סוף פון

אייערע טעג", האָב איך אין שפּאַס פּאַרזיכערט.

אָבער זיין ענטפער איז געווען אַן ערנסטער, ניין, אַ פייערלעכער.

„כ'ווייס נישט, וואָס איר זאָגט דאָרט, מר. וואַן וועידן, אָבער איך ווייס, אַז כ'וועל מיך קיינמאָל נישט אָפּרוען, נישט זיין גליקלעך, פל זמן כ'וועל נישט זען אַ טויטן יענעם בלוטיקן הונט. ער קאָן נישט אַזוי לאַנג לעבן ווי איך. ער האָט נישט קיין רעכט צו לעבן, אַזוי ווי עס זאָגט דאָס געטלעכע וואָרט: „ער וועט טרויעריק שטאַרבן". און איך זאָג נאָך „אָמן" און זאָל ער באַלד פאַרשאָלטן ווערן."

אַרויפקומענדיק אויפן דעק, האָב איך געטראָפן וואָלף לאַרסענען רודערן מיט איין האַנט, בעת מיט דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן דעם שפּאַקטיוו און געפּאָרשט די לאַגע פון די שיפלעך, און באַזונדערס אַכטונג געגעבן אויף דער פּאָזיציע פון דער מ אַ ק ע ד אָ נ י ע.

די איינציקע באַמערקנסווערטע ענדערונג אין אונזערע שיפלעך איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן זיך געפונען לעבן ווינט און געגאַנגען עטלעכע פונקטן צו מערב פון צפון, דאָך האָב איך נישט געקאָנט באַנצמען דעם נוצן פון דעם מאַנעוור, ווייל דער פרייער ים איז נאָך אַלץ געווען פאַרנומען פון מ אַ ק ע ד א נ י ע ס פינף שיפלעך, וועלכע האָבן פון זייער זייט זיך געדרייט אין דער זייט פון ווינט.

אַזוי-אַרום האָבן זיי זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט צו מערב, אַוועקגייענדיק אַ סך ווייטער פון די איבעריקע שיפלעך פון זייער ריי.

אונזערע שיפלעך האָבן געוויעסלעוועט און געזעגלט, אַפילו די יעגער האָבן געשלעפּט, און מיט דריי פּאָר וויעסלעס אין וואַסער האָבן זיי שנעל איבערגעיאָגט דעם שונא, ווי כ'מעג זיי גאַנץ ריכטיק אָנרופן.

דער רויך פון מ אַ ק ע ד אָ נ י ע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טונקעלן פלעק אויפן צפון-מזרח האָריזאָנט. דעם דאַמפער האָט מען גאָרנישט געזען.

מיר האָבן געהאַלטן אין איין שלעפּן, אונזערע זעגלען האָבן איינגעשלונגען אַ העלפט צייט און צעטריבן דעם ווינט. און צוויי מאָל אין משך פון אַ קורצער צייט, האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן, אָבער מיר זענען מער נישט געלאָפן. די פלאַכטעס זענען צוריסן געוואָרן און וואָלף לאַרסענען איז געלונגען אַדורכ־צופירן דאָס געשפענסט. מיר זענען אַדורכגעלאָפן אונזער ריי שיפלעך און זיך געטראָגן צו דעם ערשטן שיפל פון דער אַנ־דערער ריי.

„אַראָפּ יענעם האָקזעגל, מר. וואַן ווײדן", האָט וואָלף לאַרסען באַפוילן, „און שטייט דאָרט און האַלט אונטער דעם האָקזעגל."

איך בין צוגעלאָפן און דערכאַפּט דעם אַראָפּפאַלנדיקן האָקזעגל, בעת מיר זענען פאַרבייגעלאָפן דאָס אָרט, וואָס איז פאַרשטעלט פון ווינט.

די דריי מענטשן, וואָס זענען דערין געזעסן, האָבן גע־פּלעפטע געקוקט אויף אונז. זיי האָבן אַרומגעקרייזט דעם ים און זיי האָבן יעדנפאַלס געקאָנט וואָלף לאַרסענען לויט זיין שם.

כ'האָב באַמערקט, אַז דער יעגער, אַ ריזיקער סקאַנדינאַ־ווער, וואָס איז געזעסן ביים דזשאָב, האָט געהאַלטן די ביקס גרייט פאַרלייגט איבער די קני. איר ריכטיק אָרט איז געווען אינם טאָרניסטער.

צוקומענדיק צו אונזער פאָדערשטן טייל, זענען זיי באַ־גריסט געוואָרן דורך וואָלף לאַרסענען מיט אַ האַנטבאַוועגונג און אַ געשריי:

„קומט אַרויף אויפן דעק און מ'וועט זיך אַ שפּיל טון."

„אַ שפּיל טון" איז ביי די פּאָקע־סקונערס אַן ערזאַץ וואָרט פאַר „מאַכן אַ וויזיט", „פּלוידערן". דאָסדאָזיקע וואָרט דריקט אויס די רויִקייט פון ים, און איז אַן אָנגענעמער איבער־רייס אין דעם מאָנאָטאָנעם לעבן.

דאָס געשפּענסט האָט זיך געהוידעט אין ווינט, און כ'האָב באַצייטנס געענדיקט מיין אַרבעט און געקענט צוהעלפן

ביי די הויפט-ליילעכער.
„איר וועט אַזוי גוט זיין און בלייבן אויפן דעק", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט צו מיס ברוסטער, בעת ער איז אַנט-קעגנגעגאַנגען די געסט.
„און איר אויך, מר. וואַן ווײַדען."
דאָס שיפל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם זעגל און ווייטער גע-לאָפן לענג-אויס.
דער יעגער, מיט אַ גאָלדענער באָרד ווי אַ ים-קיניג, איז אַרויף איבערן פּאָרענטש און אַריין אויפן דעק, אָבער זיין רי-זיקייט האָט נישט גובר געווען זיין מורא. אין זיין פּנים האָט מען באַמערקט צווייפל און אומצוטרוי.
דאָס איז געווען אַ דורכזיכטיק פּנים, נישט געקוקט וואָס עס איז געווען באַדעקט מיט האָר, און באַלד ווי ער האָט גע-ווענדט זיין בליק פון וואָלף לאַרסענען אויף מיר, האָט מען אין אים דערקענט אַ דערלייכטערונג. ער האָט באַמערקט, אַז מיר זענען אין צווייען, און דאַן געקוקט אויף זיינע צוויי מענטשן, וואָס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען. זיכער — ער האָט געהאַט ווייניק טעמים צו שרעקן זיך.
ער איז געווען העכער ווי אַ גלית איבער וואָלף לאַרסענען.
ער האָט מסתמא געהאַט זעקס פוס און אַכט אָדער ניין צאָל די הויך און שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער וועגט 240 פונט און האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום פעטס אין זיך. ער איז געווען בלויז ביינער און מוסקולן.
אָבער ווידער האָט זיך ביי אים באַמערקט אַ מורא, ווען וואָלף לאַרסען האָט אים ביים דורכגאַנג אַראָפּגעבעטן אונטן. אָבער ער האָט זיך ווידער דערפילט זיכער, אַ קוק געבנדיק אויף זיין באַגלייטער, אויך אַ ריזיקער מענטש, אָבער אַ קאַר-ליק לגבי אים, דעם ריז.
אַזוי-אַרום איז פאַרשוואונדן די קווענקלעניש, און די צוויי זענען אַראָפּ אין דער קאַבינע.
אין דער צווישנצייט האָבן זיינע צוויי יעגער, ווי דער

מנהג פון מאַטראָזן-געסט, אַרויף אויפן אויבערשטן דעק, כּדי אַליין אויך אָפּצושטאַטן וויזיטן.

פלוצלונג האָט זיך פון דער קאַבינע דערהערט אַ גרויס דערשטיקט געבילערײַ מיט קולות פון אַ ווילדן קאַמף. דאָס איז נעווען דער לעמפּערט און דער לייב, און דער לייב האָט אָנגעמאַכט דאָס גאַנצע גערודער, וואָלף לאַרסען איז געווען דער לעמפּערט.

„דאָ האָט איר די הייליקייט פון אונזער גאַסטפרײַנטלעכקייט," האָב איך אַ פאַרביטערטער געזאָגט צו מאָוד ברוסטער.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי האָט געהערט, און כ'האָב אין איר פּנים באַמערקט די סימנים פון דערזעלבער שוואַכקייט ביים אָנבליק אָדער הערן פון אַ געוואַלטזאַמען געראַנגל, פון וועלכן כ'האָב אַזוי שטאַרק געליטן בעת מײַנע ערשטע פּאָר וואָכן אויף דעם געשפּענסט.

„צי וואָלט נישט גלײַכער געווען, אַז איר זאָלט אַרויפגיין. לאָמיר זאָגן דורכן רודער-שטיבל, ביז אַלץ וועט פאַריבער?" האָב איך מרמז געווען.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט באַדויערונג געקוקט אויף מיר.

זי איז נישט געווען איבערגעשראָקן, נאָר גיכער געפּלעפט פון דער מענטשלעכער בעסטיאַלישקייט.

„איר וועט אַליין פאַרשטיין", האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, „אַז וואָס פאַר אַן אָנטייל כ'זאָל נישט נעמען אינם געשעעניש, אָדער אין דעם, וואָס דאַרף געשען, בין איך געצוווּנגען דערצו — אויב איך און איר וועלן ווען-עס-איז אַרויסרײַסן זיך לעבעדיקע פון דערדאָזיקער קלעם."

„דאָס איז נישט שיין פון מײַן זײַט," האָב איך צוגעגעבן.

„כ'פאַרשטיי", האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַך קול ווי פון ווײַטן, און אירע אויגן זענען עדות געווען, אַז זי פאַרשטייט.

די קולות פון אונטן זענען אָפּגעשטאָרבן. וואָלף לאַרסען

איז איינער אַליין אַרויפגעקומען אויפן דעק. אונטער זיין בראָנ־זענעם פּנים האָט זיך געזען אַ לייכטע פאַרוויטלטקייט, אָבער ווייטער האָט זיך נישט באַמערקט קיין סימן פון דער שלאַכט.״

„שיקט אַרויף די צוויי מענטשן, מר. וואַן ווערדן״, האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב געהאָרכט און אין אַ מינוט אַרום זענען זיי שוין געשטאַנען פאַר אים.

„ברענגט אַרויף אייער שיפל״, האָט ער צו זיי געזאָגט. „אייער יעגער האָט באַשלאָסן צו בלייבן אויפן דעק און וויל נישט, אַז דאָס שיפל זאָל זיך דערווייל אַרומבלאָנקען״.

„ברענגט אַרויף אייער שיפל, זאָג איך אייך״, האָט ער איבערגעחזרט שוין שאַרפער,ווען זיי האָבן זיך געקווענקלט אויס־צופירן זיין באַפעל.

„ווער קאָן וויסן? ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז איר וועט אַ געוויסע צייט פאָרן מיט מיר,״ האָט ער געזאָגט גאַנץ שטיל מיט אַ זיידענער דראָונג, וואָס האָט אָפּגעלייקנט זיין ווייכן טאָן, בעת זיי האָבן זיך גענומען פאַמעלעך אויספירן זיין באַ־פעל. „און מיר וועלן ליבערשט אַרויספאָרן מיט אַ פריינטלעכער פאַרשטענדניש. איצט לעבעדיק! טויט לאַרסען הייסט אייך שפּרינגען לעבעדיקער, איר ווייסט דאָס!״

אונטער זיין אָנפירונג האָבן זיך זייערע באַוועגונגען פאַרשנעלערט, און בשעת דאָס שיפל איז אַרויסגענומען געוואָרן, האָט ער מיך אַרויסגעשיקט אַוועקצונעמען די האָקזעגל. וואָלף לאַרסען, ביים ראָד, האָט געפירט דאָס געשפּענסט נאָכן צווייטן שיפל פון דער מאַקעדאָניע.

אויפן וועג, נישט האָבנדיק דערווייל וואָס צו טון, האָב איך געווענדעט מיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער לאַגע פון די שיפלעך.

מאַקעדאָניעס דריט שיפל איז אַטאַקירט געוואָרן דורך אונ־זערע צוויי, און דאָס פערטע — דורך אונזערע דריי; און דאָס פינפטע האָט פאַרטיידיקט זיין נאָענטסטן שכן. דער קאַמף

האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַ גרויסן שטח, און די ביקסן האָבן בסדר געקנאַקט.

דער ווינט האָט אויפגעהויבן די ים-כוואַליעס, און דאָס האָט געשטערט דער שיסעריי; און זיך דערנענטערנדיק, האָבן מיר געקאָנט זען ווי די קוילן זענען געשפרונגען פון כוואַליע צו כוואַליע.

דאָס שיפל, וואָס מיר האָבן געיאָגט, איז אַוועק אָן אַ זייט און געלאָפן פאַרן ווינט, ראַטעווענדיק זיך, און בשעתן אַנטלויפן אָנטיילגענומען אין אָפּשטויסן אונזער הויפּט-אַטאַקע אויף די שיפלעך.

זייענדיק איצט פאַרנומען מיט די לײַלעכער און האַקעס, האָב איך געהאַט ווייניק צייט צו זען וואָס עס קומט פאָר, אָבער כ'בין צופעליק געווען אויפן הינטערשטן שיפטייל, ווען וואָלף לאַרסען האָט באַפוילן די צוויי פרעמדע מאַטראָזן אַרויפּ-צוגיין אויפן אויבערדעק.

זיי זענען געגאַנגען אָנגעכמורעטע, אָבער זיי זענען גע-גאַנגען.

נאָכדעם האָט ער געהייסן מיס ברוסטער אַראָפּגיין אונטן, און געשמייכלט, דערזעענדיק דעם פּחד, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

„איר וועט דאָרט נישט געפינען קיין שום שרעקלעכס", האָט ער געזאָגט. „נאָר אַ נישט פאַרווונדעטן מענטש, וואָס איז פאַר זיכערקייטס-וועגן צוגעבונדן געוואָרן צו די ריגלען פון דער אויסשטאַטונג. קוילן וועלן אַרומפליען אויפן דעק, און איר ווייסט דאָך, כ'וויל נישט, אַז מ'זאָל אייך דערהרגענען".

אַפילו בשעתן רעדן איז אַדורכגעפלויגן אַ קויל לעבן דעם ראָד און מיט אַ פייף צוריקגעפלויגן אינדערלופטן.

„איר זעט", האָט ער צו איר געזאָגט און דאַן צו מיר, „מר. וואַן ווײַדן, איר וועט צוגיין צום ראָד?"

מאַוד ברוסטער איז צוגעגאַנגען צום דורכגאַנג, אַזוי אַז נאָר איר קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט. וואָלף לאַרסען האָט גע-ברענגט אַ ביקס און אַריינגעוואָרפן אַ קויל אין קעסטל. מיט

די אויגן האָב איך זי געבעטן אַראָפּגיין, נאָר זי האָט גע־שמייכלט און געזאָגט:

„מיר קאָנען זיין שוואַכע יבשה־באַשעפעניש אָן פיס, מיר קאָנען אָבער ווייזן וואָלף לאַרסענען, אַז מיר זענען לכל־הפחות אַזוי העלדיש ווי ער."

ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ שנעלן בליק פול מיט פאַרוואונדערונג.

„כ'האָב אייך דערפאַר ליבער מיט הונדערט פּראָצענט", האָט ער געזאָגט. „ביכער, מוחות און העלדישקייט. איר זענט גאָר גוט צוגעפּאַסט צו זיין די פרוי פון אַן אָנפירער פון פּי־ראַטן. הם, מיר וועלן וועגן דעם שפּעטער דיסקוטירן", האָט ער געשמייכלט, בעת אַ קויל האָט געטראָפן אין דער וואַנט פון דער קאַבינע.

כ'האָב געזען ווי זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט גאָלד בשעתן רעדן, און געזען ווי אין אירע אויגן מאָלט זיך דער שרעק.

„מר זענען העלדישער", האָב איך שנעל געזאָגט. „לכל־הפחות, וואָס שייך מיר, כ'ווייס, אַז כ'בין העלדישער ווי קאַ־פּיטאַן לאַרסען."

איצט בין איך באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ שנעלן בליק. ער האָט נישט געוווסט צי כ'מאַך חוזק פון אים. כ'האָב געלייגט דריי־פיר שפּריכן, כדי קעגנצווווירקן דאָס אָפּנייגן זיך פון ווינט, און דאַן ווייטער געפאָרן.

וואָלף לאַרסען האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַ דערקלע־רונג, און כ'האָב אָנגעוויזן אויף מיינע קני.

„איר וועט דאָרט באַמערקן", האָב איך געזאָגט, „אַ לייכטן ציטער. דאָס איז דערפאַר וואָס איך האָב מורא, דאָס פלייש האָט מורא, און איך האָב במחשבה מורא, מחמת כ'וויל נישט שטאַרבן. אָבער מיין גייסט באַהערשט דאָס ציטערנדיקע פלייש און די שמערצן פון מות. כ'בין מער ווי העלדיש, כ'בין פול מיט קוראַזש. אייער פלייש האָט נישט קיין מורא. איר האָט נישט קיין מורא. פון איין זייט קאָסט עס אייך גאָרנישט צו

באַגעגנעט די סכנה, פון דער צווייטער זייט האָט איר אַפּילו הנאה דערפון. ס'קאָן זיין, אַז איר האָט נישט קיין מורא, מר. לאַרסען, אָבער איר מוזט מודה זיין, אַז די העלדישקייט איז אויף מיין זייט."

„איר זענט גערעכט", האָט ער באַלד נאָכגעגעבן. „כ'האָב קיינמאָל וועגן דעם נישט געקלערט אויף אַזאַ אופן. אָבער איז דער היפּוך אמת? אויב איר זענט העלדישער ווי איך, בין איך מער פּחדן ווי איר?"

מיר האָבן ביידע געלאַכט פון דאָזיקן אַבסורד, און ער איז צוגעגאַנגען צום דעק און אַוועקגעלייגט די ביקס אויפן פּאָרענטש.

די קוילן, וואָס מיר האָבן באַקומען, זענען געפלויגן כמעט אַ מייל, אָבער מיר האָבן שוין איצט געהאַט אַדורכגעמאַכט אַ העלפט פונם שטח.

ער האָט דריי מאָל פּאָרזיכטיק געשאָסן. דער ערשטער שאָס האָט געטראָפן פופציק פוס פון שיפל, דער צווייטער לענג-אויס, און ביים פרישן שאָס האָט דער רודערער אַרויסגעלאָזט די וויעסלע און אַנידערגעפאַלן ביים עק פון שיפל.

„כ'בין מיך משער, אַז דאָס וועט מאַכן אַ סוף צו זיי", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט, אויפשטעלנדיק זיך אויף די פיס. „כ'האָב נישט געקאָנט דערלויבן, אַז דער יעגער זאָל עס האָבן, און ס'איז פאַראַן אַ שאַנס, מחמת דער שיפל-שלעפער קאָן נישט וויעסלעווען און שיסן אין איין ציל."

זיין מאָטיווירונג איז געווען ריכטיק, ווייל דאָס שיפל איז מיטאַמאָל אַריין אין ווינט און דער יעגער איז אויפגעשפּרונגען צו פאַרנעמען דעם וויעסלערס אָרט.

מער האָט מען שוין נישט געשאָסן, הגם די ביקסן האָבן נאָך פריילעך געקנאַקט פון אַנדערע שיפלעך.

דעם יעגער איז געלונגען ווידער צוצופירן דאָס שיפל פאַרן ווינט, נאָר מיר זענען געלאָפן אויף אים, גייענדיק לכל-הפּחות צוויי פוס אויף זיינס איינעם.

אַ הונדערט יאַרד ווייטער האָב איך געזען ווי דער שיפל-

שלעפּער גיט אַ ביקס דעם יעגער.

וואָלף לאַרסען איז אַרויף אויפן צווישנדעק און גענומען די שטריק, מיט וועלכע מען שלעפּט די זעגל. דאַן האָט ער געקוקט איבערן פּאַרענטש מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס. צוויי מאָל האָב איך געזען ווי דער יעגער לאָזט גיין די וויעסלע מיט איין האַנט, שטרעקט אויס נאָך די ביקס און קווענקלט זיך. מיר זענען דאַן געווען נאָענט און שנעל געפאָרן.

אינדערזעלבער צייט האָט ער געוואָרפן דעם עק פון שטריק. ער האָט פּונקט געטראָפן, כמעט אומגעוואָרפן דעם מענטש, אָבער ער האָט נישט געהאַרכט. אָנשטאָט דעם האָט ער געוואַרט אויף באַפעלן פון זיין יעגער.

דער יעגער פון זיין זייט האָט זיך געפונען אין אַ שווע־רער לאַגע.

די ביקס זיינע איז געלעגן צווישן די קני, אָבער אויב ער וועט אָפּלאָזן די וויעסלע, כדי צו קאָנען שיסן, וועט דאָס שיפל זיך וואַקלען און צוזאַמענשטויסן מיטן סקונער.

ער האָט אויך געזען, אַז וואָלף לאַרסענס ביקס איז אָנגע־שטעלט אויף אים און געוווּסט, אַז ער וועט דעשאָסן ווערן איי־דער ער וועט נעמען די ביקס.

„דריי אויס״, האָט ער געזאָגט צו זיין מענטש.

דער שיפל־שלעפּער האָט געהאַרכט, אויסגעדרייט און גע־שלעפּט דעם שטריק, בעת ער האָט זיך געוואָרפן. דאָס שיפל איז אַרויס מיט אַ רעש, און דער יעגער האָט עס אויסגעגלייכט אין דער פּאַראַלעלער ריכטונג, אַ צוואַנציק פוס פון דער זייט פון דעם געשפּענסט.

„איצט נעם אַראָפּ דעם זעגל און קום מיט״, האָט וואָלף לאַרסען באַפוילן.

ער האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט די ביקס, אַפילו גייענדיק אויף די האָקעס מ׳יט איין האַנט. ווען דער דזשאָב און הינטערשטער טייל זענען געווען צוגעפּעסטיקט און די צוויי נישט־פאַרוווּנדעטע מענטשן זענען געווען גרייט צו גיין אויפן דעק, האָט דער יעגער אויפגעהויבן זיין ביקס, גלייך ווי ער

וואָלט זי אַוועקשטעלן אין אַ זיכערער פּאָזיציע.

„לאָזט אַראָפּ!" האָט וואָלף לאַרסען געשריגן און דער יעגער האָט זי אַראָפּגעלאָזן, גלייך ווי זי וואָלט געווען הייס און אים געבריט.

שוין זייענדיק אויפן דעק, האָבן די צוויי־געפאַנגענע אַרויסגעשלעפּט ס'שיפל און אונטער וואָלף לאַרסענס השגחה האָבן זיי אַראָפּגעטראָגן זייער שיפל־שלעפּער.

„אויב אונזערע פינף שיפלעך וועלן טון אַזוי ווי איך און איר האָבן געטון, וועלן מיר האָבן אַ נישט־קשהדיקע מאַנשאַפט," האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט צו מיר.

„דער מענטש, וועמען איר האָט געשאָסן — איז — כהאָף?" האָט מאַוד ברוסטער געפרעגט אין ציטערניש.

„אין דער פּלייצע", האָט ער געענטפערט. „נישט ערנסט; ער, וואַן ווײדן וועט אים גוט פאַרבאַנדאַזשירן, און באַהאַנדלען אַ דריי־פיר וואָכן".

„אָבער ער וועט נישט האָבן צו טון מיט די חברה־לייט פון דאָרט", האָט ער צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויף מאַקעדאָנ־יאַס דריט שיפל, צו וועלכן כ'האָב געוויעסלעוועט און וועלכעס איז איצט געשטאַנען לעבן אונז. דאָס איז האָרנערס און רויכס אַרבעט. כ'האָב זיי געזאָגט, אַז מיר דאַרפן ד'האָבן לעבעדיקע מענטשן, נישט מתים, אָבער די פרייד צו שיסן און צו טרעפן איז אַ זייער צווינגענדיקע זאַך, קוים האָט איר זיך אויסגעלערנט צו שיסן. איר האָט שוין דאָס אַמאָל פאַרזוכט, מיסטער וואַן ווײדן?".

כ'האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך צוגעקוקט צו זייער אַרבעט.

דאָס איז באמת געווען אַ בלוטיקע אַרבעט, ווייל זיי האָבן מיטגענומען און זיך פאַרייניקט מיט אונזערע דריי שיפלעך, אַטאַקירנדיק די איבעריקע צוויי פון שונא.

דאָס פאַרלאָזטע שיפל איז געווען אין סאַמע מיטן ים, וויגנדיק זיך ווי שכור. לויזע זעגל האָבן זיך געשלעפּט ביי די רעכטע ווינקלען און געקלאַפּט און געפלאַטערט אין ווינט.

דער יעגער און דער שיפל-שלעפּער זענען ביידע אומגע־לומפּערט געלעגן אין עק, אָבער דער וויעסלער איז געלעגן אויף די זייטן פון־ שיפל, האַלב-אריין-האַלב-אַרויס, זיינע הענט זענען געווען אין וואַסער און דער קאָפּ האָט זיך געוויגט פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

„קוקט נישט, מיס ברוסטער. כ׳בעט אייך, קוקט נישט", האָב איך זיך ביי איר געבעטן, און כ׳בין געווען צופרידן, וואָס זי האָרכט מיך און פאַרשפּאָרט דאָס אַלץ צוצוזען.

„גלייך אַריין אין דער קופּע, מר. וואַן ווערידן", האָט דער האַלף לאַרסען באַפוילן.

צוקומענדיק נענטער, האָט דאָס פייער אויפגעהערט, און מיר האָבן געזען, אַז דער קאַמף איז שוין פאַרענדיקט. די אי־בעריקע צוויי שיפלעך זענען געפאַנגען געוואָרן דורך אונזערע צוויי, און די 7 זענען געווען פאַרזאַמלט איניינעם, וואַרטנדיק, אַז מ׳זאָל זיי אַרויפנעמען.

„קוקט נאָר דאָרט!", האָב איך נישטווילנדיק אויסגעשריען, אָנווייזנדיק צו צפון-מזרח. דער פלעק-רויך, וואָס האָט געוויזן אויף מ אַ ק ע ד אָ נ י אַ ס פּאָזיציע, איז פאַרשוווּנדן.

„יאָ, כ׳האָב דאָס באַמערקט", האָט וואָלף לאַרסען רויק געענטפערט. ער האָט געמאָסטן דעם שטח פון׳דעם נעפּל-ברעג׳ און אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ מינוט צו פילן די משא פון ווינט אויף זיין באַק. „כ׳מיין, אַז מירן דאָס מאַכן; אָבער איר קאָנט זיך פאַרלאָזן, אַז מיין געבענטשטע ברודערל האָט דערשנאַפּט אונזער שיפל און שפּרינגט אונז נאָך, אָ קוקט נאָר.

דער פלעק-רויך איז פּלוצלונג געוואָרן גרעסער און גע־ווען זייער שוואַרץ.

„כ׳וועל דיך אָבער בייקומען, ברודערל מיינס", האָט ער געכיכיקעט. „כ׳וועל דיך מנצח זיין, און איך האָף אַזוי, אַז פון דיינע אַלטע מאַשינעס וועט ווערן שמאַטעס".

בעת מיר האָבן זיך אויסגעדרייט, האָט געהערשט אַ שנע־לע, הגם אָרדנונגספולע צעמישונג. די שיפלעך זענען אַרויף אויפן דעק פון אַלע זייטן.

אַזוי ווי נאָר די געפאַנגענע זענען אַריבער דעם פאָרעגטש, זענען זיי אַ הינגעפּירט געוואָרן דורך אונזערע יעגערס אויפן אויבערדעק, בעת אונזערע מאַטראָזן האָבן אַרויסגעשלעפּט די שיפלעך, אין גרויס איילעניש וואַרפנדיק זיי ווו-עס-איז און זיך נישט אָפילו אָפּגעשטעלט זיי צוצובונדן. מיר זענען שוין געווען אינמיטן וועג, אַלע זעגל אַרויפגעזעצט און די לייַלעכער אַנטבלויזט פאַרן ווינט, בעת דאָס לעצטע שיפל איז אַרויס פון וואַסער און זיך געפּלאָנטערט אין די בלאָקן.

ס'איז נישט געווען וואָס צו איילן זיך, די מאַקעדאָניע אַרויסלאָזנדיק פון איר קוימען דעם געדיכטסטן שוואַרצסטן רויך, האָט זיך געלאָזט אויף אונז פון צפון-מזרח. פאַרנאַכלעסנדיק אירע איבערגעבליבענע שיפלעך, האָט זי געענדערט איר ריכטונג, כדי אונז צו פאַרלויפן דעם וועג. זי איז נישט געלאָפן גלייך פאַר אונז, נאָר פאָרויס.

אונזערע ריכטונגען זענען זיך צוזאַמענגעקומען פונקט ווי די זייטן פון אַ ווינקל, וועמעס זעניט איז געווען ביים סוף פון דעם נעפל-ברעג. נאָר דאָרט האָט די מאַקעדאָניע געהאָפט אונז צו כאַפּן, אָדער בכלל נישט צו כאַפּן. דעם געשפּענסט האָפנונג איז באַשטאַנען אין אַדורכגיין יענעם פונקט, איידער די מאַקעדאָניע וועט אים דערגרייכן.

וואָלף לאַרסען האָט געוויעסלעוועט, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט און געברענט, בעת זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געשפּרונגען פון יעדן פּרט פונם געיעג.

דאָ האָט ער געפאָרשטדעם ים פון דער ווינט זייט, געזוכט סמנים פון אָפּשוואַכונג אָדער פאַרשטאַרקונג פון ווינט, דאָ די מאַקעדאָניע. און דאָ ווידער האָבן זיינע אויגן געבלאָנדזשעט אין יעדן זעגל, און געגעבן באַפעלן אַראָפּצולאָזן אַ ביסל אַ לייַלעך, דאָרט אַביסל פאַרשטאַרקן, ביז ער האָט אַרויסגעצויגן פונם געשפּענסט דעם לעצטן אָטעם פון שנעלקייט.

ס'איז פאַרגעסן געוואָרן אַלע מחלוקות און שנאה, און ס'האָט מיך איבערראַשט די פלינקייט, מיט וועלכער די מענטשן, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געליטן פון זיין ברוטאַלישקייט, זענען צו-

געלאָפן כדי צו דערפילן זיינע באַפעלן.

ס׳איז משונהדיק צו זאָגן, אַז בעת מיר האָבן זיך געהויבן און געוויגט, איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין דער אומגליקלע-בער דזשאָנסאָן, און כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל פון מיטלייד, וואָס ער לעבט נישט און איז נישט דערביי; ער האָט אַזוי ליב גע-האַט דאָס געשפּענסט און זיך געפריידט מיט אירע כוחות.

„נעמט ליבערשט אייערע ביקסן, חברה" האָט וואָלף לאַר-סען געשריגן צו אונזערע יעגער; און די פינף מענטשן האָבן זיך געשטעלט ביים פּאַרענטש, מיט די ביקסן אין די הענט און געוואַרט.

די מ אַ ק ע ד אָ נ י ע איז געווען אַ מייל ווייט פון אונז, פון רעכטן ווינקל האָט זיך געשיט דער שוואַרצער רויך, אַזוי ווילד איז זי געלאָפן, מאַכנדיק 17 קנופּ — „שפּרינגנדיק צום הימל דורכן ים", ווי וואָלף לאַרסען האָט דאָס אָנגערופן, צו-קוקנדיק זיך צו דעם.

מיר האָבן געמאַכט נישט מער ווי ניין קנופּ. אָבער דער נעפּל-ברעג איז געווען זייער נאָענט.

פון דער מ אַ ק ע ד אָ נ י ע ס דעק איז אַרויס אַ שטאַרקער רויך. מיר האָבן געהערט אַ שאַרפן אָפּקלאַנג. עס האָט זיך גע-פּאַרעמט אַ קיילעכדיק לאָך און די אויסגעצויגענע קאַנוועס פון אונזערע הויפּט-זעגל. זיי האָבן אויף אונז געשאָסן מיט איינעם פון זייערע האַרמאַטן, וועלכע זיי האָבן, ווי ס׳זענען אַרום גע-גאַנגען קלאַנגען, געהאַט אויפן דעק. אונזערע מענטשן, צונויפ-שטופּנדיק זיך אויפן צווישנדעק, האָבן געפאָכעט מיט זייערע היטלען און אויפגעהויבן אַ משוגענעם געוואַלט.

ווידער איז געוואָרן אַ שטאַרקער רויך און סהאָט זיך דער-הערט אַ שאַרפער קנאַל. דאָס מאָל האָט די האַרמאַטן-קויל גע-טראָפן נישט מער ווי 20 פוס פון הינטן און געקוקט צוויי מאָל פון כוואַליע צו כוואַליע, איידער זי איז איינגעזונקען.

אָבער ס׳האָט זיך נישט געהערט קיין ביקסן-שיסעריי. פּשוט צוליב דער סיבה, וואָס אַלע זייערע יעגער האָבן זיך גע-פונען אין די שיפלעך, אָדער געווען אונזערע געפאַנגענע. ווען

די צוויי שיפֿלעך זענען געווען ווייט אַ האַלבע־מייל, האָט אַ דריטער שאָס געמאַלט נאָך אַ לאָך אין אונזער הויפּט־זעגל. דאַן זענען מיר אַריין אין נעפּל. ער איז געווען אַרום אונז, אונז איינגעהילט און באַהאַלטן אין זיין געדיכטן נאַסן צודעק.

די פּלוצלונגע פאַרוואַנדלונג איז געווען איבעראַשנדיק. אין מאָמענט, וואָס מיר זענען געשפּרונגען דורכן זון־שיין, דער בלאָער הימעל איבער אונז, דער ים שטורמענדיק און וויגנדיק ביים האָריזאָנט, און אַ שיף, שפּייענדיק רויך און פייער און אייזערנע קוילן, איז געלאָפן אויף אונז און מיט אַמאָל, כהרף־עין, איז די זון אויסגעמעקט געוואָרן, נישטאָ מער קיין הימעל, אפילו אונזערע מאַסטן זענען פאַרשוואונדן געוואָרן פון אויג, און אונזער האָריזאָנט איז געווען אַזאַ, וואָס נאָר שטאָק־בלינדע אויגן האָבן אים געקאָנט זען.

דער גראָער נעפּל האָט אונז געטריבן ווי אַ רעגן.

יעדער וואָטענע פאָלע פון אונזערע מלבושים, יעדע האָר פון אונזערע קעפּ און פּנימער, איז געווען באַצירט מיט אַ קרי־שטאָלן גלאָבל; די ליילעכער זענען געווען פייכט פון נאַסקייט ס'האָט אַראָפּגעגאָסן אויף אונזערע קעפּ; און פון דעם אונ־טערשטן טייל פון אונזערע דרענגער האָבן די טראָפּן וואַסער אָנגענומען די געשטאַלט פון לאַנגע וואַקלענדיקע רייעס, וואָס זענען געווען אָפּגעריסן און זיך געקלאַמערט אינם דעק אין מי־מישן רעגן ביי יעדן הייבן זיך פונם סקונער. כ'האָב געפילט אַ פאַרשטאַרטקייט, פאַרגליווערטקייט. פּונקט ווי די קולות פון די שיף, וואָס האָבן זיך אַדורכגעשטופּט דורך די כוואַליעס, זענען צוריקגעוואָרפן געוואָרן אויף אונז דורכן נעפּל, אַזוי זענען גע־ווען דעם מענטשנס געדאַנקען.

דער מוח האָט זיך אָפּגעזאָגט פון באַטראַכטן אַ וועלט, וואָס אונטער אַ נאַסן שלייער, וואָס האַלט אים אַרום. דאָס איז געווען די וועלט, דער וועלטאַל גופא, אירע גרעניצן אַזוי נאָ־ענט, אַז מ'האָט זיך געפילט געצוווּנגען אויסצושטרעקן ביידע אָרעמס און זיי צוריקצושטופּן. ס'איז אוממעגלעך געווען, אַז די רעשט זאָל זיין אונטער דידאָזיקע גראָע ווענט. די רעשט איז

געווען אַ חלום, נישט מער ווי דאָס געדעכעניש פון אַ חלום.

ס׳איז געווען משונה-ווילד, אויסערגעוויינלעך משונה: כ׳האָב געקוקט אויף מאָוד ברוסטער און געוווּסט, אַז זי איז אויך אונטערן זעלבן רושם. דאַן האָב איך געקוקט אויף וואָלף לאַרסענען, אָבער קיין שום אָביעקטיוּוס איז נישט געווען צו זעען אין זיין צושטאַנד פון באַוווּסטזיין. זיין גאַנצער אינטערעס איז געווען קאָנצענטרירט אויף די אוממיטלבארער אָביעקטיווער קעגנוואַרט. ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס ראָד, און כ׳האָב געפילט, אַז ער יאָגט איבער די צייט, רעכענענדיק דאָס לויפן פון די מינוטן מיט יעדן שפּרונג און שטויס פונם געשפּענסט.

„גייט אַרויף אין די ווינטעריכטונג אָן געוויש״, האָט ער צו מיר שטיל געזאָגט. „מאַכט צום ערשט די העכסטע זעגלען. שטעלט אַוועק די מענטשן ביי אַלע לייַלעכער. זאָל מען נישט הערן קיין קלאַפּן פון די בלאָקן, קיין שאָרך פון אַ קול. קיין געוויש. פאַרשטאַנען, קיין געוודער״.

ווען אַלץ איז געווען גרייט, איז דאָס וואָרט „אַרויף אין דער ווינטעריכטונג״ איבערגעגעבן געוואָרן פון איינעם צום צווייטן; און דאָס געשפּענסט האָט זיך געוויגט כמעט אָן שום גערויש. און דאָס וואָס איז פאָרגעקומען — דאָס קלאַפּן פון אַ פּאָר קייטן און דאָס גרילצן פון אַ ריגל און אַ בלאָק אָדער צוויי — איז געווען געשפּענסטיק אונטער די הוילע אָפּקלאַנגען פון די תכריכים, אין וועלכע מיר זענען געווען איינגעוויקלט.

קוים זענען מיר געווען ביי דער פולער אַרבעט, אַזוי האָט זיך געדאָכטן, איז דער נעפּל איז געוואָרן שיטערער, און מיר האָבן זיך ווידער געפונען אינמיטן פון זון-שיין, דער ברייט זיך אויסגעצויגענער ים פאַר אונז ביזן האָריזאָנט.

אָבער דער ים איז געווען אַליין. קיין שום כעסדיקע מאַקעדאָניע איז נישט געשוווּמען איבער דער אויבערפלאַך, נישט שוואַרצגעמאַכט דעם הימעל מיט זיין רויך.

וואָלף לאַרסען האָט זיך גלייך אַוועקגעדרייט און געלאָפן לענג-אויס דעם פּאַס פון דעם נעפּל-ברעג. זיין טריט איז

געווען באַשײַנפּערלעך. ער איז אַרײַן אין נעפּל אין דער ווינטריכטונג פון דאַמפּער, און בעת דער דאַמפּער האָט בלינדערהייט זיך געלאָזט אין נעפּל אַרײַן אין דער האָפנונג אים צו כאַפּן, איז ער אַרויס פון זײַן מקום־מקלט און איז איצט ווידער געלאָפן און צוריק אַרײַן אין דער ווינטריכטונג.

דערפאָלגרײַך דערין, וועט דער אַלטער בײַשפּיל וועגן זוכן אַ נאָדל אין אַ סטויג הײ זײַן אַ גענוג מילדער פאַרגלײַך מיט זײַן ברודערס שאַנס אים אויסצוגעפינען.

לאַנג איז ער נישט געלאָפן. אַראָפּנעמענדיק די פאָדערשטע און אַרויפזעצנדיק די העכסטע זעגל, זענען מיר פאָרויס געלאָפן צו אַ ברעג.

בעת מיר זענען דאָרט אַרײַן קאָן איך שווערן, אַז כ׳האָב געזען ווי אַ טונקעלע משא הייבט זיך אויף פון דער ווינטריכטונג. כ׳האָב שנעל אַ קוק געטון אויף וואָלף לאַרסען. מיר זענען שוין געווען באַגראָבן אינעם נעפּל, אָבער ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אויך ער האָט דאָס געזען — די מאַקעדאָניע, משער געווען זײַן מאַנעוור און נאָך איין אויגנבליק נישט פאַרויסגעלאָפן. ס׳איז קיין ספק נישט געווען, אַז מיר זענען ניצל געוואָרן, נישט ווערנדיק באַמערקט.

„ער קאָן דאָס נישט לאַנג אַזוי אויסהאַלטן״, האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט. „ער וועט מוזן גײן נאָך די איבעריקע שיפלעך זײַנע. איר, וואַן ווײדן, שיקט עמיצן צום ראָד, האַלט זיך דערווײַל בײַ דערדאָזיקער ריכטונג. און איר מעגט אויך שטעלן די וואַך, ווײַל מיר ווילן גאָרנישט טון, זוימענדיק הײַנטיקע נאַכט״.

„כ׳וואָלט פונדעסטוועגן אַוועקגעגעבן 500 דאָלאַר״, האָט ער צוגעגעבן, „בלויז צו זײַן אין משך פון 5 מינוט אויפן דעק פון מאַקעדאָניע און הערן ווי מײַן ברודער שעלט״.

„און איצט מר. וואַן ווײדן״ האָט ער געזאָגט, ווען מ׳האָט אים פאַרטרעטן דאָס ראָד, „מוזן מיר מכבד זײַן אונזערע געסט. שטעלט גענוג וויסקי פאַר די יעגערס און טוט אַכטונג, אַז אַזעלכע פלעשלעך זאָלן אויסגעליידיקט ווערן. כ׳געוועט מיך, אַז מאָרגן

וועט יעדער איינער פון זיי גיין אויף געיעג פאַר וואָלף לאַר־סען, אַזוי צופרידן ווי ער פלעגט גיין פאַר טויט לאַרסען״.

„אָבער צי וועלן זיי נישט אַנטלויפן, ווי וועינרייט האָט געטון?״, האָב איך געפרעגט.

ער האָט געלאַכט. „כּל־זמן אונזערע יעגער וועלן עפּעס האָבן צו זאָגן. כ׳וועל צווישן זיי איינטיילן אַ דאָלאַר פאַר יעדן פעלעכל, וואָס אונזערע נייע יעגער וועלן שיסן. לכּל־הפּחות איז אַ העלפט פון זייער היינטיקן ענטוזיאַזם צו פאַרדאַנקען דעמדאָ־זיקן פאַקט. „אָ, ניין, ס׳וועט קיינער נישט אַנטלויפן, אויב זיי וועלן האָבן עפּעס צוזאָגן. און איצט וועט איר גלייכער טון און אַרויפגיין אין שפּיטאָל אַריין צו דערפילן אייערע פליכטן. ס׳וואַרט מסתמא אויף אייך אַ סך אַרבעט״.

קאַפּיטל זיבן.

וואָלף לאַרסען האָט פון מיר איבערגענומען דאָס צעטיילן די וויסקי, און בעת כ׳האָב זיך פאַרנומען מיט די נאַרוואָס פאַר־וווּנדעטע מענטשן, זענען אויסגעליידיקט געוואָרן די פלעשער. כ׳האָב געזען שיכּורים פון וויסקי, ווי די שיכּורים פון וויסקי און סאָדע־וואַסער אין די קלובן, אָבער קיינמאָל נישט אַזוי ווי די־דאָזיקע מענטשן האָבן דאָס געטרונקען, פון צעבערס און קריגלעך און פון פלעשער — גרויסע ביז צום ראַנד זיפּן, און יעדער זיפּ איז געווען אַן אָנשיכּורן זיך. אָבער זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי איין זיפּ אָדער צוויי. זיי האָבן געטרונקען און געטרונקען, און וואָס מער ס׳זענען געוואָרן ליידיק פלעשער, אַלץ מער האָבן זיי געטרונקען.

יעדער איינער האָט געטרונקען; די פאַרווונדעטע האָבן געטרונקען; אופּטי־אופּטי, וואָס האָט מיר צוגעהאָלפן, האָט גע־טרונקען.

בלויז לואיס האָט זיך צוריקגעהאַלטן, נישט מער וואָס ער האָט אויס בייגיריקייט איינגענעצט די ליפּן מיט ליקער, הגם ער האָט אנטייל גענומען אין דער הולאַנקע, מיט רעזערוו, ענלעך צו דעם רוב פון זיי.

דאס איז געווען אַ סאַטורנאַליאַ. אין הויכע קולות האָבן זיי געוואַלדעוועט וועגן זייער קאַמף, געקריגט זיך וועגן אַ פּרט, אדער געמאַכט דעם אנשטעל פון ליבשאַפט און זיך באַפריינדעט מיט די מענטשן, קעגן וועלכע זיי האבן געקעמפט. געפאַנגענער און געפאַנגענעמער האבן געשלוקערצט קעגנזייטיק אויף זייערע פּלייצעס, און געשווירן מיט געוואַלדיקע שבועות פון רעספּעקט און פאַרערונג. זיי האָבן באַוויינט די מפּלות פון הוה און פון עתיד אונטער דער אייזערנער הערשאַפט פון וואָלף לאַרסען, און אַלע האָבן אים געשאָלטן און דערציילט שרעקלעכע מעשיות וועגן זיין ברוטאַלישקייט.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעך און משונהדיק בילד. דער קליינער שטח, פול מיט שטרוי, דער דיל און די ווענט שפּרינגענדיק, די טונקעלע ליכט, די זיך וויגנדיקע שאָטנס זענען לאַנג געוואָרן און קורץ געוואָרן געשפּענסטיק, די געדיכטע לופט שווער מיט רויך און ריח פון די קערפּער און יאָדינע. און די צעהיצטע פּנימער פון די מענטשן — האַלב-מענטשן וואָלט איך זיי גערופן.

כ׳האָב באַמערקט אופּטי-אופּטי, ווי ער האַלט דעם זוים פון אַ באַנדאַזש און קוקט אויף דעם בילד. זיינע סאַמעטענע און גלאַנצנדיקע אויגן בלישטשען אין דער ליכטיקייט, ווי די אויגן פון אַ הירש, און דאָך האָב איך געקענט דעם באַרבאַרישן טייוול, וואָס האָט געלאָקערט אין זיין ברוסט און אָפּגעלייקנט די גאַנצע ווייכקייט און צערטלעכקייט, כּמעט פרויענלעכע פון זיין פּנים און געשטאַלט.

איך האָב באַמערקט העריסאָנס יינגלשע געשטאַלט — אַ גוט פּנים, אָבער איצט אַ דעמאָנס, קאָנוואולסיוו פון ליידנשאַפט, ווען ער האָט דערציילט די ניי-אָנגעקומענע וועגן דער גיהנום שיף, אין וועלכער זיי געפינען זיך און געשיט מיט קללות אויף

וואָלף לאַרסענס קאָפּ.

וואָלף לאַרסען איז דאָס געווען שטענדיק, וואָלף לאַרסען
דער פאַרשקלאַפער און פייניקער פון מענטשן, און די־
דאָזיקע חזירים זיינע, די ליידנדיקע בעסטיעס, וואָס האָבן גע־
וואָרטשעט און זיך געבונטעוועט נאָר בשעת שיכּור זיין און אין
געהיים, און צי בין איך אויך איינער פון זיינע חזירים, און
מאַוד ברוסטער? ניין, כ׳האָב געקריצט מיט די ציין פאַר כּעס
און אַנטשלאָסנקייט, אַזש דער מענטש, וועמען כ׳האָב באַדינט,
האָט אַ ציטער געטון אונטער מיין האַנט און אופטי־אופטי האָט
נייגעריק געקוקט אויף מיר.

כ׳האָב געפילט, אַז כ׳בין באַשאָנקען געוואָרן מיט אַן אומ־
געריכטן כּוח; אַ ביסל צוליב מיין ניי־געפונענער ליבע, בין איך
געווען אַ ריז. כ׳האָב פאַר גאָרנישט קיין מורא געהאַט. כ׳וועל
אויספירן מיינס. נישט געקוקט אויף קיין שום זאַך, להכעיס וואָלף
לאַרסענען און מיינע אייגענע ביכערשע פינפאונדרייסיק יאָר.
אַלץ וועט גוט זיין, כ׳וועל אַלץ גוט מאַכן. און אַזוי עקזאַלטירט,
געטראָגן פון געפיל פון קראַפט, האָב איך אויסגעדרייט מיין
רוקן צום רעשדיקן גיהנום און אַרויף אויפן דעק, ווו דער נעפל
האָט ווי אַ געשפענסט געיאָגט דורך דער נאַכט, און די לופט
איז געווען ליבלעך, ריין און רויק.

דאָס רודער־שטיבל, ווו ס׳זענען געווען די צוויי פאַרוווּנ־
דעטע, איז געווען אַן איבערהזרונג פון אויבערשטן דעק, נאָר
מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס מ׳האָט דאָרטן נישט גע־
שאָלטן וואָלף לאַרסענען; און מיט אַ גרויסער פאַרלייכטערונג
בין איך ווידער אַרויף אויפן דעק און אַראָפּ אין דער קאַ־
בינע.

דאָס אָוונט־עסן איז געשטאַנען גרייט, און וואָלף לאַרסען
און מאַוד ברוסטער האָבן געוואַרט אויף מיר
בעת זיין שיף איז וואַקסאַמאַל געוואָרן שיכּורער, איז ער
איינער געבליבן ניכטער.

זיינע ליפּן האָבן נישט פאַרזוכט קיין טראָפּן ליקער. אין
די איצטיקע אומשטענדן האָט ער נישט געוואַגט דאָס צו טון.

ווייל ער האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן נאָר אויף לואיסן און אויף מיר, און אַפילו לואיס איז איצט געשטאַנעןביים ראָד. מיר זענען ווייטער געשווומען אין נעפּל אָן וואַך און אָן ליכט. אַז וואָלף לאַרסען האָט אַזוי מילד צוטיילט דעם ליקער צווישן די מענטשן — דאָס האָט מיך איבערראַשט, אָבער ער האָט באַשיינפערלעך געקענט זייער פּסיכאָלאָגיע און דעם בעסטן מעטאָד צו פאַרפעסטיקן מיט האַרציקער פריינטשאַפט דאָס, וואָס ס'איז אָנגעהויבן געוואָרן מיט בלוט-פאַרגיסונג.

זיין נצחון איבער טויט לאַרסען האָט, דאַכט זיך, געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף אים.

דעם פריערדיקן אָוונט איז ער געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, און כ'האָב יעדע מינוט געוואַרט אויף איינעם פון זיינע כאַראַקטעריסטישע אויסברוכן. אָבער ס'איז גאָרנישט געשען און איצט איז ער געווען אין דער בעסטער אָרדענונג. מעגלעך, אַז זיין דערפאָלג אין כאַפּן אַזויפיל יעגער און שיפלעך איז געווען אַ קאָנטראַטאַק אויף דער געוויינלעכער רעאַקציע. יעדנפאַלס איז די שלעכטע שטימונג אַוועק.

אַזוי האָב איך געמיינט אין דער צייט; אָבער, ווי מיר, כ'האָב אים ווייניק געקענט אָדער געוווסט, אַז אַפילו דאַן האָט ער געפּלאַנט אַ נאָך שרעקלעכערן אויסברוך, וועלכן כ'האָב ווען-עס-איז בייגעוווינט.

ווי כ'האָב שוין געזאָגט, איז ער געווען אין אַ גרויסאַרטיקער שטימונג, בעת כ'בין אַריין אין דער קאַבינע. שוין וואָכן האָט ער נישט געליטן אויפן קאָפּ, זיינע אויגן זענען געווען לויטער בלאָ, ווי דער ים.

זיין בראָנז פּנים איז געווען שיין, אויסגעצייכנט געזונט. דאָס לעבן האָט געבּרויזט דורך זיינע אָדערן, פול און פרעכטיק בלוט.

בשעת ער האָט געוואַרט אויף מיר, האָט ער אַריינגעצויגן מאַודן אין אַ לעבהאַפטער דיסקוסיע.

די טעמע איז געווען — נסיון, און לויט די עטלעכע ווערטער, וואָס כ'האָב דערהערט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיין

מיינונג איז, דאָס נסיון איז בלויז דאַן, ווען אַ מענטש ווערט אַריינגעצויגן דורך דעם און פאַלט.

„הערט", האָט ער געזאָגט, „ווי איך זע, אַ מענטש טוט עפּעס, מחמת ער גאַרט דאָס. ער האָט אַ סך פאַרלאַנגען. ער קען זיך ווינטשן, ראַטעווען זיך פון פּיין, אָדער צו האָבן אַ הנאה, אָבער וואָס ער זאָל נישט טון, טוט ער, ווייל ער גאַרט דאָס צו טון."

„אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז ער גאַרט צו טון צוויי קעגנ־זעצלעכע זאַכן, און קיין איינע פון זיי וועט אים נישט דערלויבן צו טון דאָס אַנדערע," האָט מאַוד איבערגעריסן.

„אָט צו דעמזעלבן קום איך טאַקע צו," האָט ער גע־זאָגט.

„און צווישן דידאָזיקע צוויי פאַרלאַנגען איז טאַקע קלאָר, ווו ס'איז בולט די נשמה פון מענטש", האָט זי ווייטער געזאָגט „אויב דאָס איז אַ גוטע נשמה, וועט זי גאַרן און טון אַ גוטע זאַך, און פאַרקערט, אויב זי וועט טון אַ שלעכטע. די נשמה — אָט וואָס עס דעצידירט."

„נאַרישקייט און אומזין", האָט ער אומגעדולדיק אויסגע־שריגן. „דער חשק. אָט וואָס עס דעצידירט. דאָ איז פאַראַן איינער, וואָס וויל, לאָמיר זאָגן, זיך אָנשיכורן. און אויב ער וויל נישט שיכור ווערן, וואָס טוט ער? ווי אַזוי טוט ער? ער איז אַ ליאַלקע. ער איז דאָס באַשעפעניש פון זיין חשק, און פון די צוויי פאַרלאַנגען האָרכט ער דעם שטאַרקערן, דאָס איז עס אינגאַנצן. זיין נשמה האָט גאָרנישט צו טון מיט דעם. ווי אַזוי קאָן ער קומען צו אַ נסיון צו שיכורן און אָפּזאָגן זיך פון שיכורן? אויב עס זיגט דער חשק צו שיכורן, איז עס דערפאַר, ווייל עס איז דער שטאַרקערער פאַרלאַנג. נסיון שפּילט נישט קיין שום ראָל, כּל זמן — —" ער האָט געמאַכט אַ הפסקה, בעת ער האָט משער געווען דעם נייעם געדאַנק, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין — „כּל זמן ער קומט נישט צום נסיון צו בלייבן ניכטער."

„כאַ! כאַ!" האָט ער געלאַכט. „וואָס זאָגט איר וועגן דעם

מר. וואַן ווײדן?"

„אַז איר בײדע פּלפּולט זיך װעגן אַ האָר אין דער מילך," האָב איך געזאָגט. „דעם מענטשנס נשמה איז זײן פאַרלאַנג. אָדער אויב איר װילט, די סומע פון זײנע פאַרלאַנגען, דאָס איז זײן נשמה. דערין זענט איר בײדע נישט גערעכט. איר באַטאָנט דעם פאַרלאַנג, אָפּגעטײלט פון דער נשמה, מיס ברוסטער שטרײכט אונטער די נשמה, אָפּגעטײלט פון פאַרלאַנג, און פאַקטיש זענען נשמה און פאַרלאַנג אײנס און דאָסזעלבע."

„דאָך", האָב איך פאָרגעזעצט, איז מיס ברוסטער גערעכט. האַלטנדיק, אַז נסיון איז נסיון, סײ דער מענטש גיט זיך אונטער, סײ ער װערט באַזיגט. דאָס פײער װערט געשיצט דורכן װינט, כּל זמן עס װערט נישט אויסגעלאָשן געװאַלטזאַם. אַזוי־אַרום איז דער פאַרלאַנג פּונקט װי פײער. ער װערט געשיצט װי דורך פײער, דורכן אָנבליק פון דער געװינטשטער זאַך, אָדער דורך אַ נײער און לאָקערנדיקער באַשרײבונג אָדער השגה פון דער געװינטשטער זאַך. דער װינט — אָט ער שיצט דעם פאַר־לאַנג, ביז ער שפּרינגט אויף ביז צו װירטואָזיטעט, דאָס הײסט — נסיון. ער קאָן נישט גענוג שיצן, כּדי צו מאַכן דעם פאַרלאַנג איבערהערשנדיק, אָבער אויף װיפל ער שיצט בכּלל, אויף אַזוי־פיל איז ער נסיון און װי איר זאָגט, ער קאָן ברענגען אַ נסיון צו גוטס און צו שלעכטס."

כ'בין געװען שטאָלץ, בעת מיר האָבן זיך צעזעצט בײם טיש.

מײנע װערטער זענען געװען דעצידירנדיק, לכּל הפּחות האָבן זײ געמאַכט אַ סוף צום דיספּוט.

אָבער װאָלף לאַרסען האָט אויסגעזען צו זײן באַרעדעװ־דיק, נוטה צו שמועסן, װי קײנמאָל נישט פריִער זינט כ'קען אים.

ס'האָט אויסגעזען גלײך װי עס װאָלט זיך אַרויסגעריסן די באַהאַלטענע ענערגיע, װאָס מוז געפינען אַן אויסװעג. כּמעט באַלד נאָכדעם האָט ער אַרויפגעפירט אויף אַ דיסקוסיע װעגן ליבע.

ווי געווייַנלעך האָט ער פֿאַרטרעטן דעם מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט און מאַוד — דעם אידעאַליסטישן. וואָס שייך מיר, האָב איך חוץ אַ וואָרט אָדער אַ רמז, אָדער אַ פֿאַרבעסערונג, נישט געגומען קיין שום אָנטייל.

ער איז געווען פּרעכטיק, און אַזוי איז אויך געווען מאַוד. און אַ געוויסע צייט האָב איך פֿאַרלוירן דעם פֿאָדעם פֿונם שמועס, צוליבן שטודירן איר פּנים בעת איר רעדן.

דאָס איז געווען אַ פּנים, וואָס האָט זעלטן געוויזן קאָלירן, אָבער הייַנטיקע נאַכט איז עס געווען בלישטשנדיק און לעבעדיק.

איר שאַרפֿזין האָט שטאַרק געבליצט, און זי האָט הנאה געהאַט פֿונם געראַנגל, פּונקט ווי וואָלף לאַרסען, צוליב געוויסע סיבות, הגם כ'ווייס נישט פֿאַרוואָס, אַז כ'האָב מיך אַזוי פֿאַרקוקט באַטראַכטנדיק אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן ברויַנעם לאָק פֿון מאַודס האָר, אַז ער האָט ציטירט אַ פֿערז:

Blessed am I beyond women even herein

That beyond born women is my sin and perfect my „transgressio“.

פּונקט ווי ער האָט אַרויסגעלייענט פּעסימיזם ביי אָמאַר, אַזוי האָט ער איצט אין סווינבערנס פֿערזן אַרויסגעלייענט טריומף, ברענענדיק טריומף און עקזאַלטאַציע, און ער האָט ריכטיק געלייענט און גוט געלייענט.

ער האָט נאָר וואָס געהאַט אויפֿגעהערט צו לייענען, ווען לואיס האָט אַרייַנגעשטעקט דעם קאָפּ און שטיל געשעפּטשעט:

„איר זענט זיך רויִק? דער נעפּל איז אַוועק און דאָס איז דאָס פּאָרט-ליכט פֿון אַ דאַמפֿער, וואָס גיט די אותו רגע פֿאַרביי אונזער דזשאָב.“

וואָלף לאַרסען האָט געגעבן אַ לויף אַרויף אויפֿן דעק, און אַזוי שנעל, אַז בשעת מיר זענען נאָכגעגאַנגען, האָט ער שוין געהאַט אַראָפּגערוקט די הענג-טיר פֿון דעם רודער-שטיבל איבער דעם שיכורדיקן געשריי און שוין געהאַלטן ביים

פאַרמאַכן דאָס לאָך אויפן אויבערשטן דעק.

דער נעפּל, הגם ער איז נאָך געבליבן, האָט זיך אויפגע־הויבן אינדערהייך, ווו ער האָט פאַרפינסטערט די שטערן און כמעט פאַרשוואַרצט די נאַכט.

גלייך איבער אונז האָב איך געקאָנט זען אַ העל רויט ליכט און כ׳האָב געקאָנט פילן דאָס קלאַפּן פון אַ דאַמפּפער מאַשינען.

בלי־ספק איז דאָס געווען די מאַקעדאָניע.

וואָלף לאַרסען איז צוריקגעגאַנגען צום בריקל אויפן דעק, און מיר אַ קליינע גרופּע זענען געשטאַנען אין דער שטיל, צו־קוקנדיק זיך ווי די ליכט קריכן איבער אונזער דזשאָב.

„צו מיין מזל האָט ער נישט קיין רעפלעקטאָרן", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט.

„וואָס וואָלט געווען, ווען כ׳גיב אַ געשריי?" האָב איך שעפּטשנדיק געפרעגט.

„ס׳וואָלט אַלץ געווען געענדיקט", האָט ער געענטפערט.

„אָבער צי האָט איר אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, וואָס עס וואָלט באַלד געשען?"

נאָך איידער כ׳האָב געהאַט צייט אַרויסצוזאָגן מיין פאַר־לאַנג, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט מיט זיינע גראָבע לאַפּעס ביים האַלדז און מיט אַ שוואַכן ציטער פון די מוסקולן — פּונקט ווי אַ רמז — האָט ער מיר מרמז געווען, אַז ער וואָלט מיר מן־הסתם דערשטיקט דעם האַלז. באַלד האָט ער מיך אָפּגעלאָזט און מיר האָבן געקוקט אויף דער מאַקעדאָניעס ליכט.

„וואָס וועט זיין, אויב כ׳וועל טון אַ געשריי?" האָט מאַוד געפרעגט.

„כ׳האָב אייך צו שטאַרק ליב, אַז כ׳זאָל אייך טון עפּעס שלעכטס" האָט ער ווייך געזאָגט. „ניין"! אין זיין קול האָט זיך געשפּירט אַ צערטלעכקייט וואָס האָט מיך געמאַכט אויפציטערן. „אָבער פונדעסטוועגן טוט דאָס נישט, ווייל כ׳וואָלט די רגע צע־בראָכן מר. וואַן ווענדנס קאַרק".

„דאַן האָט זי מיין דערלויבעניש צו שרייען," האָב איך

יהכעיס געזאָגט.

„כ׳גלייב קוים, צי איר וועט מקריב זיין דעם צווייטן ראש פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור?" האָט ער געחוזקט.

מיר האָבן מער נישט גערעדט, הגם מיר זענען שוין אַזוי געוואָרן צוגעוויינט איינער צום צווייטן, אַז די שטילקייט זאָל זיין אומהיימלעך; און ווען ס׳איז פאַרשוואונדן געוואָרן דאָס רויטע און ווייסע ליכט, זענען מיר צוריק אַריין אין דער קאַבינע צו ענדיקן דעם איבערגעריסענעם אָוונטברויט.

ווידער האָבן זיי אנגעהויבן צו ציטירן און מאָוד האט דערמאנט דאָוסאָנס „Impenitentia Ultima". זי האט עס שיין איבערגעגעבן, אבער כ׳האב געקוקט נישט אויף איר, נאר אויף וואָלף לאַרסענען.

כ׳בין געווען באַצויבערט פון דעם פאַרכישופטן בליק, וואָס ער האָט אָנגעשטרענגט אויף מאָודן, אַז ער איז כמעט געווען אויסער זיך. און איך האָב באַמערקט די אומבאַוווסטזיניקע באַוועגונג פון זיינע ליפּן, בעת ער האָט געפּאָרעמט וואָרט נאָך וואָרט, אַזוי ווי זי האָט זיי נאָר אַרויסגערעדט. ער האָט זי איבערגעריסן, בעת זי האָט ציטירט די פּערזן:

And her eyes should be my light while the sun went out behnd we, and the viols in her voice be the last sound in my edr.

„פאַראַן וויאָלאָנטשעלס אין אייער קול", האָט ער אומגעריכט אַ זאָג געטון, און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט זייער גאָלדענעם גלאַנץ.

כ׳וואָלט געקאָנט שרייען פאַר פרייד צוליב איר קאָנטראָלירן זיך.

זי האָט פאַרענדיקט דעם סוף סטאַנצאַ אָן ציטער און דאַן פּאַמעלעך געפירט דעם געשפּרעך אין אַ ווייניקער געפערלעכער ריכטונג.

די גאַנצע צייט בין איך געזעסן האַלב-צעחושט, דער שיכורער בונט פון דעם רודער-שטיבל האָט זיך אדורכגעבראָכן, און דער מענטש, פאַר וועמען כ׳האָב מורא געהאַט, און די

פרוי, וועלכע כ'האב געליבט, האָבן געהאַלטן אין איין שמועסן.

דער טיש איז נאָך נישט אַראָפּגערוימט געוואָרן, דער מענטש, וואָס האָט פאַרטרעטן מאַגרידזשס אָרט, האָט, ווייזט אויס, זיך פאַרייניקט מיט זיינע חברים.

אויב וואָלף לאַרסען האָט ווען עס איז דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פונקט פון זיין לעבן, איז עס געווען איצט. פון צייט צו צייט האָב איך פאַרלוירן מיינע אייגענע געדאַנקען, כּדי נאָכצוגיין זיינע, און אַ צעחושטער בין איך נאָכגעגאַנגען, באַהערשט צייטווייליק פון זיין מערקווירדיקן אינטעלעקט, אונ־טערן כּישוף פון זיין ליידנשאַפט פון בונטעוועו. ס'איז געווען אומאויסמיידלעך, אַז מילטאָנס לוציפער זאָל נישט ציטירט ווערן, און די פּרעציזקייט, מיט וועלכער וואָלף לאַרסען האָט אַנאַלי־זירט און געמאָלן דעם כאַראַקטער, איז געווען אַן אַנטפּלעקונג פון זיין פאַרשלאָפענער געניאַליטעט.

עס האָט מיך דערמאָנט אָן טענען, דאָך האָב איך גע־ווּסט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געהערט פון יענעם גלענצנ־דיקן, הגם געפערלעכן דענקער.

„ער האָט געפירט אַ פאַרלוירענעם ענין, און נישט קיין מורא געהאַט פאַר גאָטס דונערן," האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט. „אַריינגעוואָרפן אין גיהנום־גרוב, איז ער געווען אומבאַזיגט. ער האָט מיט זיך געפירט אַ דריטל פון גאָטס מלאכים. און אָפן האָט ער אויפגערייצט מענטשן צו בונטעווען זיך קעגן גאָט און געווינען פאַר זיך און דעם גיהנום דעם גרעסערן חלק פון אַלע דורות פון מענטשן. פאַרוואָס איז ער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון הימל? ווייל ער איז געווען ווייניקער העלדיש ווי גאָט? ווײ־ניקער שטאָלץ? געהאַט ווייניקער אַספּיראַציעס? ניין! טויזנט מאָל ניין! גאָט איז געווען מעכטיקער, ווי ער האָט געזאָגט, וועמען דונערן האָבן געמאַכט מעכטיקער. אָבער לוציפער איז געווען אַ פרייער גייסט. דינען האָט געהייסן שטיקן זיך. ער האָט בעסער געוואָלט ליידן אין פרייהייט, איידער גליק אין אַ באַקוועמלעכער קנעכטשאַפט. ער האָט נישט אין זין געהאַט צו

דינען גאָט. ער האָט אין זין געהאַט צו דינען צו גאָרנישט. ער איז נישט געווען קיין טויטע פיגור. ער איז געשטאַנען אויף זיינע אייגענע פיס, ער איז געווען אַן אינדיווידואַליסט.״

„דער ערשטער אַנאַרכיסט!״ האָט מאָוד געלאַכט, זיך אויפ־הייבנדיק און גרייט צו פאַרלאָזן די קאַבינע.

„דאַן איז גוט צו זיין אַן אַנאַרכיסט!״ האָט ער געשריגן. ער האָט זיך אויך אויפגעשטעלט, געשטאַנען מיטן פנים צו איר, ווי זי האָט זיך געשטעלט ביי דער טיר פון איר צימער, בעת ער האָט ווייטער דעקלאַמירט:

Here at last we shall be free, the Almighty hath not, built here for his envy, will not drive, here we may reign secure, and in my choice To reign is worth ambition though in hell:

Better to reign in hell than serve in „Heaven".

דאָס איז געווען דער צו־להכעיסדיקער געשריי פון אַ מעכ־טיקן גייסט.

די קאַבינע האָט נאָך געקלונגען מיט זיין קול, ווי ער איז געשטאַנען דאָרט, מיט זיין שיינענדיק בראָנז פנים, מיטן קאָפּ אַרויף, און זיינע אויגן, גאָלדענע און מענערשע, איינטענ־סיוו־זכרישע און שטאַרק ווייך, האָבן געגלאַנצט אויף מאָודס פנים, ווי זי איז געשטאַנען ביי דער טיר.

ווידער האָט זיך געזען אין אירע אויגן יענער נאָמענ־לאָזער און אומצווייפלהאַפטער שרעק, און זי האָט געזאָגט כמעט שעפּטשנדיק:

„איר זענט לוציפער!״

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט און זי איז אַוועק. אַ מינוט איז ער געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט, דאַן געקומען צו זיך און זיך אויסגעדרייט צו מיר.

„כוועל פאַרטרעטן לואיסן ביים ראָד״, האָט ער געזאָגט, „און אייך רופן מיך פאַרטרעטן אינמיטן נאַכט. גייט בעסער און לייגט אייך שלאָפן.״

ער האָט אָנגעטון אַ פּאָר הויזן, דאָס היטל און אַראָפּ אויף די טרעפּ, בעת כ׳האָב אים געהאָרכט און געגאַנגען שלאָפן.

צוליב עפּעס אַן אומבאַקאַנטע סיבה, געיאָגט פון עפּעס מיסטיש, האָב איך מיך נישט אויסגעטון, נאָר זיך געלייגט אין אָנטועכץ, אַ צייט האָב איך זיך צוגעהערט צו די געוואַלדן אינם רודער־שטיבל און זיך געחידושט אויף דער ליבע, וואָס איז געקומען צו מיר.

אָבער מיין שלאָף אויפן געשפּענסט איז געוואָרן אַזאַ געזונטער און נאַטירלעכער, און באַלד זענען אָפּגעשטאָרבן די לידער און געשרייען, מיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט און מיין באַוווסטזיין איז אַריינגעפאַלן אין דעם האַלב־טויטן צושטאַנד פון דרימל.

— — — — — — — — — — — —

כ׳ווייס נישט, וואָס עס האָט מיך אויפגעוועקט. כ׳בין אויפגעשפּרונגען פון מיין נאַרע, געשטעלט זיך אויף די פיס, איינגאַנצן אַ וואַכעדיקער, מיין נשמה האָט אין מיר געקלאַפּט אויף דער וואָרענונג פון אַ סכנה, פונקט ווי זי וואָלט געקלאַפּט אויפן רוף פון אַ טרומייט.

כ׳האָב געגעבן אַ פּראַל אויף די טיר. דאָס ליכט אין דער קאַבינע האָט פינצטער געברענט.

איך האָב דערזען מאַוד, מיין מאַוד, ווי זי קעמפט און ראַנגלט זיך און ווערט דערדריקט אין וואָלף לאַרסענס אָרעמס. כ׳האָב געזען איר אומזיסטן געראַנגל און פלאַטערן, צודריקנדיק איר פּנים צו זיין ברוסט, כדי צו ראַטעווען זיך פון אים, דאָס אַלץ האָב איך דערזען אין אַן אויגנבליק בעת איך האָב געגעבן אַ לויף אַרויס.

כ׳האָב אים אַ זעץ געטון מיט מיין פויסט, בעת ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אָבער דאָס איז געווען אַ נישטיקער קלאַפּ, ער האָט זיך צעריטשעט אין אַ ווילדן, חיה־עגלעכן אופן און מיר געגעבן אַ ריס מיט דער האַנט.

דאָס איז געווען בלויז אַ ריס, אַ פלירט פון זיין האַנט־

ביינדל, אָבער אַזוי געוואַלדיק איז געווען זיין כעס, אַז כ׳בין אַוועקגעשליידערט געוואָרן ווי פון אַ שליידער-מאַשין. כ׳האָב מיך אָנגעקלאַפּט אָן דער קאַבינע, וואָס איז פריער געווען טאָמאַס מאַגרידזשס, צעבּרעכנדיק און צערייבּנדיק זי מיט דער אינערציע פון מיין קערפּער.

כ׳האָב מיך אָנגעשטרענגט צו שטעלן זיך אויף מיינע פיס, מיט שוועריקייט אוועקגעשלעפּט זיך פון דער צעבּראכענער טיר, נישט האָבּנדיק דאס געפיל פון עפּעס אַ ווונד. כ׳האָב נאָר געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון אַן אומגעצוימטן כעס. כ׳מיין, אַז כ׳האָב אויך הויך געשריגן, בעת כ׳האָב אַרויסגעשלעפּט דאָס מעסער לעבן מיין היפּט און דאָס צווייטע מאָל אַ שפּרונג געטון.

אָבער עפּעס איז געשען. זיי האָבן זיך געוואַקלט פון דערווייטנס.

כ׳בין געשטאַנען נאָענט פון אים, מיט אַן אויפגעהויבּען מעסער, אָבער כ׳האָב איינגעהאַלטן דעם קלאַפּ.

כ׳בין געווען געפּלעפט פון דער משונהדיקער לאַגע. מאָוד איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער וואַנט, און זיך צוגעהאַלטן מיט איין האַנט, אָבער ער האָט זיך געוואַקלט. די לינקע האַנט האָט געדריקט דעם שטערן און פאַרמאַכט די אויגן, און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געטאַפּט אַרום זיך ווי אַ פאַרבלענדעטער. דער קאָפּ האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער וואַנט, און זיין קערפּער האָט ווי אויסגעדריקט אַ מוסקולאַרישע און פיזישע דערלייכטערונג ביי דעמדאָזיקן אָנריר, גלייך ער וואָלט געפינען זיין פּאָזיציע, זיין אָרט און שטח, ווי ער וואָלט געפינען עפּעס אָן וואָס זיך אָנצולענען.

דאַן האָב איך ווידער דערזען רויטס. אַלע מיינע עוולות און דערנידעריקונגען האָבן מיך באַלויכטן מיט אַ בּלענדנדיקער ליכטיקייט, אַלץ וואָס איך און אַנדערע האָבן געליטן פון אים, די גאַנצע ריזיקייט פון דעמדאָזיקן מענטשס עקזיסטענץ. כ׳האָב מיך געוואָרפן אויף אים, בּלינד, ווי משוגע, און אַריינגעשטעקט דאָס מעסער אין זיין פּלייצע.

כ׳האָב דאַן געוווּסט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ קער־פּערלעכע ווונד, — כ׳האָב געפילט דאָס שטאָל אויף זײַנע אַקס־לען און כ׳האָב אַרויסגעשלעפּט דאָס מעסער צו געבן נאָך אַ שטאַרקערן קלאַפּ.

אָבער מאוד האָט געזען מײַן ערשטן קלאַפּ און זי האָט געשריגן:

„הערט אויף! כ׳בעט אײַך, הערט אויף!"

אויף אַ ווײַל האָב איך אָפּגעלאָזט מײַן האַנט, אָבער בלויז אויף אַ ווײַל, ווידער אויפגעהויבן דאָס מעסער, און וואָלף לאַר־סען וואָלט זיכער געוואָרן דערשטאָכן, ווען זי וואָלט זיך נישט אַרײַנגעמישט.

אירע אָרעמס זענען געווען אַרום מיר, אירע האָר האָבן געקעמט מײַן פּנים, מײַן פּולס האָט אומגעוויינלעך אָנגעהויבן צו קלאַפּן, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט זיך פאַרשטאַרקט מײַן כּעס. זי האָט דרייסט געקוקט אין מײַנע אויגן אַרײַן.

„טוט מיר דאָס צוליב", האָט זי געבעטן.

„כ׳וויל אים הרגענען צוליב אײַך", האָב איך געשריגן, זיך באַמיענדיק צו באַפרײַען מײַן אָרעם, נישט טוענדיק איר דערבײַ קיין שלעכטס.

„שאַ!", האָט זי געזאָגט, און שטיל געלייגט אירע פינגער אויף מײַנע ליפּן.

כ׳וואָלט זיי געקושט, ווען כ׳וואָלט געוואַגט, אפילו דאַן, בשעתן כּעסן זיך, אַזוי זיס איז זייער באַרירונג געווען פאַר מיר, אַזוי שטאַרק זיס.

„ביטע, ביטע", האָט זי זיך געבעטן און זי האָט מיך אַנט־וואָפנט מיט אירע ווערטער, און ווי כ׳בין שפּעטער געוואָר גע־וואָרן האָבן זיי מיך שטענדיק אַנטוואָפנט.

כ׳בין אָפּגעטרעטן, זיך אָפּגערוקט פון איר, און אַרײַנגע־לייגט דאָס מעסער אין דער שייד.

כ׳האָב געקוקט אויף וואָלף לאַרסענען, ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין דריקן זײַן רעכטע האַנט צום שטערן. זי האָט פאַרדעקט זײַנע אויגן, דער קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזט,

ס׳האָט זיך מיך געדוכט, אַז ער איז לאָם געוואָרן, זיין קערפּער האָט געהאָנגען אויף די היפּן, זיינע גרויסע פּלייצעס זענען אַראָפּגעהאָנגען און געצוקט.

„וואַן ווערדן!״ האָט ער הייזעריק אַ געשריי געטון און מיט אַ טאָן פון פּחד אין זיין שטים. „אָ וואַן ווערדן, ווו זענט איר?״

כ׳האָב געקוקט אויף מאודן. זי האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„דאָ בין איך״, האָב איך געענטפערט, צוגייענדיק צו אים.

„וואָס איז?״

„העלפט מיר זיך אַנידערזעצן״ האָט ער געזאָגט אין זעלבן הייזעריקן, איבערגעשראָקענעם קול.

„כ׳בין אַ קראַנקער מענטש, זייער קראַנק, העמפּ״ האָט ער געזאָגט, אַרויסלאָזנדיק מיין אונטערהאַלטנדיקע האַנט און אַנידערפאַלנדיק אויף דער שטול.

זיין קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויפן טיש און ער האָט אים באַהאַלטן אין זיינע הענט, פון צייט צו צייט האָט ער זיך גע-וויגט הין און צוריק ווי פון פּיין. איינמאָל, בעת ער האָט אים האַלב אויפגעהויבן, האָב איך געזען ווי דער שווייס רינט אַראָפּ אין שווערע טראָפּנס אויפן שטערן אַרום די האָר

„כ׳בין אַ קראַנקער מענטש, זייער אַ קראַנקער מענטש״, האָט ער ווידער און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

„וואָס איז?״ האָב איך געפרעגט, אַרויפלייגנדיק מיין האַנט אויף זיינע אַקסלען. „מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?״

ער האָט אָבער אַוועקגעוואָרפן מיין האַנט מיט אַ צע-רייצטער באַוועגונג און אַ לאַנגע צייט בין איך אַ שווייגנדי-קער געשטאַנען לעבן אים. מאוד האָט זיך צוגעקוקט, אַז דאָס פּנים איז געווען בלאַס און איבערגעשראָקן. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס עס איז מיט אים געשען.

„העמפּ״, האָט ער ענדלעך געזאָגט, „כ׳מוז אַריינגיין אין מיין נאַרע. גיט מיר די האַנט. ס׳וועט מיר באַלד בעסער ווערן, כ׳מיין, אַז דאָס זענען יענע פאַרשאָלטענע קאָפּווייטאָקן, כ׳האָב

פאַר זיי מורא געהאַט, כ׳האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל — ניין, ב׳ווייס נישט, וואָס כ׳רעד. פירט מיך אַריין אין מיין נאַרע.״

אָבער ווען כ׳האָב אים אַריינגעפירט אין זיין נארע, האָט ער ווידער באַגראָבן זיין פּנים אין די הענט, פאַרמאַכט די אויגן, און בעת כ׳האָב מיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין, האָב איך געהערט ווי ער שעפּטשעט:

„כ׳בין אַ קראַנקער מענטש, זייער קראַנק.״

ווען כ׳בין אַרויפגעקומען, האָט מאוד פרעגנדיק געקוקט אויף מיר — כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגנדיק:

„עפּעס איז מיט אים פאָרגעקומען. וואָס — ווייס איך נישט. ער איז הילפלאָז, און איבערגעשראָקן, אַזוי מיין איך, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. דאָס האָט געמוזט געשען, איידער ער האָט באַקומען דעם זעץ מיטן מעסער. וואָס האָט אים געמאַכט בלויז אַן איבערפלעכלעכע ווונד. איר האָט מסתּם געזען, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען.״

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ

„כ׳האָב גאָרנישט געזען. ס׳איז אויך פאַר מיר אַ געהיימניש. פּלוצלונג האָט ער מיך אָפּגעלאָזט און זיך אַוועקגעקייקלט. אָבער וואָס וועלן מיר טון? וואָס זאָל איך טון?

„וואַרט ביז איך וועל צוריקקומען״, האָב איך געענטפערט. כ׳בין אַרויף אויפן דעק. לואיס איז געשטאַנען ביים ראָד.

„איר קענט אַרויפגיין״ האָב איך געזאָגט, נעמענדיק ביי אים דאָס ראָד.

ער האָט שנעל געהאָרכט; און כ׳בין געבליבן איינער אַליין אויפן דעק פון געשפּענסט. ווי רויק, ווי נאָר מעגלעך האָב איך איינגעוויקלט די העכסטע זעגל, אַראָפּגעלאָזט די האָק־זעגל, איבערגעדרייט זיי, און אויסגעגלייכט די הויפּטזעגל. דאַן בין איך אַראָפּגעגאַנגען צו מאוד. כ׳האָב צוגעלייגט מיינע פינגער צו די ליפּן — אַ צייכן, אַז זי זאָל שווייגן, און אַריין צו וואָלף לאַרסענען אין צימער.

ער האָט זיך געפונען אין דערזעלבער לאַגע, אין וועל־

בער כ׳האָב אים איבערגעלאָזט, און זיין קאָפּ האָט זיך געוויגט, פּמעט זיך געדרייט — פון אַ זייט אויף אַ זייט.

„קאָן איך עפּעס טון פאַר אייך?" האָב איך געפרעגט.

לכתחילה האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר נאָכן אי־בערחזרן מיין שאלה, האָט ער געענטפערט:

„ניין, ניין; ס׳איז אַלץ אין אָרדנונג, לאָזט מיך איבער אַליין ביז מאָרגן".

אָבער בשעת כ׳האָב מיך אויסגעדרייט אַרויסצוגיין, האָב איך באַמערקט, אַז זיין קאָפּ האָט ווידער אָנגענומען זיין פרי־ערדיקע וויגנדיקע באַוועגונג.

מאוד האָט געדולדיק געוואַרט אויף מיר און מיט אַ פריידציטער האָב איך באַמערקט די קיניגלעכע פּאָזיציע פון איר קאָפּ און אירע פּרעכטיקע, רויִקע אויגן. רויק און זיכער זע־נען זיי געווען ווי איר רויִקער גייסט.

„ווען איר זיך מיר אָנגעטרויען אויף אַ נסיעה פון אַן ערך 600 מייל?" האָב איך געפרעגט.

„צי מיינט איר?" האָט זי געפרעגט. און כ׳האָב געוווסט, אַז זי האָט ריכטיק צוגעטראָפן.

„יאָ, אָט דאָס מיין איך" האָב איך געענטפערט. „פאַר מיר איז גאָרנישט געבליבן, נאָר דאָס אָפענע שיפל".

„פאַר מיר, מיינט איר" האָט זי געזאָגט. „איר זענט דאָ אַזוי זיכער ווי שטענדיק."

„ניין, פאַר אונז ביידע איז מער נישט געבליבן ווי אַן אָפן שיפל", האָב איך ענערגיש דערווידערט. „זייט אַזוי גוט און טוט אייך אָן וואָס וואַרעמער און מאַכט אַ פּעקל פון די זאַכן, וואָס איר ווילט מיטנעמען".

„און מאַכט אַלץ איינס־צוויי", האָב איך צוגעגעבן, בעת זי האָט זיך אויסגעדרייט צו איר צימער.

דער לאַזאַרעט האָט זיך געפונען דירעקט אונטער דער קאַבינע, און עפענענדיק די הענג־טיר אין דעם דיל און טראָגנ־דיק ביי זיך אַ ליכט, בין איך אַראָפּ און אָנגעהויבן צו נישטערן אין די זאַפּאַסן פון דער שיף.

הויפטזעכלעך האָב איך אויסגעקליבן פון די געצוקערטע זאַכן, און ווען כ'בין געווען גרייט, האָבן זיך ווילדיקע הענט אויסגעשטרעקט אויפצונעמען דאָס, וואָס כ'האָב דערלאַנגט.

מיר האָבן געאַרבעט אין דער שטיל. כ'האָב מיר גענומען קאָלדרעס, הויזן, גומענע מאַנטלען, היטלען און נאָך אַזעלכע זאַכן פון קעסטל. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, אונזער אָנפאַרטרויען זיך אַ קליין שיפל אין אַזאַ רויען און שטורמישן ים, און ס'איז געווען אַן אימפּעראַטיוו צו היטן זיך פאַר דער קעלט און נאַסקייט.

מיר האָבן געאַרבעט פיבערהאַפט איבערצופירן אונזער רויב אויפן דעק און דאָס אַוועקלייגן אויפן צווישנדעק, אַזוי פיבערהאַפט, אַז מאַוד, ווען עס כוח איז קוים געווען אַ פּאָזיטיווע צאָל, האָט געמוזט אַ דערשעפטע אָפּזאָגן זיך דערפון און אַנידערזעצן זיך אויף די טרעפלעך ביים ראַנד פון לאָך. דאָס האָט נישט געהאָלפן, אַז זי זאָל קומען צו זיך, און זי האָט זיך געלייגט אויפן רוקן, אויפן האַרטן דעק, מיט אויסגעצויגענע אָרעמס, און מיט אַן אָפּגעשוואַכטן קערפּער.

דאָס איז געווען אַ פאַל, לויט וועלכן כ'האָב מיך דערמאָנט וועגן מיין שוועסטער, און כ'האָב געוווסט, אַז באַלד וועט זי קומען צו זיך.

איך האָב געוווסט, אַז אויך געוועד וועט צונויף קומען, און כ'בין נאָכאַמאָל אַריין אין וואָלף לאַרסענס צימער צו נעמען זיין ביקס.

כ'האָב גערעדט צו אים, ער האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט, הגם זיין קאָפּ האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ער איז נישט געשלאָפן.

„אַ גוטן, לוציפער," האָב איך געשעפּטשעט אינדערשטיל, שטיל פאַרמאַכנדיק די טיר.

ווייטער האָב איך געדאַרפט באַקומען אַ זאַפּאַס אַמוניציע, אַ לייכטע זאַך, הגם כ'האָב געמוזט אַריינגיין דורכן דורכגאַנג צום רודערשטיבל.

דאָ האָבן די יעגער געהאַלטן די אַמוניציע-קעסטלעך,

וועלכע זיי טראָגן מיט זיך אין די שיפלעך, און דאָ, אַ פּאָר טריט פון זייער רווישיקער הוליאַנקע, האָב איך צוגענומען צוויי קעסטלעך.

נאָכדעם האָט מען געדאַרפט אַראָפּלאָזן אַ שיפל. נישט קיין לייכטע אויפגאַבע פאַר איין מענטש.

איך האָב אַראָפּגענומען די קייטן און צום ע׳שטן צוויפּ-געזוּצט די פאָדערשטע האַקעס, דאַן די הינטערשטע, ביז דאָס שיפל איז אַרויס פונם פאַרענטש.

כ׳האָב מיך אויפסניי איבערצייגט אין דעם, אַז זיי אַנט-האַלטן די ריכטיקע אויסשטאַטונג פון וויעסלעס, די וויעסלעס שליס-לען און זעגלען. מ׳האָט געדאַרפט אין אַכט נעמען דאָס וואַסער, און כ׳האָב אַוועקגערויבט פון יעדן שיפל דעם פאַרשטאָפּער. אַזוי ווי ס׳זענען דאָרט געווען ניין שיפלעך, האָט עס געהייסן, אַז מירן האָבן גענוג וואַסער, און אויך אַ גרויסער באַלאַסט, הגם דאָס שיפל וועט זיין איבערגעלאָדן צוליב דעם זאַפּאַס פון אַנ-דער זאַכן, וואָס כ׳האָב מיטגענומען.

בעת מאָוד האָט מיר דערלאַנגט די זאַפּאַסן און איך האָב זיי אַריינגעלייגט אין שיפל, איז אויפן דעק אַרויפגעקומען אַ מאַט-ראָז פון אויבערדעק.

ער איז אַ צייט געשטאַנען ביים פאַרענטש פון דער ווינט זייט און דאַן פּאַמעלעך צוגעשפּרייזט צום צווישנדיק, ווו ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געשטאַנען מיטן פּנים צום ווינט, און מיטן רוקן צו אונז. כ׳האָב געהערט ווי מיין האַרץ האָט געקלאַפּט בשעת כ׳בין אַראָפּגעקראָכן אין שיפל. מאָוד האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן דעק און איז, כ׳ווייס, געלעגן אָן באַ-וועגונג. אָבער דער מענטש האָט זיך נישט אויסגעדרייט. און נאָכן אויסשטרעקן זיינע הענט און געגעצנדיק הויך, איז ער דורך צום לאָך אויפן דעק און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַ פּאָר מינוט איז גענוג געווען צו פאַרענדיקן דאָס לאָ-דעווען און כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט דאָס שיפל אין וואַסער אַריין. בשעת כ׳האָב צוגעהאָלפן מאָודן אַריבער צוגיין צום פאַרענטש און געהאַלטן איר קערפּער נאָענט צו מיינעם, האָב איך מיך קוים

איינגעהאַלטן פון צו שרייען:

„כ'האָב דיך ליב! כ'האָב דיך ליב!"

באמת, העמפרי וואַן ווערדן איז ענדלעך פּאַרליבט, האָב איך זיך געטראַכט, בעת אירע פינגער האָבן זיך געקלאַמערט אָן מיינע, בשעת כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין שיפל אַריין. מיט איין האַנט האָב איך צו געהאַלטן דעם פּאָרענטש און מיט דער אַנדערע אונטערגעהאַלטן איר משא און אין דעם מאָמענט בין איך געווען שטאָלץ פון דער טאַט.

דאָס איז געווען אַ קראַפט, וועלכע כ'האָב נישט באַזעסן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אינעם טאָג, ווען כ'האָב מיך געזעגנט מיט טשאַרלז פערוסעט און זיך אַרויסגעלאָזט קיין סאַנפראַנציסקאָ אויפן שלים-מזלדיקן מ אַ ר ט י נ ע ז.

בעת דאָס שיפל איז אַרויס אויף אַ כוואַליע, האָבן זיך אירע פיס באַוויגן און כ'האָב אָפּגעלאָזט אירע הענט. כ'האָב אַראָפּגענומען די האָקעס אין איר נאָכגעשפּרונגען.

כ'האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געוויעסלעוועט, איך האָב אָבער אַרויסגענומען די וויעסלעס און מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגענומען דאָס שיפל פונם ג ע ש פּ ע נ ס ט. דאַן האָב איך געמאַכט עקספּערימענטן מיט די זעגל. כ'האָב אַ סך מאָל געזען ווי די שיפל-רודערער און יעגער זעצן אַריין זעגל, אָבער דאָס איז געווען מיין ערשטער פּרוּוו. וואָס ס'האָט ביי זיי, מעגלעך, געדויערט צוויי מינוט, האָט ביי מיר צוגענומען 20 מינוט צייט, אָבער סוף-כּל-סוף איז מיר געלונגען אַריינזעצן און ברענגען אין אָרדנונג. און מיט דעם וויעסלע-רודער אין דער האַנט בין איך אַרויס אויפן ווינט.

„דאָרט ליגט יאַפּאַן, גלייך פאַר אונז", האָב איך באַמערקט.

„העמפרי וואַן ווערדן", האָט זי געזאָגט „איר זענט אַ בראַווער מענטש".

„ניין", האָב איך געענטפערט, „איר זענט אַ דרייסטע פרוי".

מיר האָבן אויסגעדרייט אונזערע קעפּ, באַוויזן פון אַ פּשוטן אימפּולס צו זען דאָס לעצטע מאָל דאָס געשפּענסט איר בידעריקער טייל האָט זיך געהויבן און געוויגט אויף אַ כוואַליע,

אָבער קאָנוועס האָבן אין דער פינצטער זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער נאַכט. איר צוגעבונדן ראָד האָט געגרילצט בעת דער רודער האָט געקנאַקט; דאַן זענען פאַרשוווּנדן פון איר בליק און לאַנד, און מיר האָבן זיך געפונען אַליין אין פינצטערן ים.

קאַפּיטל אַכט.

ס'איז געוואָרן טאָג, אַ גראָער קאַלטער טאָג. דאָס שיפל איז געווען אויף אַ פריש ווינטל און דער קאָמפּאַס האָט געוויזן, אַז מיר געפינען זיך אין דער ריכטונג, וואָס וועט אונז ברענגען קיין יאַפּאַן.

הגם שטאַרק צעקלאַפּט, זענען מיינע פינגער געווען קאַלט און זיי האָבן שטאַרק וויי געטון פון האַלטן די רודער-וויעסלע.

מיינע פיס האָבן געביסן פון דעם פראָסט, און כ'האָב הייס געבעטן, אַז די זון זאָל שוין אויפשיינען.

פאַר מיר, אין עק פון שיפל, איז געלעגן מאַוד ברוסטער. איר איז לכל הפחות געווען וואַרעם, ווייל איבער איר און אונטער איר זענען געלעגן אויסגעשפּרייט גראָבע קאָלדרעס. די אויבערשטע האָב איך פאַרשפּרייט אויף צו באַשיצן זי פון דער נאַכט, דעריבער האָב איך גאָרנישט געקאָנט זען, נאָר איר טונקל געשטאַלט און אירע העל ברוינע האָר, וואָס זענען אַפּערגעקראָכן פון דעם צודעק און געגלאַנצט פון טוי.

אַ לאַנגע צייט האָב איך געקוקט אויף איר, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם איינציקן זעבאַרן טייל אירן, ווי נאָר אַ מענטש באַטראַכט די טייערסטע זאַך אין דער וועלט, אַזוי צודרינגלעך איז געווען מיין בליק, אַז לסוף האָט זי זיך אָנגעהויבן באַוועגן אונטער די קאָלדרעס, די אויבערשטע איז אַראָפּגערוקט געוואָרן און זי האָט געשמייכלט צו מיר, אָבער אירע אויגן

ווענען נאָך געוועזן שטאַרק פאַרשלאָפן.

„גוטמאָרגן, מר. וואַן ווערידן,״ האָט זי געזאָגט. „האָט איר שוין געזען יבשה?״

„ניין,״ האָב איך געענטפערט, „נאָר מיר דערנענטערן זיך צו איר מיט אַ שנעלקייט פון זעקס מייל אַ שעה.״

זי האָט געמאַכט אַ מינע פון אַנטוישונג.

„אָבער דאָס איז גלייכע 144 מייל אין 24 שעה״, האָב איך צוגעגעבן.

איר פנים איז ליכטיקער געוואָרן.

„און ווי ווייט האָבן מיר צו פאָרן?״

„אָט דאָרט ליגט סיביר,״ האָב איך געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף מערב. „אָבער אויף דרום-מערב, עפעס אַ 600 מייל, דאָרט איז יאַפּאַן. אויב דערדאָזיקער ווינט וועט זיך ווייטער האַלטן, וועלן מיר דאָס אַדורכמאַכן אין 15 טאָג.״

„און אויב ס׳וועט אָנקומען אַ שטורעם? וועט דאָס שיפל נישט אויסהאַלטן?״

זי האָט געהאַט אַזאַ טבע צו קוקן עמעצן אין פנים אַריין און פאָדערן דעם אמת; און אַזוי-אַרום האָט זי געקוקט אויף מיר בעתן פרעגן די שאלה.

„ס׳וואָלט געדאַרפט זיין אַ שטאַרקער שטורעם,״ האָב איך זי באַרויקט.

„און אויב ס׳וועט אָנקומען אַ גאָר שטאַרקער שטורעם?״

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„אָבער מיר קאָנען אויפגענומען ווערן דורך אַ פּאָקע-סקונער צו יעדער צייט. זיי זענען בשפע צעטיילט איבערן דאָזיקן טייל אָקעאַן.״

„אַך, איר זענט דאָך אינגאַנצן פאַרקילט!״ האָט זי אַ גע-שריי געטון. „זעט! איר ציטערט! לייקנט נישט! איר זענט פאַר-קילט און דאָ ליג איך מיר אַ וואַרעמע ווי אַ שטיק טייג.״

„כ׳זע נישט, אַז ס׳זאָל עפעס העלפן, ווען איר וועט זיך אויפזעצן און זיך אויך פאַרקילן״, האָב איך געלאַכט.

„ס׳וועט יאָ העלפן, בשעת כ׳וועל מיך האָבן אויסגע-

לערנט צו רודערן, און געוויס וועל איך מיך דאָס אויס-לערנען.״

זי האָט זיך אויפגעזעצט און אָנגעהויבן צו מאַכן איר פּשוטן טואַלעט.

זי האָט אַראָפּגעשאָקלט אירע האָר און זיי זענען געפאַלן אַרום איר אין אַ ברוינעם וואָלקן, באַדעקנדיק איר פּנים און פּלייצעס, טייערע, נאַסע ברוינע האָר.

איך האָב זיי געוואָלט קושן, אַדורכצופירן איבער זיי מיט מיינע פינגער, באַהאַלטן מיין פּנים אין זיי. כ׳האָב געקוקט אַ פאַרפישופטער, ביז דאָס שיפל איז אַריין אין אַ ווינט און די קלאַפּעדיקע זעגל האָבן מיך געוואָרנט, אַז כ׳דערפיל נישט מיין פליכט.

וואָס פאַר אַ אידעאַליסט און ראָמאַנטיקער כ׳בין געווען, נישט געקוקט אויף מיין אַנאַליטישן כאַראַקטער, דאָך האָב איך ביז איצט נישט משיג געווען די פיזישע כאַראַקטעריסטישקייטן פון ליבע.

די ליבע פון מאַנספּיל און פּרוי, האָב איך שטענדיק גע-האַלטן פאַר עפּעס אַ דערהויבענע זאַך, וואָס איז נוגע דעם גייסט, אַ גייסטיקער קשר, וואָס פאַרייניקט און בינדט צונויף צוויי נשמות.

דער קשר פון קערפּער האָט אַ קליינעם חלק אין מיין קאָסמאָס פון ליבע. אָבער כ׳האָב אַליין געלערנט די אָנגענעמע לעקציע, אַז די נשמה פאַרוואַנדלט זיך, דריקט זיך אויס דורכן קערפּער, אַז דער אָנבליק, געפיל און אָנריר פון דעם ליבנדיקנס האָר איז אַזויפיל אָטעם און קלאַנג אין עצם פונעם גייסט, ווי דאָס ליכט, וואָס שיינט פון די אויגן און די געדאַנקען, וואָס קומען אַרויס פון די ליפּן. נאָך אַלעם, איז אומבאַקאַנט אַ ריי-נער גייסט, אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן נאָר פילן און פאַרפילן; עס קאָן אויך נישט אויסדריקן זיך אין טערמינען.

יהוה איז געווען אַנטראָפּאָמאָרפיש, מחמת ער האָט זיך געקאָנט ווענדן צו די יידן נאָר אין פאַר זיי פאַרשטענדלעכע טערמינען; אַזוי-אַרום איז ער משיג געוואָרן אין זייער

אייגענער פאַנטאַזיע, ווי אַ וואָלקן, ווי אַן עמוד-האש, אַ ממשותדיק, פיזיש עפּעס, וואָס דער געדאַנק פון די יידן האָט געקאָנט באַנעמען.

און אַזוי האָב איך געקוקט אויף מאַודס העל-ברוינע האָר און זיי ליב געהאַט, און געוואָר וועגן ליבע גאָר אַנדערש ווי אַלע דיכטער און זינגער האָבן מיך געלערנט מיט זייערע אַלע לידער און סאָנעטן.

זי האָט זיי צוריקגעוואָרפן מיט אַ פלוצלינגער באַוועגונג, און איר פּנים איז אַפּערגעקומען אַ שמייכלדיקס.

„פאַרוואָס טראָגן נישט די פרויען שטענדיק אַראָפּגעהאָנגען זייערע האָר?" האָב איך געפרעגט. „ס'איז אַזוי אַ סך שענער."

„אויב זיי וואָלטן זיך נישט אַזוי שטאַרק געפּלאָנטערט," האָט זי געלאַכט. „אָט! כ'האָב פאַרלוירן איינע פון מיינע טייערע האָר-נאָדלען."

כ'האָב כסדר פאַרנאַכלעסיקט דאָס שיפל, און די זעגל האָבן ווידער און נאָכאַמאָל צעטיילט דעם ווינט, אַזוי איז גרויס געווען מיין שמחה נאָכצופאָלגן יעדע באַוועגונג אירע, בעת זי האָט געזוכט די נאָדל צווישן די קאָלדרעס.

איך בין געווען איבערראַשט און פריילעך, וואָס זי איז אין אַזאַ גרויסער מאָס אַ פרוי, און דער באַווייז פון יעדן שטריך און מאַניער, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש ווייבעריש, האָט מיר פאַרשאַרפט אַ שטאַרקע פרייד. מחמת כ'האָב זי צוהויך אויפגעהויבן אין מיינע קאָנצעפּציעס וועגן איר, און זי אָפּגערוקט צו ווייט פון דעם מענטשלעכן שאַבלאָן, און צו ווייט פון מיר.

איך האָב פון איר געמאַכט אַ גאָט-ענלעך באַשעפעניש און אַנישט צוטריטלעך. און אַזוי האָב איך מיט פרייד באַגריסט די קליינע שטריכן, וואָס האָבן פראָקלאַמירט אין איר די פרוי, ווי למשל, דאָס מאַכן פון איר קאָפּ, בעת זי האָט אַ וואָרף געטון דעם וואָלקן האָר, און דאָס זוכן די נאָדל.

זי איז געווען אַ פרוי פון מיין סגאַל, פון מיין שאַבלאָן,

און ס'איז מעגלעך געווען די פריידיקע אינטימקייט פון מאַן און פרוי, פונקט ווי דער יראת-הכבוד און פאַרערונג, וואָס איך וועל, ווי כ'ווייס, שטענדיק האָבן פאַר איר.

גפּפּינענדיק די האָר-נאָדל, האָט זי פריילעך אויסגעשריגן, און כ'האָב געווענדט מיין אויפמערקזאַמקייט צום רודער. כ'האָב ווייטער עקספּערימענטירט, געקלאַפּט און געהאַקט מיט דעם רו-דער-ווייעסלע, ביז דאָס שיפל האָט זיך גאַנץ גוט געהאַלטן אין ווינט אָן מיין הילף.

צופעליק איז ער צו-נאָענט צוגעקומען, אָדער אַוועק צו-ווייט; אָבער שטענדיק איז ער געקומען צו זיך און בכלל זיך געהאַלטן צופרידנשטעלנדיק.

„און איצט וועלן מיר עסן פרישטיק", האָב איך גע-זאָגט.

„אָבער קודם-כל מוזט איר זיך אָנטון וואַרעמער".

כ'האָב אַרויסגענומען אַ שווערע בלוזע, אַ נייע פון קעסטל אַרויס, געמאַכט פון גוטע קאָלדרעס.

איך האָב גוט געקענט דעמדאָזיקן מין קאָלדרעס, אַזוי גראָב און שטאַרק זענען זיי געווען, אַז זיי האָבן געקענט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם רעגן און נישט אַדורכגעווייקט ווערן אַפילו נאָך אַ לאַנגע צייט פון נאַס זיין.

ווען זי האָט אַריבערגעצויגן אַזאַ קאָלדרע איבערן קאָפּ, האָב איך אָנשטאָט דעם יינגלשן היטל, וואָס זי האָט געטראָגן, איר אָנגעטון אַ מענערש, וואָס איז געווען גענוג גרויס אויף צו פאַרדעקן אירע האָר, האַלז און אויערן.

דער עפעקט איז געווען אַ רייצנדיקער, איר פּנים איז געווען פון יענעם מין, וואָס מוז אויסזען גוט אין אַלע אומ-שטענדן.

קיין שום זאַך האָט נישט געקאָנט קאַליע מאַכן איר שיינעם אָוואַלן געשטאַלט, איר כמעט קלאַסישע ליניעס, די איידעלע ברעמען, די גרויסע ברוינע אויגן, וואָס זענען קלאָר און רויִק, הערלעך-רויִק.

אַ בלאָז, אַ ביסל שטאַרקער ווי געוויינלעך, האָט אונז

רעמאָלט געטראָפֿן.

דאָס שיפֿל איז אַרומגענומען געוואָרן, בעת עס האָט אין דער קרום איבערגעקריצט אַ כוואַליע.

עס האָט זיך פּלוצלונג בײַגראָבן אין די ראַנדן מיט דער כוואַליע און אַרײַנגעגאָסן אין זיך אַ קובל וואַסער. אין דעם מאָמענט האָב איך געעפֿנט אַ בריקל, צוגעשפּרונגען צום לײַלעך, און נאָך באַוויזן אַראָפּצוואַרפֿן.

די זעגל האָבן געקלאַפּט און געפֿלאַטערט און דאָס שיפֿל האָט זיך אונטערגעגעבן. אַ פּאָר מינוט איז גענוג געווען אויף צו זעצן עס אין דער ריכטיקער ריכטונג, און זיך צוריקגענומען צום צוגרייטן דאָס פֿרישטיק.

„ס׳גייט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, הגם כ׳בין נישט אַ מומחה אין שיפֿערײַ,“ האָט זי געזאָגט, צושאָקלענדיק מיט אָנערקענונג בײַ יעדער אָנשטרענגונג בעתן וויעסלעווען.

„אָבער ס׳וועט גוט זײַן, נאָר בעת מירן שווימען מיטן ווינט,“ האָב איך דערקלערט. „ווען ער וועט שטאַרקער בלאָזן, מיטן ווינט פֿון הינטן, אין דער קווער ריכטונג פֿון דער זײַט, וועל איך מוזן וויעסלעווען.“

„כ׳מוז אײַך זאָגן, אַז כ׳פֿאַרשטיי נישט אײַערע טעכנישע טערמינען,“ האָט זי געזאָגט. „נאָר כ׳פֿאַרשטיי אײַער זין, און דאָס געפֿעלט מיר נישט. איר קאָנט דאָך נישט וויעסלעווען טאָג און נאַכט און אַזוי שטענדיק. אַזוי וואַרט איך, נאָך פֿרישטיק, צו באַקומען מײַן ערשטע לעקציע און דאַן וועט איר זיך לייגן שלאָפֿן. מיר וועלן שטיין אויף דער וואַך, אַזוי ווי זיי טוען אויף די שיפֿן.“

„כ׳זע נישט איין, ווי אַזוי כ׳וועל אײַך לערנען“, האָב איך פּראָטעסטירט. „כ׳לערן מיך ערשט אַליין. איר האָט ווינציק געהאַט אַן אָנונג, בעת איר האָט זיך מיר אָנגעטרויט, אַז כ׳האָב נישט קיין שום דערפֿאַרונג וואָס שייך קליינע שיפֿלעך. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס כ׳באַנוץ זיך מיט אַזאַ“.

„דאַן וועלן מיר זיך לערנען צוזאַמען, סער. און ווײַל איר האָט שוין געהאַט אַ דערפֿאַרונג הײַנטיקע נאַכט, וועט איר מיך

אויסלערנען, וואָס איר האָט זיך אויסגעלערנט. און איצט פּריש-טיק. גאָט מייגער, דידאַזיקע לופט מאַכט אַזאַ אַפּעטיט!"

„קיין קאַווע", האָב איך טרויעריק געזאָגט, דערלאַנגענדיק איר ים-קיכלעך אָנגעשמירט מיט פּוטער און אַ שטיקל צונג. און אויך נישט קיין טיי, קיין זופּ, קיין שום הייס געקעכץ, ביז מירן זיך ערגעץ אַרויסזעצן אויף דער יבשה."

נאָכן פּשוטן פרישטיק, פּאַרטרונקען מיט אַ קאַלט גלאָז וואַסער, האָט מאָוד געגומען אַ לעקציע אין וויעסלעווען. לער-נענדיק זי, האָב איך מיך אַליין אַ סך אויסגעלערנט, הגם כ׳האָב אָנגעווענדט די ידיעות, וואָס כ׳האָב שוין געהאַט באַקומען ביים זעגלען מיטן געשפּענסט און פון צוקוקן זיך ווי די שיפּל-שלעפּער זעגלען מיט די קליינע שיפלעך.

זי איז געווען אַ פעיקע שילערין. און זיך שנעל אויסגעלערנט צו האַלטן זיך ביי דער ריכטונג, אויסצומיידן די שטאַר-קע בלאָזן און אַראָפּצונעמען די לייל־עכער, ווען ס׳וואַסער האָט זיך געהויבן.

ווערנדיק, ווייזט אויס, מיד פון דער אַרבעט, האָט זי מיר איבערגעגעבן די וויעסלע. כ׳האָב צונויפגעלייגט די קאָלדרעס, נאָר זי האָט זיי אויסגעשפּרייט אויפן דיל. ווען אַלץ איז גע-ווען אין אָרדענונג, האָט זי געזאָגט:

„איצט, סער, אין בעט אַריין, און איצט שלאָפן ביזן צווייטן פרישטיק, ביז מיטאָג-צייט", האָט זי פאַרבעסערט, דער-מאָנענדיק זיך אָן איר אָרדענונג אויפן געשפּענסט.

וואָס האָב איך געקאָנט טון? זי האָט זיך געהאַלטן ביי איר דעה און געזאָגט: „ביטע, ביטע", און כ׳האָב איר געגעבן די וויעסלע און געפאָלגט.

כ׳האָב געהאַט דעם טעם פון אַ שטאַרקער זינלעכער פרייד, בעת כ׳בין אַריינגעקראָכן אין בעט אַריין, וואָס זי האָט געמאַכט מיט אירע הענט.

די רויקייט און קאָנטראָל זענען געווען אַ טייל פון איר, זיי האָבן זיך, דאַכט זיך, איבערגעגעבן די קאָלדרעס, אַזוי אַז כ׳האָב געהאַט דאָס באַוווסטזיין פון אַ ווייכער שלעפעריקייט און צו-

פרידנקייט, פון אַן אָוואַל פּנים און ברוינע אויגן אין אַ פישערס היטעלע און שאָקלענדיק זיך קעגן אַ הינטערגרונט פון אַ גראָען וואָלקן, דאָ פון אַ גראָען ים, און דאַן האָב איך געוווּסט, אַז כ׳שלאָף.

כ׳האָב געקוקט אויפן זייגער. ס׳איז שוין געווען איינס. כ׳בין געשלאָפן זיבן שעה! און זי האָט געוויעסלעוועט זיבן שעה.

ווען כ׳האָב ביי איר אַרויסגענומען די וויעסלע, האָב איך צוערשט געמוזט אויפבייגן אירע פאַרשטאַרטע פינגער. אירע כּוחות זענען געווען דערשעפּט, און זי איז אַפילו נישט אימשטאַנד געווען צו רירן זיך פון אָרט.

כ׳בין געווען געצווּנגען אָפּצולאָזן דאָס ליילעך, בעת כ׳האָב איר צוגעהאָלפן אַריינצוקריכן אין די קאָלדרעס און כ׳האָב איר געריבן די הענט און אָרעמס.

„כ׳בין אַזוי מיד“, האָט זי געזאָגט מיט אַ שנעלן קלאַפּן פון אָטעם און אַ זיפץ, אַראָפּלאָזנדיק שווער דעם קאָפּ.

אָבער באַלד האָט זי אים אויסגעגלייכט.

„איצט מאַכט נישט קיין פאָרוווּרפן, וואָגט נישט צו מאַכן קיין פאָרוווּרפן“, האָט זי געשריגן מיט קאָמישער טראָציקייט.

„כ׳האָף, אַז מיין פּנים זעט נישט אויס צו זיין בייז“, האָב איך געענטפערט ערנסט. „כ׳פאַרזיכער אייך, אַז כ׳בין לחלוטין נישט בייז.“

„ניין, ניין“, האָט זי געזאָגט, „עס זעט נאָר אויס, ווי עס מאַכט אַ פאָרוווּרף“.

„דאַן איז עס אַן אָרנטלעך פּנים, ווייל עס זעט אויס, אַזוי ווי עס פילט. איר זענט נישט געווען אָרנטלעך לגבי מיר און לגבי זיך. ווי אַזוי וועל איך ווידער אייך קאָנען געטרויען?“

זי האָט געקוקט חרטהפול.

„כ׳וועל זיין אַ גוטע,“ האָט זי געזאָגט, פונקט ווי אַ שטיפעריש יינגל. „כ׳זאָג צו.“

„האָרכן, ווי אַ מאַטראָז דעם קאַפּיטאַן?“

„יאָ,” האָט זי געענטפערט. „דאָס איז געווען נאַריש פון מיר: איך ווייס.”

„דאַן מוזט איר נאָך עפּעס צוזאָגן”, האָב איך געוואַגט צו זאָגן.

„כ׳בין גרייט”.

„איר זאָלט נישט צו אָפט זאָגן „ביטע, ביטע”, ווייל בעת איר טוט דאָס, שטייגט איר איבער מיין אויטאָריטעט.

זי האָט געלאַכט מיט אַ צופרידענער אָפּשאַצונג. זי האָט אויך באַמערקט די מאַכט פון אָפטן „ביטע”.

„דאָס איז אַ גוט וואָרט” — — האָב איך אָנגעהויבן.

„אָבער כ׳טאָר נישט מיסברויכן דערמיט”, האָט זי איבער-געשלאָגן.

זי האָט שוואַך געשמייכלט און איר קאָפּ איז אַראָפּ-געפאַלן.

כ׳האָב אַרויסגעלאָזט די וויעסלע כדי אַרומצוּוויקלען די קאָלדרעס אַרום אירע פיס און אַרויפלייגן איינע אַרום איר קאָפּ, ליידער איז זי נישט געווען שטאַרק.

כ׳האָב מיט מורא געקוקט צו דרום-מערב און געטראַכט וועגן די זעקס הונדערט מייל פון שווערע נסיונות — אַך, אויב נישט ערגער פון נסיונות.

אויפן דאָזיקן ים קאָן יעדע מינוט אָנקומען אַ שטורעם און אונז פאַרניכטן און דאָך האָב איך נישט מורא געהאַט. כ׳האָב נישט געהאַט קיין צוטרוי אין דער צוקונפט, אויסערגעוויינלעך פון צווייפל, און דאָך האָב איך נישט געשפּירט קיין מורא. עס מוז גוט זיין, עס מוז גוט זיין, האָב איך איבערגעחזרט פאַר זיך נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

נאָכמיטאָג איז דער ווינט שטאַרקער געוואָרן און אויפגעהויבן גרויסע כוואַליעס און שטאַרק געמוטשעט מיך און דאָס שיפעלע.

אָבער דער זאַפּאַס שפּייז און די 9 פעסלעך וואַסער האָבן דערמעגלעכט דאָס שיפל צו האַלטן זיך קעגן ים און ווינט, און כ׳האָב מיך געהאַלטן אַזוי לאַנג, ווי כ׳האָב געוואַגט. דאַן האָב

איך אַראָפּגענומען דעם מאַסט-דראָנג, שטאַרק אַראָפּגעדריקט דעם שפּיץ פון זעגל און אַ לאַנגע צייט זענען מיר געשווומען אונ־טער דעם, וואָס מאַטראָזן רופן אָן „שעפּסענער פוס״.

שפּעט נאָכמיטאָג האָב איך געזען אויפן האָריזאָנט, לינקס אַ רויך פון אַ דאַמפּער און כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז אָדער אַ רוסישער קרייצער, אָדער וואָס מער וואַרשיינלעך, די מאַקעדאָניע, זוכנדיק דעם געשפּענסט.

די זון האָט נישט געשיינט אַ גאַנצן טאָג און ס׳איז גע־ווען אַ ביטערע קעלט.

ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, זענען די וואָלקנס פינסטער גע־וואָרן און דער ווינט איז שטאַרקער געוואָרן, אַזוי אַז ווען מאַוד און איך האָבן אויפגעגעסן דאָס אָוונטברויט, האָבן מיר דאָס געטון אין אונזערע וואַרעמע מלבושים און געהאַלטן אין איין וויעסלעווען און עסן שטיקלעך צווישן איין בלאָז און אַנדערן.

ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, זענען דער ווינט און ים געוואָרן צו שטאַרק פאַרן שיפל, און נישט ווילנדיק האָב איך גענומען די זעגל און זיך געלאָזט מאַכן אָדער שלעפּן אַ ים — אַנקער. דאָס האָב איך מיך אויסגעלערנט, צוהערנדיק זיך צום שמועס פון די יעגער, און ס׳איז אַ לייכטע זאַך דאָס צו מאַכן. אַרומוויקלענדיק דעם זעגל און צובונדנדיק אים שטאַרק אַרום מאַסט, דראָנג, און צוויי פּאָר איבערגעבליבענע וויעסלעס האָב איך אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין. אַ שטריק האָט אים פאַ־רייניקט מיטן דזשאָב, און בעת ער איז געשווימען אין וואַסער, פּאַקטיש אויסערן ווינט, איז ער נישט שנעל געלאָפן ווי ס׳שיפל. אַלס רעזולטאַט האָט ער געהאַלטן דעם דזשאָב פון שיפל צום ים און ווינט — די זיכערסטע פּאָזיציע. אין וועלכער מ׳מיידט אויס צו ווערן פאַרגאָסן, בעת דער ים וואַרפט „ווייסע היטלעך״.

„און איצט?״ האָט מאַוד פריילעך געפרעגט, נאָכדעם ווי די זאַך איז אָפּגעטון געוואָרן און כ׳האָב אויף מיר אָנגעטון די מלבושים.

„און איצט פאָרן מיר שוין נישט קיין יאַפּאַן״, האָב איך

געענטפערט. „אונזער שטראָם איז צו דרום־מזרח, אָדער דרום־דרום־מזרח, מיט דער שנעלקייט פון לכל־הפחות צוויי מייל אַ שעה״.

„דאָס הייסט נאָר 24 מייל״ האָט זי געטענהט. „אויב דער ווינט וועט שטורמען אַ גאַנצע נאַכט״.

„יאָ, און נאָר הונדערט פערציק מיילן, אויב ער וועט האַלטן דריי טאָג און נעכט״.

„אָבער ס׳וועט נישט אַזוי לאַנג געדויערן״, האָט זי געזאָגט מיט אַ לייכטן צוטרוי. „ס׳וועט זיך אויסלייטערן און לייכט בלאָזן״.

„דער ים איז דער גרויסער אומגעטרייער״.

„אָבער דער ווינט!״ האָט זי צוריקגעענטפערט. „כ׳ד׳האָב געהערט ווי איר זענט רעטאָריש, רעדנדיק וועגן דעם דרייסטן גרויסן ווינט״.

„הלואי וואָלט איך נישט פאַרגעסן וואָלף לאַרסען כראָנאָמעטער און ווינקלמעסטער״, האָב איך געזאָגט נאָך אַלץ אומעטיק. „זעגלענדיק אין איין ריכטונג, שטראָמענדיק אין אַן אַנדערער, שוין אָפּגערעדט פונם שטראָם אין דריטער ריכטונג, איז אַ רעזולטאַנט, וואָס ס׳וועט נישט לאַנג נעמען און מיר וועלן נישט וויסן, ווי אַזוי מיר זענען אָפּגעפאָרן פינפהונדערט מייל״.

דאַן האָב איך מיך אַנטשולדיקט פאַר איר און צוגעזאָגט, אַז כ׳וועל שוין מער נישט זיין אַזוי פאַרצווייפלט. אויף איר בעטן האָב איך דערלויבט מיטצונעמען דאָס זייגערל ביז מיטן איינדערנאַכט — ס׳איז דאַן געווען ניין אַ זייגער, נאָר כ׳ד׳האָב זי איינגעהילט אין קאָלדרעס און אָנגעטון אַ גומענעם מאַנטל איידער כ׳האָב מיך געלייגט.

כ׳בין שווער געשלאָפן. דאָס שיפל איז געשפרונגען און געטאַנצט, פאַלנדיק איבער די כוואַליעס. כ׳האָב געהערט די כוואַליעס רוישן, און ס׳האָט אַלץ אינאיינעם געהאַלטן אין איין שפּריצן. און דאָך איז עס נישט געווען אַ שלעכטע נאַכט, איך האָב געטרוימט — נישט קיין פאַרגלייך צו די נעכט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויפן ג ע ש פּ ע נ ס ט; נישט קיין פאַרגלייך

אפשר, צו די נעכט, וואָס מירן דאַרפן פאַרבּרענגען אין דעם איי-שאָל. דער דיל איז געווען דריי-פערטל צאָל די דיק, צווישן אונז און דעם תּהום פון ים איז געווען ווייניקער ווי אַ צאָל האַלבּ.

און דאָך, כ׳חזר דאָס נאָכאַמאָל איבער, האָב איך נישט קיין מורא געהאַט. פאַרן טויט, פאַר וועלכן וואָלף לאַרסען און אַפילו טאָמאַס מאַגרידזש האָבן מיך געצוואונגען מורא צו האָבן, האָב איך ‑שוין נישט קיין מורא געהאַט. דאָס אַריינקומען פון מאוד בּרוסטער אין מיין לעבן האָט מיך אינגאַנצן איבּערגעאַנ-דערשט. נאָך אַלעם, האָב איך זיך געטראַכט, איז עס בּעסער און שענער ליב צו האָבן, איידער צו זיין געליבּט, אויב עס מאַכט לייכט אַ זאַך אין לעבן, אויב מ׳וויל נישט שטאַרבּן דער-פאַר. כ׳האָב פאַרגעסן מיין אייגן לעבן, ליבּהאָבּנדיק אַן אַנדער; און דאָך, אַזאַ איז דער פּאַראַדאָקס, כ׳האָב קיינמאָל אַזוי נישט געדורשט צו לעבן ווי דוקא איצט, בּעת איך האָב גרינגגעשעצט מיין לעבן. כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט אַזוי פיל סיבּות צו לעבן ווי איצט; און נאָכדעם, בּיז כ׳האָב געדרימלט, האָב איך מיך צופרידנגעשטעלט מיטן פּרווו אַדורכצודרינגען די פינצטער-ניש, דאָרט ווו, ווי כ׳האָב געוווּסט, עס ליגט מאוד אין די ליי-לעכער אויפמערקזאַם אויף די שוומענדיקע כוואַליעס און גרייט צו רופן מיך בּיי דער ערשטער בּעסטער געלעגנהייט.

קאַפּיטל ניין

ס׳איז איבּעריק מאריך צו זיין וועגן די יסורים און ליידן אינם קליינעם שיפל בּשעת די טעג, ווען מיר זענען געפאָרן און געטריבּן געוואָרן פון ווינט, דאָ און דאָרט, ווילנדיק-נישט ווילנדיק, איבּערן אָקעאַן.

אַ שטאַרקער ווינט האָט געבּלאָזן פון צפון-מערב 24 שעה;

נאַכדעם איז רויקער געוואָרן, און אין דער נאַכט אָנגעקומען פון דרום-מערב.

ס'האָט אונז געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, אָבער איך האָב גענומען דעם אַנקער און אַרויפגעזעצט דעם זעגל, נעמענדיק אַ ריכטונג צום ווינט, וואָס האָט אונז געטריבן צו אַ דרום-דרום-מזרח-ריכטונג.

דאָס איז געווען אַ גוטע וואָל צווישן דעם און דער מערב-צפון-מערב ריכטונג, וואָס דער ווינט האָט צוגעלאָזט; אָבער די וואַרעמע ווינטן פון דרום האָבן געשיצט מיין וווּנטש נאָך אַ וואַרעמען ים און געהערשט איבער מיין באַשלוס.

אין 3 שעה אַרום—ס'איז געווען מיטן אינדערנאַכט, איך געדענק גוט, און אַזוי פינצטער, ווי קיינמאָל נישט — דער ווינט נאָך אַלץ בלאָזנדיק פון דרום-מערב, איז געוואָרן ווילד, און איך בין ווידעראַמאָל געווען געצוווּנגען אַרויפצוזעצן דעם אַנקער.

ס'האָט אָנגעהויבן צו-טאָגן און כ'בין געווען מיד און דער אָקעאַן האָט געשמיסן מיט ווייסע כוואַליעס, געוואָרפן דאָס שיפל. מיר זענען געווען אין גרויס סכנה פאַרגאָסן צו ווערן פון די „ווייסע היטלען", שפריצן כוואַליעס זענען אַריין אין שיפל און אַזעלכע קוואַנטומס, אַז כ'האָב געמוזט שעפּן אָן אויפהער. די קאָלדרעס האָבן זיך געווייקט אין וואַסער, אַלץ איז געווען נאַס, חוץ מאָוד, און זי, אין גומענעם מאַנטל, טיפע שטיוול, און אַ ברייטן הוט איז געווען טרוקן, חוץ איר פּנים, הענט און אַ פּאָר פאַרבלאָנדזשעטע האָר.

פון צייט צו צייט האָט זי מיך פאַרטרעטן ביים שעפּלאָך, און העלדיש האָט זי אַרויסגעגאָסן דאָס וואַסער און זיך אַקעגנגעשטעלט דעם שטורם.

אַלץ איז געווען רעלאַטיוו. דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ שטאַרקער בלאָז, אָבער פאַר אונז, קעמפנדיק פאַרן לעבן אין אונזער שוואַכן שיפעלע, איז עס באמת געווען אַ שטורעם.

קאַלט און אומעטיק, דער ווינט שמייסנדיק איבערן פּנים, די ווייסע כוואַליעס רוישענדיק, האָבן מיר אַזוי געקעמפט אַ גאַנצן טאָג. ס'איז געוואָרן נאַכט, אָבער מיר זענען נישט געשלאָפן.

ס׳איז געוואָרן טאָג און דער ווינט האָט נאָך אַלץ גע־שמיסן אין אונזערע פּנימער און די ווייסע כוואַליעס האָבן געריטשעט.

אין דער צווייטער נאַכט איז מאוד איינגעשלאָפן פאַר דערשעפּונג. כ׳האָב זי צוגעדעקט מיט אַ גומע־מאַנטל און זי איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק טרוקן, אָבער פאַרשטאַרט פון קעלט.

כ׳האָב שטאַרק מורא באַקומען, אַז זי זאָל נישט שטאַרבן אין דער נאַכט; אָבער ס׳האָט געטאָגט, ס׳איז געווען קאַלט און טרויעריק, מיטן זעלבן פאַרכמורעטן הימל און קלאַפּנדיקן ווינט און רוישנדיקע כוואַליעס.

כ׳בין שוין נישט געשלאָפן אין משך פון 48 שעה. כ׳בין געווען נאַס און דורכגעפרוירן ביז צום מאַרך פון די ביינער, און כ׳בין געווען מער טויט ווי לעבעדיק. מיין קערפּער איז געווען פאַרשטייפט פון דערשעפּונג, ווי אויך פון קעלט, און מיינע מוסקולן, וואָס האָבן מיר וויי געטון, האָבן מיך שרעק־לעך געמוטשעט, בעת כ׳האָב זיי באַנוצט, און כ׳האָב זיי כסדר באַנוצט, און די גאַנצע צייט האָט ער אונז געטריבן צו דרום־מזרח, אַוועק פון יאַפּאַן צום קאַלטן בערינג־ים.

און דאָך האָבן מיר געלעבט, און דאָס שיפל האָט געלעבט און דער ווינט האָט געבלאָזן אָן אויפהער. פאַקטיש האָט אין סוף פון דריטן טאָג אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ ביסל שטאַרקער. דעם שיפלס דזשאָב איז אונטערגעטונקען געוואָרן דורך אַ „קאַם" און מיר זענען פאַרטרונקען געוואָרן פון וואַסער.

כ׳האָב געשעפּט ווי אַ משוגענער. די וואַרשיינלעכקייט אויסצושעפּן נאָך אַזאַ וואַסער איז שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן דורכן וואַסער, וואָס האָט אַראָפּגעוויגן דאָס שיפל און צוגענו־מען דערפון זיין באַוועגלעכקייט. און נאָך אַזאַ כוואַליע ד׳האָט געהייטן דער סוף.

ווען כ׳האָב אויסגעליידיקט דאָס שיפל, בין איך געווען געצוווּנגען אַוועקצונעמען די דעקע, וואָס האָט באַדעקט מאָדן, כדי כ׳זאָל זי קענען פאַרשפּרייטן איבערן דזשאָב.

כ׳האָב גוט געטון, ווייל זי האָט איינגעזאַנצן באַדעקט דאָס שיפל. און דריי מאָל האָט זי אין משך פון די נאָענטסטע פאָר־שעה אַראָפּגעוואָרפן די משא פון דעם אַראָפּגיסנדיקן וואַסער, בעת דער דזשאָב האָט זיך געטונקט אין וואַסער.

מאודס לאַגע איז געווען אַ נעבעכדיקע. זי איז געזעסן איינגעקאָרטשעט אין עק שיפל. די ליפּן אירע בלאָ, דאָס פּנים גראָ און באַשיינפּערלעך געוויזן די ליידן. אָבער שטענדיק האָבן אירע אויגן מיט מוט געקוקט אויף מיר, און שטענדיק האָבן אירע ליפּן אַרויסגערעדט מוטיקע ווערטער.

יענע נאַכט האָט דער שטורעם געמוזט זיין אַמשטאַרקסטן, הגם כ׳האָב אים ווייניק באַמערקט. כ׳האָב מיך אונטערגעגעבן און איינגעשלאָפן, ביי די ליילעכער.

צומאָרגנס — אויפן פערטן טאָג, איז דער ווינט קלע־נער געוואָרן ביז צו אַ פליסטערן, די כוואַליעס זענען אָפּגע־שטאָרבן און די זון האָט געשיינט אויף אונז. אָ די געבענטש־טע זון! ווי מיר האָבן געבאָדן אונזערע אָרעמע קערפּער אין דער אָנגענעמער וואַרעמקייט, אויפגעלעבט ווי שרצים נאָך אַ שטורעם.

מיר האָבן ווידער געשמייכלט, דערציילט פריילעכע מעשיות און געקוקט אָפּטימיסטיש אויף אונזער לאַגע. אָבער דאָך איז זי גע־ווען ערגער געשטימט ווי שטענדיק. מיר זענען געווען ווייטער פון יאַפּאַן, ווי בעת דער נאַכט, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט. כ׳האָב אַפילו נישט געקאָנט בקירוב משער זיין די ברייט און לענג. רעכענענדיק צוויי מייל אַ שעה, בשעת די עט־לעכע זיבעציק שעה פון שטורעם, זענען מיר לכל־הפחות אַוועקגע־טריבן געוואָרן 150 מיילן צו צפון־מזרח. אָבער צי איז אַזאַ חשבון געווען ריכטיק? אויף וויפיל כ׳האָב געוווסט, האָט אַנשטאָט צוויי מייל געדאַרפט זיין פיר מייל אַ שעה. אין דאָזיקן פאַל זענען מיר געווען דערווייטערט נאָך 152 מייל.

כ׳האָב נישט געוווסט, ווו מיר געפינען זיך. הגם ס׳איז געווען אַ קליינע וואַרשיינלעכקייט, אַז מיר געפינען זיך אין שכנות פון ג ע ש פ ע נ ס ט. אַרום אונז האָבן זיך געפונען פאָקעס, און איך

בין גרייט געווען צו זען אַ ליאַדע מינוט אַ פּאַקע-סקונער. מיר האָבן געזען איינעם, נאָכמיטאָג, ווען דער צפון מערב ווינט האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן. אָבער דער פרעמדער סקונער איז פאַרלוירן געוואָרן אין האָריזאָנט און מיר אַליין האָבן פאַרנומען דאָס ים-ראָד.

ס'זענען אָנגעקומען טעג פון נעפּלען, ווען אַפילו מאַודס שטימונג איז געפאַלן און מ'האָט נישט געהערט פון איר קיין פריילעך וואָרט; רויקע טעג, ווען מיר זענען געשווומען אויפן איינזאַמען רויקן שטח פון ים, דערדריקט פון דער גרויסקייט און זיך געחידושט אויפן ווונדער פון קליינעם לעבן, מחמת מיר האָבן געלעבט און זיך געראַנגלט צו לעבן; טעג פון האָגל, ווינט און שניי-זאַוויערוכעס, ווען קיין שום זאַך האָט אונז נישט געקענט דערוואַרעמען; טעג פון גיסנדיקן רעגן, ווען מיר האָבן אָנגעפילט אונזערע וואַסער-פעסער פון דעם, וואָס האָט אַראָפּגעגאָסן פון די נאַסע זעגלען

און וואָס-אַמאָל מער האָב איך ליב באַקומען מאַודן. זי איז געווען אַזאַ פיל-זייטיקע, אַזאַ פיל-געשטימטע, איך האָב זי גערופן „פיל-געשטימטע", אָבער אזוי און נאָך מיט אַנדערע נעמען האָב איך זי נאָר גערופן במחשבה, הגם מיין ליבע-דערקלערונג האָט געציטערט אויף מיין צונג אַ טויזנט מאָל, האָב איך געוווסט, אַז ס'איז איצט נישט די צייט דערצו. שוין בלויז צוליב דעם איינעם טעם, וואָס בעת מ'באַשיצט און מ'באַמיט זיך צו ראַטעווען אַ פרוי, קאָן מען נישט בעטן איר ליבע. ווי דעליקאַט די סיטואַציע איז נישט געווען, נישט בלויז אין דער הינזיכט און אין אַנדערע, האָב איך מיך געטרייסט דערמיט, וואָס כ'בין פעיק צו באַהאַנדלען זי אַזוי דעליקאַט; און אויך דערמיט, וואָס אַפילו מיט אַ בליק אָדער צייכן האָב איך נישט געגעבן קיין באַווייז פון מיין ליבע. מיר זענען געווען פונקט ווי גוטע חברים, און וואָס אַ טאָג זענען מיר געווען אַלץ בעסערע.

איין זאַך האָט מיך איבערראַשט אין איר: דער מאַנגל אין נישט-דרייסטקייט און מורא. די שרעקלעכע כוואַליע, דאָס שוואַכע שיפל, די שטורמען, די יסורים, די משונהדיקייט און

איינזאַמקייט פון דער סיטואַציע, — אַלץ וואָס וואָלט איבערגעשראָקן די ענערגישסטע פרוי — האָט, ווייזט אויס, נישט געמאַכט קיין שום רושם אויף איר, וועלכע האָט געקענט דאָס לעבן פון זיין זיכערסטער און קינסטלערישער זייט, און וועלכע איז אליין געווען פייער, טוי אין נעפל, דערהויבענער גייסט, אַלץ וואָס איז געווען ווייך, צערטלעך און צוציענדיק ביי אַ פרוי. און דאָך בין איך אומגערעכט. זי איז געווען נישט דרייסט און שרעקעוודיק, אָבער זי האָט באַזעסן מוט. דאָס פלייש און די ציטערנישן פון פלייש, וועמעס יורש זי איז געווען, אָבער דאָס פלייש האָט שווער געדריקט נאָר אויפן פלייש. און זי איז געווען גייסט, שטענדיק גייסט. עטערישער עסענץ פון לעבן, רויק ווי אירע רויקע אויגן, און זיכער און שטענדיק אין דער פאַרענדערלעכער אָרדענונג פונם אוניווערס.

ס׳זענען אָנגעקומען שטורמישע טעג, טעג און נעכט פון שטורם, ווען דער אָקעאַן האָט אונז געדראָט מיט זיין קוויטשענדיקער ווייסקייט, און דער ווינט האָט געשמיסן אונזער קעמפנדיק שיפל מיט אַ ריזס לאַפּע. און שטענדיק זענען מיר געשלייַדערט געוואָרן ווייטער און ווייטער, צו צפון-מזרח. בעת אַזאַ שטורם, דעם ערגסטן, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט, ווען כ׳האָב געוואָרפן אַ מידן בליק צו דער לינקער זייט פון שיפל, נישט צוליב עפעס אַ בקשה, נאָר גיכער צוליב מידיקייט אָנצוקוקן דעם דעם עלעמענטאַרן געראַנגל, און אַ שטומען אַפּעל צו די צאָרנדיקע כוחות, אַז זיי זאָלן אויפהערן און אונז אָפּלאָזן.

דאָס, וואָס כ׳האָב געזען, האָב איך לכתחילה אַליין נישט געוואָלט גלייבן. בלי-ספק האָבן טעג און נעכט פון שלאָפלאָזיקייט און אַנגסט פאַרדרייט מיין קאָפּ. כ׳האָב אַ קוק געטון אויף מאָוד, כדי אידענטיפיצירן זיך אין צייט און רוים. דער אָנבליק פון אירע ליבלעכע נאַסע באַקן, אירע צעוואָרפענע האָר, און אירע ברוינע אויגן האָבן מיך איבערצייגט, אַז מיין וויזיע איז נאָך אַ געזונטע.

ווידער האָב איך אויסגעדרייט מיין פנים לינקס. און ווידער האָב איך געזען דאָס אַרויסשטאַרצנדיקע שטיקל יבשה

שוואַרץ, הויך און נאַקעט. די בושעוודיקע כוואַליעס, וואָס האָבן געריסן אַרום איר באָדן און געשמיסן מיט הויכע פאָנטאַנען, די שוואַרצע און פאַרבאָטענע ברעג-ליניע לויפנדיק צו צום-מזרח און באַזוימט מיט אַ געוואַלטיק-גרויסן ווייסן פאַרב.

„מאוד", האָב איך געזאָגט, „מאוד".

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דאָס בילד.

„דאָס קאָן נישט זיין אַלאסקאַ!" האָט זי אויסגעשריען.

„ליידער ניין", האָב איך געזאָגט. „קאָנט איר שווימען?".

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„איך קאָן אויך נישט", האָב איך געזאָגט. און אַזוי-אַרום מוזן מיר אַרויף אויפן ברעג אָן שווימען, אין עפּעס אַן עפּע-נונג צווישן די פעלזן דורך וועלכע מיר קאָנען טרייבן אונזער שיפל און אַרויסקריכן, אָבער מיר מוזן דאָס טון שנעל. ווי אַמ-שנעלסטן".

כ׳האָב גערעדט מיט אַ זיכערקייט, אין וועלכער, ווי זי האָט געוווּסט, כ׳פיל נישט, ווייל זי האָט געקוקט אויף מיר מיט איינעם פון אירע אומבאַוועגלעכע בליקן און געזאָגט:

„כ׳האָב אייך נאָך נישט געדאַנקט פאַר דעם אַלעם, וואָס איר האָט געטון פאַר מיר אָבער, — — —"

זי האָט זיך געקווענקלט, גלייך ווי זי וואָלט געווען אין ספק, וואָס פאַראַ וואָרט וועט אַמבעסטן אויסדריקן איר דאַנק-באַרקייט.

„נו?", האָב איך געזאָגט ברוטאַל, ווייל ס׳איז מיר בכלל נישט געפאָלן איר דאַנק.

„איר וואָלט מיר געמעגט צוהעלפן", האָט זי געשמייכלט.

„אויסדריקן אייער דאַנק פאַרן טויט? לחלוטין נישט. מיר האַלטן נישט ביים שטאַרבן, מיר וועלן זיך אַרויפזעצן אויף יע-נעם אינזל, און מיר וועלן זיך באַקוועם איינאָרדענען איידער ס׳וועט פינצטער ווערן."

כ׳האָב גערעדט פעסט, אָבער אַליין נישט געגלייבט אין קיין איין וואָרט. כ׳בין אויך נישט געווען גענייגט צו זאָגן ליגן אויפ מורא.

כ׳האָב נישט געשפּירט קיין מורא, הגם כ׳בין געווען זי־בער אין טויט אין קאָכנדיקן קעסל צווישן די פעלזן, וואָס איז געוואָרן וואָס־אַמאָל נענטער.

ס׳איז אוממעגלעך געווען אַרויפצושטעלן אַזעגל און אַרויף אויפן ברעג. דער ווינט וואָלט באַלד פאַרטריבן דאָס שיפל: די כוואַליעס וואָלטן עס פאַרזונקען אינם מאָמענט, ווען עס פאַלט אַריין אינם גיהנום, און חוץ דעם, די זעגלען, צוגעבונדן צו די שוואַכע וויעסלעס, האָבן צוגעשלעפּט די כוואַליעס. ווי געזאָגט, האָב איך נישט קיין מורא געהאַט אָקעגנצוגיין זיין אייגענעם טויט, דאָרט אַפאָר הונדערט פוס לינקס; אָבער כ׳בין געווען אי־בער געשראָקן ביים געדאַנק, אַז מאַוד מוז שטאַרבן.

מיין פאַרשאָלטענע פאַנטאַזיע האָט געזען ווי זי ווערט גע־שמיסן און געקלאַפּט אָן די פעלזן, און דאָס איז פאַר מיר גע־ווען צו־שרעקלעך. כ׳האָב מיך געראַנגלט צו צווינגען מיך צו דענקען, אַז מיר וועלן בשלום אַדורך קומען דאָס אַרויסזעצן זיך אויף דער יבשה, און אַזוי אַרום האָב איך געזאָגט דאָס, אין וואָס כ׳האָב נישט געגלויבט, נאָר אין וואָס כ׳האָב געוואָלט ליבערשט גלויבן.

איך האָב מיך צוריקגעצויגן במחשבה פון יענעם שרעקלעכן טויט, און אַ געוויסער מינוט האָב איך געהאַט אַ ווילדע אידיי צו כאַפּן מאַוד אין מיינע אָרעמס און שפּרינגען אין ים אַריין. דאַן האָב איך באַשלאָסן צו וואַרטן, און אין לעצטן מאָמענט, ווען מיר זענען אַריין אין ענדגילטיקן אויס־שטרעקן, נעמען איר אין מיינע אָרעמס און פראָקלאַמירן מיין ליבע, און מיט איר אין מיין אַרומנעם, צו מאַכן אַ פאַרצווייפל־טע אָנשטרענגונג און שטאַרבן.

אינסטינקטיוו האָבן מיר זיך צוגערוקט נענטער אייגער צום צווייטן אין עק שיפל. כ׳האָב געפילט ווי איר איינגעוויקלטע האַנט שטרעקט זיך אויס צו מיינער. און אַזוי־אַרום, אָן אַ וואָרט, האָבן מיר געוואַרט אויפן סוף.

מיר האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון דער ליניע, וואָס דער ווינט האָט געמאַכט, ביי דעם מערב־עק פון דער יבשה,

און כ׳האָב אַכטונג געגעבן אין דער האָפענונג, אַז אַ געוויסער טייל פון שטראָם אָדער פון ים וועט אונז פאַרשלעפן, איידער מירן צוקומען צו די כוואַליעס.

„מירן זיך אַרויסראַטעווען״, האָב איך געזאָגט מיט אַ צו־טרוי, וועלכע, ווי כ׳האָב געוווּסט, האָט קיינעם פון אונז נישט אָפּגענאַרט.

„ביי גאָט, מיר וועלן אַרויס,״ האָב איך געשריגן אַ פּאָר מינוט שפּעטער.

די שבועה איז אַרויס פון מיין מויל אין אויפרעגונג — דאָס ערשטע מאָל, גלויב איך, אין מיין לעבן, אויב „כאַפּט עס דער רוח״, אַן אויסגעשריי פון מיינע יונגע יאָרן, זאָל אויך פאַררעכנט ווערן אַלס אַ שבועה.

„כ׳בעט אייך איבער,״ האָב איך געזאָגט.

„איר האָט מיך איבערצייגט אין אייער אָפּגהאַרציקייט״, האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַכן שמייכל. „כ׳ווייס איצט, אַז מירן זיך ראַטעווען״.

כ׳האָב געזען אַ ווייט שטיקל יבשה ביים עקסטרעמען עק פון ים, און קוקנדיק, האָבן מיר געקענט זען ווי עס ווערט גרעסער די צווישן ברעג־ליניע, וואָס איז באַשיינפּערלעך געווען אַ טיפע הייל. אין דערזעלבער צייט האָבן אונזערע אויערן דערהערט אַ כסדרדיק און מעכטיק גערויש.

עס האָט געהאַט אין זיך אַ טייל פון דער גרויסקייט און פּרעכטיקייט פון ווייטע דונערן, און ס׳איז געקומען צו אונז גלייך פון לינקן ברעג, אויפהייבנדיק זיך איבערן גערויש פון די כוואַליעס און אַריין גלייך אין דער געגנט פון שטורם. פאַר־ביישווימענדיק דעמדאָזיקן פּונקט, האָט די גאַנצע הייל זיך באַוויזן פאַר אונזערע אויגן, אַ האַלבע לבנה פון ווייסן זאַמדיקן ברעג, אויף וועלכן ס׳האָט געקלאַפּט אַ ריזיקע כוואַליע און וואָס איז געווען באַדעקט מיט מיריאַדן פון פאָקעס. אָט פון זיי איז דאָס געקומען דאָס גרויסע געבילעריי.

„אַ פאָקעס־נעסט״, האָב איך אויסגעשריגן. איצט זענען מיר אויף אַן אמת געראַטעוועט. ס׳מוזן דאָ מסתמא זיין מענטשן

און קרייצער, כּדי באַשיצן זיי פאַר די פּאַקע-יעגערס, ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אויפן ברעג געפינט זיך אַ סטאַדע."

אָבער בעת כ'האָב געפּאָרשט די כוואַליע, וואָס האָט געשמיסן דעם ברעג, האָב איך געזאָגט:

„נאָך אַלץ שלעכט, אָבער נישט אַזוי שלעכט". און איצט, אויב די געטער זענען באמת פריינטלעך, וועלן מיר שווימען דורך יענעם שטיק יבשה און צוקומען צו אַ גוט-געשיצטן ברעג, וווּ מירן קאָנען אַרויסזעצן זיך, נישט איינגעצנדיק אונזערע פיס."

און די געטער זענען געווען פריינטלעך, די ערשטע און די צווייטע יבשה זענען געווען אין אַ גלייכער ליניע מיטן דרום-מערב ווינט, אָבער קוים האָבן מיר זיך געפונען אַרום דער צווייטער — און מיר זענען צוגעגאַנגען געפערלעך נאָענט — האָבן מיר דערזען די דריטע יבשה, נאָך אַלץ אין דערזעלבער ליניע מיטן ווינט און מיט די אַנדערע צוויי. אָבער די הייל וואָס איז געווען אינמיטן! זי איז טיף אַריין אין דער יבשה, און דער שטראָם, אָנקומענדיק, האָט אונז געטריבן אונטערן שוץ פון יענעם פונקט.

דאָ איז דער ים געווען רויק, חוץ שווערע אָבער גלאַטיקע כוואַליעס און כ'האָב גענומען דעם אַנקער און אָנגעהויבן צו וויעסלעווען. פונם דאָזיקן פונקט, האָט זיך דער ברעג אָוועקגעקרומט, מער און מער צו דרום און מערב, ביז ער האָט לסוף אויפגעדעקט אַ הייל אין דער הייל, אַ קליינעם פּאָרט אַרומגערינגלט מיטן יבשה, דאָס וואַסער אויף דער פלאַך פון אַ סטאַוו,נאָר איבערגעריסן דורך קליינטשיקע בלעזלעך, ווו שוואַכע אָטעמונגען און פליסטערס פון שטורם האָבן אַראָפּגעגידערט פון דער בייזער פעלזן-וואַנט, וואָס האָט באַדעקט דעם ברעג אויף אַ שטח פון אַ הונדערט פוס אויפן ברעג.

אָבער דאָ זענען שוין נישט געווען קיין שום פּאַקעס. דעם שיפלס דזשאָב האָט אָנגערירט דעם האַרטן זאַמד. כ'בין אויפגעשפרונגען און אויסגעשטרעקט מאָודן מיין האַנט. אין אַ ווייל איז זי געשטאַנען לעבן מיר, בעת מיינע פינגער האָבן זי

אָפּגעלאָזן, האָט זי זיך שנעל אָנגעכאַפּט אָן מײַן אָרעם. אין דערזעלבער מינוט האָב איך זיך געוואַקלט, גלײַך ווי כ'וואָלט געוואָלט אומפֿאַלן אויפֿן זאַמד.

דאָס איז געווען דער איבעררײַשנדיקער פּועל־יוצא פֿון דעם אויפֿהערן פֿון באַוועגונג.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג געפֿונען אויף דעם באַוועגנדיקן וויגנדיקן ים, אַז דער פֿעסטער באָדן איז פֿאַר אונדז געווען אַן אויפֿטרייסלונג.

מיר האָבן זיך גערײכט, אַז דער ברעג וועט אונדז הייבן, אַז די פֿעלזן־ווענט וועלן זיך אָפּרוקן פּונקט ווי די ווענט פֿון אַ שיף, און ווען מיר האָבן אָפּגעשטעמט, אויטאָמאַטיש, צוליב די דאָזיקע דערוואַרטעטע באַוועגונגען, האָט דאָס נישט פֿאַרקומען פֿון זיי אונדז כּמעט אַרויסגעבראַנגט פֿון דער גלײַכגעוויכט.

„כ'מוז מיך אָנידערזעצן", האָט מאַוד געזאָגט מיט אַ נערוועז לאַכן און קאָפּ־פֿאַרדרייעריש זעסט, און באַלד האָט זי זיך געגעבן אַ זעץ אַנידער אויפֿן זאַמד.

כ'האָב געזען צו פֿאַרזיכערן דאָס שיפֿל און זיך פֿאַרייניגט מיט איר. אַזוינאָך האָבן מיר זיך אַרויסגעזעצט אויף „פּרוווּ־אינזל", ווי מיר האָבן עס אָנגערופֿן, בענקענדיק נאָך דער יבשה נאָך אַ לאַנגן זײַן אויפֿן ים.

קאַפּיטל צען

„שוטה!" האָב איך געשריגן פֿון אויפגערעגטער.

כ'האָב אויסגעלאָדן דאָס שיפֿל און אַרויסגעטראָגן זיין אינ־האַלט הויך אויפֿן ברעג, ווי כ'האָב מיך גענומען אויפשטעלן אַ געצעלט.

ס'איז דאָרט געווען געהילץ, הגם נישט קיין סך, און דער אָנבליק פֿון אַ קאַווע־פענדל, וואָס כ'האָב גענומען פֿונם געשפּענסטס שפּיזאַרקע, האָט מיר געגעבן די אידיי וועגן פֿייער.

„נאַרישער אידיאָט!" האָב איך ווייטער געשריגן.

אבער מצווד האָט אין אַ דעליקאַטן פאַרוואָרף געזאָגט:

„שאַ. שאַ" און דאַן זיך געפֿרעגט פאַרוואָס כ'בין אַ נאַרישער שוטה.

„כ'האָב נישט קיין זאַפּאַלקעס", האָב איך געקרעכצט.

„קיין איין זאַפּאַלקע נישט מיטגענומען. און איצט וועלן מיר נישט האָבן קיין וואַרעמע קאַווע, זופּ, טיי אָדער עפּעס אַנדערש?"

„איז עס נישט געווען — ע — קרוזאָ, וועלכער האָט געריבן צוויי שטיקלעך האָלץ", האָט זי געזאָגט.

„אָבער כ'האָב געלייענט די פּערזענלעכע דערציילונגען פֿון אַ צענדליק שיפֿברוך געליטענע, וואָס האָבן זיך באַמיט אומזיסט", האָב איך איר געענטפֿערט. „כ'דערמאָן מיך אָן ווינ־טערס, אַ צייטונגס־מענטש, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט אין אַלאַסקאַ און סיביר. זיך אַמאָל באַגעגנט מיט אים אין ביבלטאַט און ער האָט אונז דערציילט, ווי אַזוי ער האָט מאַכט אַ פּרווו מיט אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ, דאָס איז געווען זייער קאָמיש. ער האָט דאָס דערציילט אויף אַזאַ אופֿן, אַז ס'איז שווער

נאָכצודערציילן, אָבער דאָס איז געווען די געשיכטע פון דורכפאַל. כ׳געדענק זיין אויספיר, ווי זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט, זאָגנדיק: דזשענטלמען, דער איינוווינער פון די דרום-ים-אינזלען קאָן דאָס באַווייזן, דער מאלאיער קאָן דאָס באַווייזן, אָבער הערט מיין וואָרט, דאָס איז נישט פאַרן ווייסן מענטש״.

„אָ, גוט, מירן זיך באַגיין אָן דעם״, האָט זי פריילעך געזאָגט. „און נישטאָ קיין סיבה, פאַרוואָס מירן זיך נישט באַגיין אָן דעם.״

„אָבער געדענקט אָן דער קאַווע!״ האָב איך געשריגן.

„דאָס איז גוטע קאַווע, כ׳ווייס. כ׳האָב זי גענומען פון וואָלף לאַרסענס פריוואַטע זאַפאַסן. און קוקט נאָר אויף יענעם גוטן האָלץ.״

כ׳בין מיך מודה, אַז כ׳האָב מיך שטאַרק גענויטיקט אין דער קאַווע; און כ׳בין געוואָר געוואָרן, באַלד נאָכדעם, אַז מאָוד האָט אויך געהאַט אַ שוואַכקייט צו איר. חוץ דעם האָבן מיר אַזוי לאַנג געלעבט אויף אַ קאַלטער דיעטע, אַז מיר זענען געווען פאַרפרוירן אינעווייניק און אויסנווייניק. עפּעס אַ וואַרעמע זאַך וואָלט פאַר אונז געווען אַ גרויסע ישועה, אָבער כ׳האָב מיך שוין מער נישט געקלאָגט און זיך גענומען מאַכן פון די זעגל אַ געצעלט פאַר מאָוד.

כ׳האָב דאָס באַטראַכט פאַר אַ פּשוטע זאַך. אַביסל וויעסלעס, מאַסט, דראָנג, שטעקן, שוין אָפּגערעדט פון דער שפּעשטריק. אָבער כ׳האָב נישט געהאַט קיין דערפאַרונג, און אַזוי ווי יעדער פּרט איז געווען אַן עקספּערימענט און יעדער דערפאָלגרייכער אַקט אַ דערפינדונג, איז דער טאָג אַוועק אינגיכן, איידער איר מקום-מקלט איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט און דאַן, אין יענער נאַכט, האָט גערעגנט און זי איז איינגענעצט געוואָרן און אריינגעטריבן געוואָרן צוריק אין שיפל אַריין.

צומאָרגנס האָב איך אויסגעגראָבן אַ פלאַכן גרוב אַרום דעם געצעלט, און אין אַ שעה אַרום האָט אַ פלוצלינגער צוגווינט, טראָגנדיק זיך איבער דער פעלזן-וואַנט, וואָס הינטער אונז, אויפגעהויבן דאָס געצעלט און צעמאָרשט עס אַ דרייסיק

טריט ווייטער אויפן זאמד.

מאוד האט געלאַכט פון מיין אומגעלונגענעם עקספערימענט און איך האב געזאגט: וויבאַלד דער ווינט וועט שוואַכער ווערן, האב איך בדעה אַריינצוזעצן זיך אין שיפל און אויספאָרשן די אינזל, ס'מוז ערגעץ זיין אַ סטאַציע פון מענטשן, און שיפן באַזוכן מסתמא די סטאַציע. עפעס אַ רעגירונג מוז באַשיצן אַלע דידאַזיקע פּאַקעס. אָבער כ'וועל איך איינאָרדענען באַקוועם, איידער כ'לאָז מיך אַרויס אין וועג אַריין."

„כ'וואָלט געוואָלט מיט אייך מיטגיין", האָט זי געזאָגט.

„ס'וועט זיין גלייכער פאַר אייך צו בלייבן. איר האָט שוין געצנט איבערלעבענישן. ס'איז פשוט אַ נס, וואָס איר זענט געבליבן לעבן. און ס'וועט גאָרנישט זיין אַזוי באַקוועם אין דאָזיקן שיפל צו וויעסלעווען און שווימען אין אַזאַ רעגנדיק וועטטער. איר דאַרפט האָבן רו און איך וויל, איר זאָלט דאָ בלייבן און אָפּרוען."

עפעס פאַרדעכטיקס, ענלעך צו פייכטקייט, האָט פאַרפינצטערט אירע שיינע אויגן, איידער זי האָט זיי אַראָפּגעלאָזן און אַ ביסל אָוועקגעבויגן דעם קאָפּ.

„כ'וואָלט ליבערשט געוואָלט מיטפאָרן מיט אייך", האָט די געזאָגט מיט אַ שטיל קול, אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַ רמז אויף אַ געבעט.

„כ'וואָלט אייך געקאָנט העלפן אַ" — איר שטים האָט זיך געבראָכן — „אַ ביסל", און ס'וועט עפעס געשען מיט אייך, געדענקט, אַז איר לאָזט מיך דאָ איבער אַליין."

„אָ, איך האָב בדעה צו זיין זייער פּאָרזיכטיק," האָב איך געענטפערט. „און איך וועל נישט אַוועק אַזוי ווייט, נאָר זען צוריקצוקומען איידער ס'ווערט נאַכט. יאָ, געזאָגט און געטון, כ'האַלט, אַז ס'איז בעסער פאַר אייך צו בלייבן, צו שלאָפן, אָפּרוען און גאָרנישט טון".

זי האָט זיך אויסגעדרייט און מיר געקוקט אין די אויגן אַריין. איר בליק האָט נישט געציטערט, נאָר געווען אַ ווייכער.

„ביטע, ביטע", האט זי געזאגט אַזוי שטיל.

כ׳האָב מיך אײַנגעשפּאַרט און אָפּגעזאָגט, געשאָקלט מיטן קאָפּ.

זי האָט אַלץ געוואַרט און געקוקט אויף מיר. כ׳האָב געפּרוּווט צו באַגרײַפֿן מײַן אָפּזאָגן, אָבער זיך געקווענקלט. כ׳האָב געזען ווי אַ צופֿרידן ליכט שפּרינגט אַרום אין אירע אויגן און געוווּסט, אַז כ׳האָב פֿאַרשפּילט. ס׳איז אוממעגלעך געווען נאָכדעם צו זאָגן „ניין.“

נאָכמיטאָג האָט דער ווינט נאָכגעלאָזן און מיר זענען געווען גרייט אַרויסצולאָזן זיך צומאָרגנס אינדערפֿרי. ס׳איז נישט מעגלעך געווען אַרײַנצודרינגען אין דעם אינזל פֿון אונזער זײַט, מחמת די וועגנס האָבן זיך געהויבן פּערפּענדיקולאַר פֿון דעם ברעג און פֿון ביידע זײַטן פֿון דער הייל אַרויסגעשטאַרצט פֿון טיפֿן וואַסער אַרויס.

דער פֿרימאָרגן איז געווען אַ טונקעלער און אַ גראָער, אָבער אַ רויקער, און כ׳האָב מיך פֿרי אויפֿגעהויבן און געהאַלטן גרייט דאָס שיפֿל.

„שוטה! אידיאָט! בהמה!“ האָב איך געשריגן, בעת כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל אויפֿוועקן מאָודן, אָבער דאָסמאָל האָב איך געשריגן פֿאַר שמחה, פּונקט ווי כ׳האָב געטאַנצט אויפֿן ברעג, אָן הוט, אין בלומרשטער פֿאַרצווייפֿלונג.

איר קאָפּ האָט זיך באַוויזן אַפּער פֿון [illegible]ונטערן זעגל.

„וואָס איז ווידער?“ האָט זי געפֿרעגט פֿאַרשלאָפֿן און נײַגעריק.

„קאַווע!“ האָב איך געשריגן. „וואָס וועט איר זאָגן צו אַ גלאָז קאַווע? הייסע קאַווע? בריצנדיק הייס?“

„גאָט מײַנער!“ האָט זי געפּליסטערט. „איר האָט מיך איבערגעשראָקן און איר זענט אַן אַכזר. דאָ בין איך שוין גרייט צו באַגיין זיך אָן דעם און דאָ רייצט איר מיך מיט אײַערע „אייטלע רמזים“.

„קוקט אויף מיר“, האָב איך געזאָגט.

אַ פּער פֿון שפּאַרעס האָב איך צונויפֿגעקליבן אַ פּאָר טריקענע שטיקלעך האָלץ און שפּענדלעך. כ׳האָב זיי צעהאַקט אויף

קליינע שטיקלעך. כ׳האָב אַרויסגעריסן אַ בלעטל פון מיין נאָטעס און פון אַמוניציע-קעסטל אַרויסגענומען אַ קויל, אַרויסנעמענדיק דערפון די וואַטע מיטן מעסער, האָב איך אויסגעשיט דעם פול-ווער אויף אַ פלאַכן פעלז.

נאָכדעם האָב איך אַרויסגענומען דאָס היטל פון דער קויל, אַנידערגעלייגט אויפן פעלז, אינמיטן פון צעוואָרפענעם פולווער, אַלץ איז געווען גרייט.

מאַוד האָט זיך אַלץ צוגעקוקט פון געצעלט. האַלטנדיק דאָס פאַפיר אין דער לינקער האַנט, האָב איך אַ זעץ געטון אויפן היטל מיט אַ שטיין, וואָס כ׳האָב געהאַלטן אין דער רעכטער. ס׳האָט זיך באַוויזן אַ וואָלקן פון ווייסן רויך, אָן אויסברוך פון פלאַמען און ס׳האָט זיך אָנגעכאַפּט דער עק פון בלעטל.

מאַוד האָט באַגריסנדיק געקלאַפּט מיט די הענט.

„פּראָמאָטעאוס!‟ האָט זי געשריגן.

אָבער כ׳בין געווען צו-שטאַרק פאַרנומען, אַז כ׳זאָל אַכט געבן אויף איר ענטפער.

דער שוואַכער פלאַם מוז צערטלעך געפלעגט ווערן, כדי ער זאָל זאַמלען קראַפט און לעבן. כ׳האָב אים געשפּייזט צוביס-לעך, בהדרגה, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו קנאַקן און טראַסקען, אַרומכאַפּנדיק די קלענערע שטיקלעך.

דאָס האָב איך גאָרנישט אריינגערעכנט אין מיינע פּלענער —דאָס זיין פאַרוואָרפן אויף אַן אינזל, און אַזוי-אַרום האָבן מיר נישט געהאַט קיין קעסל אָדער קיך-געשיר; אָבער כ׳האָב מיך באַנוצט מיט דער כלי, מיט וועלכער כ׳האָב געשעפּט דאָס וואַ-סער פון שיפל, און שפּעטער, נאָכן אויפעסן דעם זאַפּאַס פון זי-סע זאַכן, האָבן מיר אָנגעזאַמלט אַן אימפּאָנירנדיקע ריי פון קיך-געשיר.

כ׳האָב אויפגעקאָכט דאָס וואַסער, אָבער מאַוד האָט גע-מאַכט די קאַווע. און ווי גוט איז דאָס געווען! מיין צושטייער איז געווען געבראָטן אָקסן-פלייש מיט ים-סוכאַרעס און וואַסער.

דאָס פרישטיק איז געווען פּרעכטיק, און מיר זענען גע-

זעסן ביים פייער א סך לענגער ווי אונטערנעמער-אויספּאָרשער, געזיפּט די הייסע קאַווע און געשמועסט וועגן אונזער סי-טואַציע.

כ׳בין געווען האַפּערדיק, אַז מירן געפינען עפּעס אַ סטאַדע אין אַ הייל, ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז אויף אַזאַ אופן ווערן געהיטן די נעסטן אין מיטן ים.

אָבער מאַוד איז אַרויס מיט אַ טעאָריע, כדי צוצוגרייטן מיך צו דער אַנטוישונג, - אַז מיר האָבן אַנטדעקט אַן אומבאַ-קאַנטע נעסט.

אָבער זי איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און זיך פריילעך געמאַכט, אַננעמענדיק אונזער לאַגע פאַר אַן ערנסטע.

„אויב איר זענט גערעכט״, האָב איך געזאָגט, „מוזן מיר זיך צוגרייטן צו ווינטערן דאָ. די שפּייז וועט נישט קלעקן, אָבער מיר האָבן דאָ פּאַקעס, זיי גייען שנעל אוועק פון דאַנען, דעריבער מוז איך וואָס שנעלער אָנגרייטן אַ זאַפּאַס. דאַן דאַרף מען אויפבויען שטיבלעך און אָנקלייבן האָלץ, און אויך באַ-אַרבעטן זייער פעטס צוליב ליכט-צוועקן. אַרום און וועלן מיר האָבן אַ סך אַרבעט, אויב די אינזל איז אַ נישט-באַוווינטע. אָבער איך ווייס, אַז ס׳איז נישט אַזוי.״

אָבער זי איז געווען גערעכט. מיר זענען געשוווּמען מיט אַ ווינט לענג-אויס דעם ברעג, געבישטערט די היילן מיט אונ-זערע שפּאָקטיוון און ביי אַ געלעגנהייט אַרויפגעזעצט זיך אויף דער יבשה, נישט געפינענדיק קיין סימן פון אַ מענטשלעכן לעבן.

דאָך זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז מיר זענען נישט די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזעצט אויפן דאָזיקן אינזל. הויך אויפן ברעג פון דער צווייטער הייל פון אונז, האָבן מיר אַנט-דעקט די צעבראָכענע שטיקער פון אַ שיפל—פון אַ פּאַקע-יעגערס שיפל, מחמת די וויעסלע-שטריק זענען געווען צוגעבונדן מיט אַ ברייטן שטריק, אויף דער רעכטער זייט איז געלעגן אַ ראַניעץ פאַר קוילן און אין ווייסע אותיות האָט מען קוים אָנגעזען

גאָזעל נומער 2. דאָס שיפל ליגט שוין דאָרט אַ זייער לאַנגע צייט, מחמת ס׳איז געווען האַלב פאַרשיט מיט זאַמד, און דאָס צעבראָכענע געהילץ האָט געהאַט יענעם מין וועטער-מידן אויסזען, וואָס קומט נאָך אַ לאַנגן אויסגעשטעלט זיין אויף די עלעמענטאַרסטע כּוחות. אין די לײַלעכער פון דזשאָב האָב איך געפונען אַ פאַרזשאַווערטע צען-קיליקע ביקס און אַ מאַטראָזיש שייד-מעסער איבערגעבראָכן און אַזוי פאַרזשאַווערט, אַז מ׳האָט עס כּמעט נישט דערקאָנט אַלס אַזעלכעס.

„זיי זענען אַוועק״, האָב איך פריילעך געזאָגט, אָבער אין האַרצן האָט זיך בײַ מיר עפּעס אָפּגעריסן און ס׳האָט זיך גע-דאַכט, אַז עס האָט דאָס פאַרגעפיל פון דער אָנוועזנהייט פון בלאַסע בײַנער ערגעץ אויפן ברעג.

כ׳האָב נישט געוואָלט קאַליע מאַכן מאָודס שטימונג צוליבן דאָזיקן געפינס, דעריבער האָב איך מיך אויסגעדרייט אין דער ים-ריכטונג און אַרומגעוואַנדערט דעם צפון-מזרח-פּונקט פון דער אינזל.

אויפן דרום-ברעג זענען נישט געווען קיין שום זאַמדן און באַלד נאָכמיטאָג זענען מיר אַרומגעפאָרן דעם שוואַרצן פּאַס ערד און פאַרענדיקט די רונדרייזע פון דער אינזל. כ׳האָב אָפּגעשאַצט איר דיאַמעטער אויף 25 מייל, די ברייט האָט זיך געוואַקלט פון 2 ביז 5 מייל, בעת מיין העכסט-קאָנסערוואַטיווער חשבון האָט אַוועקגעזעצט אויף זייערע ברעגעס 200 טויזנט פּאָקעס.

די אינזל איז געווען אַמהעכסטן בײַ איר עקסטרעמסטן דרום-מערב-פּונקט, די אַרויסגעשטאַרצטע שטיקער יבשה אין רוקן האָבן זיך פאַרקלענערט רעגולער, ביז דער צפון-מזרח טייל איז געווען בלויז אַ פּאָר פוס העכער איבערן ים.

מיטן אויסנאַם פון אונזער קליינער חיל, האָבן זיך די אַנדערע ברעגן אַראָפּגענידערט אויף אַ שטח פון אַ האַלבן מייל. און ווי כ׳וואָלט דאָס געקאָנט אָנרופן, פּעלזיקע לאַנקעס, און דאָ און דאָרט פּאַסמעס מעך און טונדראַ-גראָז. דאָ האָבן זיך אויס-געצויגן די פּאָקעס און די אַלטע זכרים האָבן זיך געהיטן זייערע

האַרעמס, בעת די יונגע האָבן זיך אויך אויסגעצויגן.

דאָס איז די קורצע באַשרייבונג, וואָס דאָסדאָזיקע אינזל האָט פאַרדינט.

פייכט און נעפּלדיק, ווו ס'איז נישט געווען האַרט און פעלזיק, געבלאָזן פון שטורעמווינט און געשטויסן פון ים, מיט דער לופט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ציטערן און מיטן געבריל פון 200 טויזנט אַמפיביעס, איז זי געווען אַ מעלאַנכאָליש און נעבעכדיק וווין־אָרט.

מאָוד, וואָס האָט מיך צוגעגרייט צו דער אַנטוישונג, און וואָס איז געווען אויפגערוימט און לעבהאַפט אַ גאַנצן טאָג, האָט צוזאַמענגעבראָכן, בעת מיר האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין אונזער קליינער הייל. זי האָט העלדיש געקעמפט צו באַהאַלטן דאָס פאַר מיר, אָבער בשעת כ'האָב אָנגעצונדן אַן אַנדער פייער, האָב איך געוווּסט, אַז זי דערשטיקט אירע זיפצן אין די קאָלדרעס אונטער דעם זעגל־געצעלט.

דאָס איז געווען מיין ריי צו זיין אויפגערוימט, און כ'האָב געשפּילט די ראָלע ווי כ'האָב געקאָנט אַמבעסטן און מיט אַזאַ דערפאָלג, אַז כ'האָב צוריקגעבראַנגט דאָס געלעכטער אין אירע טייערע אויגן און דעם געזאַנג אויף אירע ליפּן: מחמת זי האָט פאַר מיר געזונגען איידער זי איז געגאַנגען שלאָפן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס כ'האָב זי געהערט זינגען, און איך בין געלעגן ביים פייער, אַ פאַרכישופטער געהאָרכט, ווייל אין אַלץ וואָס זי האָט געטון איז זי געווען אַ קינסטלערין, און איר שטים, הגם נישט קיין שטאַרקע, איז געווען ווונדערבאַר זיס און אויסדרוקספול.

כ'בין נאָך געשלאָפן אין שיפל, און כ'בין לאַנג געווען וואַך יענע נאַכט, קוקנדיק אויף די ערשטע שטערן, וואָס כ'האָב זיי געזען אין משך פון אַ סך נעכט און זיך פאַרטראַכט וועגן דער סיטואַציע.

אַזאַ מין פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געווען אַ נייעס פאַר מיר. וואָלף לאַרסען איז גאַנץ געדעכט געווען. כ'בין געשטאַנען אויף מיין פאַטערס פיס.

מיינע אדוואקאטן און שליחים האבן שוין געזארגט פאר מיר. כ׳בין פאר גארנישט נישט פאראנטווארטליך. דאן האב איך מיך אויפן געשפעטסט אויסגעלערנט זיין פאראנטווארטלעך פאר זיך. און איצט, דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן, בין איך געווען פאראנטווארטלעך פאר אן אנדערן. און דאס האט געדארפט זיין די ערנסטסטע פאראנטווארטלעכקייט, מחמת זי איז געווען די איינציקע פרוי אין דער וועלט — די איינציקע קליינע פרוי, ווי כ׳האב ליב געהאט צו טראכטן פון איר.

קאפיטל עלף.

נישט קיין חידוש, וואס מיר האבן זי אנגערופן פרוי-אינזל.

אין משך פון צוויי וואכן האבן מיר שוין געארבעט אויף אויפצושטעלן א הייזל.

מאוד האט ענערגיש געפאדערט, אז זי זאל צוהעלפן און איך האב שיער געוויינט איבער אירע אפגעבריטע און צעבלוטיקטע הענט און דאך בין איך טאקע דערפאר געווען שטאלץ מיט איר.

עפעס העראאישס איז געווען אין דעדראזיקער איידל-דערצויגענער פרוי, וואס ליידט-מיט אונזערע שרעקלעכע נויטן און מיט איר שוואכער קראפט, אונטערגעבנדיק זיך די אויפגאבן פון א פויערשער פרוי.

זי האט צונויפגעקליבן א סך פון די שטיינער, פון וועלכע כ׳האב אויפגעבויט די ווענט פון הייזל; זי איז געבליבן טויב צו אלע מיינע בקשות, בעת כ׳האב זי געבעטן אויפהערן.

זי האט אבער געמאכט א קאמפראמיס, נעמענדיק אויף

זיך די גרינגערע ארבעטן פון קאָכן און זאַמלען שפּענער און מעך פאַר אונזערע ווינטערדיקע זאַפּאַסן.

די ווענט פון הייזל זענען אַנטשטאַנען אָן שוועריקייטן, און אַלץ איז געגאַנגען גוט, ביז ס'איז געקומען צום דאַך. וואָס פאַרא נוצן וועלן מיר האָבן פון פיר ווענט? און אַ דאַך?

און וואָס קאָן מען מאַכן אַ דאַך? אמת, ס'זענען פאַראַן צו עטלעכע וויעסלעס. זיי וועלן דינען אַלס דאַך-בעלקעס, אָבער מיט וואָס וועל איך זיי באַדעקן? מעך וועט נישט טויגן. שונדרא גראָז איז נישט פּראַקטיש. די זעגל האָבן מיר געדאָרפן פאַרן שיפל, און דער ברייטער היט האָט אָנגעהויבן צו רינען.

„ווינטערס האָט באַנוצט פעל פון די ים-פערד פאַר זיין הייזל,” האָב איך געזאָגט.

„ס'זענען פאַראַן פאָקעס”, האָט זי מרמז געווען.

און אַזוי נאָך האָבן מיר צומאָרגנס אָנגעהויבן דאָס בעיעג.

כ'האָב נישט געקאָנט שיסן, אָבער כ'האָב מיך געלערנט. און בעת כ'האָב אויסגענוצט עטלעכע דרייסיק שרויטן אויף דריי פאָקעס, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז די אַמוניציע וועט אויסגעשעפּט ווערן נאָך איידער כ'וועל מיך עפּעס אויסלערנען. פאַרן אָנצינדן אַ פייער האָב איך אויסגענוצט אַ סך שרויטן, איידער כ'בין געפאַלן אויפן פּלאַן אָנצופילן די צעבערס מיט באַסן מעך און אין קעסטל איז שוין נישט געבליבן מער ווי צוויי שרויטן.

„מיר מוזן דערהרגענען די פאָקעס מיט שטעקנס”, האָב איך דערקלערט, ווען כ'האָב מיך איבערצייגט אין מיין שלעכט שיסן, „כ'האָב געהערט ווי די פאָקע-יעגערס רעדן וועגן דער-הרגענען מיט שטעקנס”.

„זיי זענען אַזוי שיין”, האָט זי אָקעגנגעזאָגט. „כ'קאָן נישט ליידן אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם. דאָס איז אַזוי ברוטאַל, איר ווייסט דאָך, גאָר אַנדערש ווי דאָס דערשיסן זיי.”

„דער דאַך מוז געמאַכט ווערן,” האָב איך געענטפערט

פינצטער. „דער ווינטער איז שוין באַלד דאָ. אונזער לעבן שטייט קעגן זייערס. צום אומגליק האָבן מיר נישט קיין סך אַמוניציע. אָבער איך דענק, אַז זיי ליידן אַ סך ווינציקער, בעת מען דערהרגעט זיי מיט אַ שטעקן, ווי דורכן שיסן. איבעריקנס, וועל איך דאָס טון."

„אָט אַזוי", האָט זי גיריק אָנגעהויבן, און פּלוצלונג איבער־געריסן אַ צעמישעע.

„נאַטירלעך", האָב איך אָנגעהויבן, „אויב איר ווילט ליבערשט — —".

„אָבער וואָס וועל איך טון?" האָט זי איבערגעריסן מיט יענער ווייכקייט, וועלכע איז, ווי כ׳ווייס, געווען אַ מאָגנע־דיקע.

„קלויבן האָלץ און קאָכן מיטאָג", האָב איך פריילעך געענטפערט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„ס׳איז צו געפערלעך פאַר אייך, אַז איר זאָלט פּרווון אַליין!"

„כ׳ווייס, כ׳ווייס", האָט זי איינגעשטילט מיין פּראָטעסט. „כ׳בין בלויז אַ שוואַכע פרוי, אָבער טאָקע מיין קליינע הילף קאָן אייך געבן די מעגלעכקייט אויסצומיידן אַן אומגליק".

„אָבער דאָס הרגענען מיטן שטעקן"? האָב איך מרמז געווען.

„נאַטירלעך, איר וועט דאָס טון. כ׳וועל ווארשיינלעך שרייען. כ׳וועל אַוועקקוקן ווען — —".

„די געפאַר איז זייער אַן ערנסטע", האָב איך גע־לאַכט.

„כ׳וועל אויסנוצן דעם מאָמענט, ווען צו קוקן און ווען נישט", האָט זי געענטפערט מיט אַ גרויסאַרטיקער מינע.

דער סוף איז געווען, אַז צומאַרגנס האָט זי מיך באַ־גלייט.

איך בין אַדורכגעגאַנגען די שכנותדיקע הייל און פון דאָרט ביזן עק ברעג.

אין וואַסער אַרום אונז זענען געווען פּאַקעס און די קוויטשענדיקע טויזנטער האָבן אונז געצוווּנגען צו שרייען הויך, כדי מיר זאָלן דערהערן, וואָס מיר רעדן.

„כ׳ווייס, אַז מענטשן דערהרגענען זיי מיט די שטעקנס", האָב איך געזאָגט, באַמיענדיק זיך אַליין איבערצוצייגן אין דעם, און מיט צווייפל געקוקט אויף אַ גרויסן זכר, נישט ווייט, 30 טריט, וואָס איז געשטאַנען אויף די פּאָדערשטע לאַפּעס און מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט. אָבער די פראַגע איז — ווי אַזוי זיי דער־הרגענען זיי?"

„לאָמיר אָנקלויבן טונדרא־גראָז און באַדעקן דעם דאַך", האָט מאָוּד געזאָגט.

זי איז געווען איבערגעשראָקן, פּונקט ווי איך, און מיר האָבן געהאַט אַ גרונט דערצו, קוקנדיק פון דער נאָענט אויף די בלישטשענדיקע ציין און פּיסקעס ענלעכע צו הינטישע.

„כ׳האָב שטענדיק געמיינט, אַז זיי ד׳האָבן מורא פאַר מענטשן", האָב איך געזאָגט.

„פונוואַנען ווייס איך, אַז זיי האָבן נישט קיין מורא?" האָב איך געפרעגט אין אַ ווייל שפּעטער, נאָכדעם ווי כ׳האָב געמאַכט אַ פּאָר ווייטערדיקע טריט. „אפשר, אויב כ׳וועל דרייסט שפּרייזן אויפן ברעג, וועלן זיי מאַכן אַ ויברח און כ׳וועל קיין איינעם נישט דעריאָגן."

און כ׳האָב מיך אַליין געקווענקלט.

„כ׳האָב אַמאָל געהערט וועגן אַ מענטש, וואָס האָט אָקו־פּירט די נעסטן פון ווילדע גענז", האָט מאָוּד געזאָגט. „זיי האָבן אים דערהרגעט."

„די גענז?"

„יאָ, די גענז!" מיין ברודער האָט מיר דאָס דערציילט, ווען כ׳בין געווען אַ קליין מיידל."

„אָבער כ׳ווייס, אַז מענטשן דערהרגענען זיי מיט שטעקנס" האָב איך זיך געהאַלטן ביי ס׳מיינס.

„כ׳דענק, אַז דאָס טונדרא־גראָז וועט זיין פּונקט גוט פאַר אַ דאַך," האָט זי געזאָגט.

נישט האָבנדיק דאָס אין זינען, האָבן אירע ווערטער מיך משוגע געמאַכט, מיך געשטופּט ווייטער. כ׳האָב נישט געקענט שפּילן פאַר איר די ראָל פון אַ פּחדן.

„דאָ גייט עס״, האָב איך געזאָגט, שטופּנדיק וואַסער מיט איין וויעסלע און געטריבן דעם דזשאָב צום ברעג.

כ׳בין אַרויסגעטרעטן פאָרויס און געוואַלטזאַם אָנגעפאַלן אויף אַ לאַנג-גריוועדיקן זכר אינמיטן פון זיינע ווייבער. כ׳בין געווען באַוואָפנט מיטן שטעקן, מיט וועלכן די שיפל-שלעפּער דערהרגענען די פאַרווונדעטע פּאָקעס, וואָס ווערן אַרויפגעשלעפּט דורך די יעגער אויפן דעק.

ער האָט געהאַלטן אַנדערטהאַלבן פּיס די לענג, און אין מיין העכסטער עם-הרצות האָט זיך מיר קיינמאָל נישט גע- חלומט, אַז דער שטעקן, וואָס ווערט באַנוצט אויפן ברעג, בעת מ׳באַפאַלט די פּאָקעס-נעסט, האַלט פון פיר ביז פינף פוס. די נקבות זענען אַוועק פון מיין וועג, און ס׳איז קלענער געוואָרן דער שטח צווישן מיר און דעם זכר. מיט אַ בייזער באַוועגונג האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די לאַפּעס.

מיר האָבן זיך געפונען ווייט איינער פון צווייטן אַ צוועלף פוס. כ׳בין אַלץ כסדר געגאַנגען, וואַרטנדיק, אַז ער זאָל זיך אַ ליאַדע מינוט אויסדרייען מיטן וויידל און אַנט- לויפן.

געפינענדיק זיך זעקס פוס ווייט, האָט מיך אַרומגענומען אַ פּאַנישער שרעק, און וואָס וועט זיין, ווען ער וועט נישט אַנטלויפן? נו, דאַן וועל איך אים דערהרגענען — האָב איך מיר אַליין געענטפערט.

אין מיין שרעק האָב איך פאַרגעסן, אַז כ׳דאַרף כאַפּן דעם זכר, נישט צווינגען אים צו אַנטלויפן. און טאַקע דעמאָלט האָט ער געגעבן אַ שנאָרך, זיך איינגעקורטשעט און זיך געלאָזט לויפן צו מיר.

זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, זיין פּיסק איז געווען ברייט אָפן, די ציין האָבן אכזריותדיק געגלאַנצט ווייס. נישט שעמענ- דיק זיך, מוז איך מודה זיין, אַז איך האָב מיך אויסגעדרייט

און אָנגעהויבן צו יאָגן.

ער איז געלאָפן אומגעלומפּערט, אָבער גוט. ער איז געווען צוויי טריט ווייט פון מיר, בעת כ׳בין אַריינגעפאַלן אין שיפל, און בעת כ׳בין אַוועקגעשווומען מיטן שיפל, האָבן זיינע ציין פאַרטשעפּעט די פעדער.

דאָס שטאַרקע האַלץ איז צעריבן געוואָרן ווי אַן איי-שאָלעכץ.

מאַוּד און איך זענען געבליבן דערשטוינט. אַ מינוט שפּעטער האָט ער זיך אונטערגעטונקען אונטערן שיפל, אָנ-געכאַפּט דעם קיל מיטן פּיסק און געוואַלדיק געטרייסלט מיטן שיפל.

„גאָט מיינער!" האָט מאַוּד געשריגן, „לאָמיר צוריק-גיין". כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„כ׳קאָן טון, וואָס אַנדערע מענטשן האָבן געטון, און כ׳ווייס, אַז אַנדערע מענטשן האָבן דערהרגעט פּאָקעס. אָבער כ׳מיין, אַז צום צווייטן מאָל וועל איך איבערלאָזן די זכרים אַליין".

„כ׳וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט דאָס נישט טון", האָט זי געזאָגט.

„איצט זאָגט נישט „ביטע, ביטע", האָב איך געשריגן האַלב בייז, אַזוי גלייב איך.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, און כ׳האָב געוווסט, אַז מיין טאָן האָט זי מסתמא באַליידיקט.

„כ׳בעט אייך איבער", האָב איך געזאָגט, אָבער גיכער געשריגן, כדי זי זאָל מיך דערהערן אינמיטן פון די געוואַלטן און קולות פון די פּאָקעס-נעסט. „אויב איר זאָגט אַזוי, וויל איך אויסדרייען און צוריקפאָרן; אָבער ערנוואָרט, כ׳וויל גיכער אי-בערבלייבן."

„איצט זאָגט נישט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס איר פירט מיט זיך אַ פּרוו", האָט זי געזאָגט.

זי האָט צו מיר געשמייכלט קאַפּריזנע-הערלעך און כ׳האָב געוווסט, אַז מ׳דאַרף נישט בעטן אַנטשולדיקונג.

כ׳האָב געוויעסלעוועט אַ פּאָר הונדערט פוס לענג־אויס דעם ברעג, כּדי צו שטאַרקן מיינע נערוון און דאַן ווידער אַרויף אויפן ברעג.

„זייט פאָרזיכטיק”, האָט זי מיר נאָכגעשריגן.

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ און ווייטער געגאַנגען מאַכן אַ שטאָק אויפן פלאַנק פון באַנטסטן האַרעם.

אַלץ איז געגאַנגען גוט, ביז כ׳האָב געצילט צו געבן אַ קלאַפּ אויף אַן אַרויסגעשטרעקטן קאָפּ פון אַ קו, און ס׳איז מיר נישט געלונגען.

זי האָט געשנאָרכט און זיך באַמיט אָוועקצוקריכן. כ׳בין צוגעלאָפן און געגעבן אַ צווייטן זעץ, טרעפנדיק אין פּלייצע אַנשטאָט אין קאָפּ.

„היט אייך!” האָב איך געהערט מאוד שרייען.

בשעת מיין אויפרעגונג, האָב איך נישט געלייגט קיין אַכט אויף אַנדערע זאַכן, און כ׳האָב מיך אומגעקוקט און דער־זען ווי דער האַר פון האַרעם פאַלט אָן אויף מיר. ווידער בין איך צוגעלאָפן צום שיפל, אָבער דאָסמאָל האָט שוין מאוד נישט דערמאָנט וועגן צוריקפאָרן.

„ס׳וואָלט געווען בעסער, שטעל איך מיר פאָר, אויב איר וועט צורו לאָזן די האַרעמס און ווידמען אייער אויפמערקזאַמ־קייט די איינזאַמע און אומשולדיק־אויסקוקנדיקע פּאָקעס”, האָט זי געזאָגט. „ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב עפּעס געלייענט וועגן דעם, כ׳מיין ד״ר דזשאָרדאַנס בוך. זיי זענען יונגע זכרים, נישט גענוג אַלט, אַז זיי זאָלן האָבן אייגענע האַרעמס. ער רופט זיי אָן האָלוטשיקיס, אָדער ענלעך צו דעם. ס׳דאַכט זיך מיר, אַז מירן אויסזוכן, וווּ זיי קריכן אַרויס.”

„ס׳דאַכט זיך מיר, אַז אייער קאַמף־אינסטינקט האָט זיך דערוועקט”, האָב איך געלאַכט.

זי איז שנעל רויט געוואָרן.

„כ׳בין זיך מודה, אַז כ׳האָב נישט ליב קיין מפּלות, ווי איר, אָדער ווי די אידיי צו הרגענען אַזעלכע שיינע, אומשול־דיקע באַשעפענישן.”

„שיין?" האָב איך אַרויסגעפּלאַצט. „ס'איז מיר נישט געלונגען צו באַמערקן עפּעס גאָר שיינס ביי דידאָזיקע שוימיקע חיות, וואָס האָבן מיך געיאָגט."

„אייער שטאַנדפּונקט", האָט זי געלאַכט. „ס'פעלט אייך פּערספּעקטיוו. איצט, אויב איר דאַרפט נישט צוגיין נאָענט צו דער טעמע — —."

„אָט דאָס איז עס!" האָב איך געשריגן. „איך דאַרף האָבן אַ לענגערן שטעקן, און דאָרט איז אונטער דער האַנט יענע צעבראָכענע וויעסלע".

„כ'דערמאָן מיך", האָט זי געזאָגט, אַז קאַפּיטאַן לאַרסען האָט מיר דערציילט ווי די מענטשן פאַלן אָן אויף די פּאָקענעסטן. זיי טרייבן די פּאָקעס אין קליינע סטאַדעס, אַ קורצן שטח אויף דער יבשה, איידער זיי דערהרגענען זיי".

„ס'גלוסט זיך מיר גאָרנישט נעמען אויף זיך די אָנפירונג פון אַזאַ סטאַדע", האָב איך אָקעגנגעענטפערט.

„אָבער דאָרט זענען פאַראַן די האָלוטשיקיס", האָט זי געזאָגט. „די האָלוטשיקיס קריכן אַליין אַרויס. און ד"ר דזשאָרדאַן זאָגט, אַז אינמיטן די סטאַדעס ווערן איבערגעלאָזט סטעזשקעס, און כּל-זמן די האָלוטשיקיס האַלטן זיך ביי די סטעזשקעס, און זיי ווערן נישט באַאומרויקט דורך די אייגנטימער פון האַרעמס".

„אָט איז איינער," האָב איך געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ יינגן אָקס אין וואַסער. „לאָמיר אים היטן און אים נאָכגיין, אויב ער קריכט אַרויס".

ער איז גלייך צוגעשווומען צום ברעג און אַריינגעקראָכן אין אַ קליינער עפענונג צווישן די צוויי האַרעמס, וועמעס אייגנטימער האָבן געמאַכט אַ געוואַלד, אָבער זיי האָבן אים נישט אַטאַקירט.

מיר האָבן געזען, ווי ער גייט זיך ווייטער אינעווייניק, טרעטנדיק אין האַרעם לענג-אויס די שטשעזקע.

„אָט דאָ גייט ער," האָב איך געזאָגט, אַרויסגייענדיק פאָרויס; אָבער כ'בין זיך מודה, אַז מיין האַרץ האָט שטאַרק

געקלאפּט, אַז כ׳גיי אַריין אין סאַמע מיטן פון דערדאָזיקער שרעקלעכער סטאַדע.

„מ׳וואָלט קלוג געטון, אויב מ׳וואָלט געפאָרן שנעל מיטן שיפל", האָט מאַוד געזאָגט.

זי איז אַרויס נאָך מיר, און מיט באַוווּנדערונג האָב איך זי באַטראַכט.

זי האָט אַנטשלאָסן געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„יאָ, כ׳גיי מיט אייך מיט, און איר קאָנט גוט פאַרזיכערן דאָס שיפל און מיך באַוואָפענען מיט אַ שטעקן."

„לאָמיר צוריקגיין", האָב איך געזאָגט נישט-ווילנדיק. „כ׳מיין, אַז נאָך אַלעם וועט דאָס טונדראַ-גראָז אויך גוט זיין".

„איר ווייסט, אַז נישט", האָט זי געענטפערט. „זאָל איך אָנפירן?"

מיט אַ צוק מיט די אַקסלען, אָבער מיט דער וואַרעמסטער באַוווּנדערונג און אינערלעכן שטאָלץ פאַר דער פרוי, האָב איך זי באַוואָרנט מיט אַ צעבראָכענער וויעסלע און האָב מיר גענומען אַן אַנדערע.

מיט אַ נערוועזער ציטערניש האָבן מיר געמאַכט די ערשטע פאָר טריט פון דער נסיעה. איינמאָל האָט מאַוד פאַר שרעק אַ געשריי געטון, ווען אַ קו האָט אַריינגעשטופּט איר נייגעריקע נאָז צו אירע פיס, און עטלעכע מאָל האָב איך פאַר־שנעלערט דעם גאַנג צוליב דערזעלבער סיבה.

אָבער חוץ וואָרנענדיקע הוסטן פון ביידע זייטן, איז נישט געווען צו באַמערקן קיין שום סימן פון פיינטלעכקייט. דאָס איז געווען אַ נעסט, וואָס איז קיינמאָל נישט באַפאַלן געוואָרן פון יעגער און דעריבער זענען די פּאָקעס געווען גוט־געשטימט און גלייכצייטיק נישט קיין מורא געהאַט.

אין סאַמע מיטן פון דער סטאַדע איז געווען אַן אומבאַ־שרייבלעך גערויש.

עס האָט כמעט צעטומלט. כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט און האָפּערדיק געשמייכלט צו מאַודן, ווייל כ׳בין צוריקגעקומען צו דער גלייכגעוויכט פריער ווי זי. כ׳האָב געזען, אַז זי איז נאָך

שטאַרק איבערגעשראָקן. זי איז צוגעקומען צו מיר און גע־שריגן:

„כ׳האָב שרעקלעך מורא!"

און איך האָב נישט קיין מורא געהאַט, הגם די איבעראַשונג איז נאָך נישט אַוועק, האָט די רויקע אויפפירונג פון די פאָקעס באַרויקט מיין שרעק. מאַוד האָט געציטערט.

„כ׳האָב מורא און כ׳האָב נישט קיין מורא", האָט זי געפּלוידערט מיט טרייסלענדיקע באַקן. „דאָס ציטערט אַזוי מיין אָרעמער גוף, נישט איך".

„ס׳איז אַלץ גוט, ס׳איז גוט", האָב איך זי באַרויקט, און מיין אָרעם האָט זי אינסטינקטיוו און ווי באַשיצנדיק אַרומ־גענומען.

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי אין יענעם מאָמענט האָב איך באַלד דערשפּירט מיין מענלעכקייט. די פּרימיטיווע טיפקייטן פון מיין נאַטור האָבן זיך אַריר געטון. איך האָב מיך געפילט אַלס אַ מאַנספּערזאָן, דער באַשיצער פון די שוואַכע, דער קעמפנדיקער זכר. און מער פון אַלעם האָב איך מיך געפילט אַלס באַשיצער פון מיין געליבטע.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף מיר, אַזוי לייכט און צאַרט ווי אַ ליליע, און ווען זי האָט אויפגעהערט צו ציטערן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳האָב באַקומען אַ געוואַלדיקע קראַפט. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳בין אַ גוטער קאָנקורענט פון דעם ווילדסטן אָקס אין דער סטאַדע, און כ׳ווייס, אויב אַן אָקס וואָלט מיך באַפאַלן, וואָלט איך אים אָקעגנגעגאַנגען אָן ציטער און קאַלט־בלוטיק, און כ׳ווייס, אַז כ׳וואָלט אים דערהרגעט.

„ס׳איז אַלץ גוט", האָט זי געזאָגט, קוקנדיק דאַנקבאַר אויף מיר, „לאָמיר ווייטער גיין".

און דאָס, וואָס מיין קראַפט האָט זי באַרויקט און איר צוגעגעבן צוטרוי, האָט מיך אָנגעפילט מיט התלהבותדיקער פריייד.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳קאָכט אין מיר די יוגנט פון דער ראַסע, ווי כ׳בין נישט געווען אַן איבערציוויליזירטער

מענטש, און כ׳לעב מיר די אַלטע יעגער־טעג און וועלדער־נעכט פון מיינע ווייטע און פאַרגעסענע אורעלטערן. כ׳האָב אַ סך צו דאַנקען וואָלף לאַרסענען, האָב איך מיר געטראַכט, בשעת מיר זענען געגאַנגען אין מיטן פון דעם שרייענדיקן האַרעם.

אַ פערטל מייל אויף דער יבשה האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די האָלוטשיקס, יונגע אָקסן, וואָס האָבן געפירט אַן איינזאַם בחוריש לעבן און געקליבן כּוחות אויפן טאָג, ווען זיי וועלן זיך אויסקעמפן זייער וועג אין די רייען פון די געבענטשטע.

איצט איז אַלץ געגאַנגען כּשורה. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳ווייס וואָס און ווי אַזוי צו טון. שרייענדיק, מאַכנדיק דראָענדיקע זשעסטן מיט מיין שטעקן, און אַפילו שטויסנדיק די פוילע, האָב איך שנעל אַרויסגעכאַפּט אַ צענדליק יונגע בחורים פון זייערע חברים, ווען עמעצער פון זיי האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אַריינצולויפן אין וואַסער אַריין, האָב איך אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

מאָוד האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינם געיעג, און מיט אירע געשרייען און קלאַפּן מיט דער צעבראָכענער וויעסלע האָט זי מיר באַדייטנדיק צוגעהאָלפן.

איך האָב אויך באַמערקט, אַז בעת זי האָט געזען אַ מידן און פוילן, האָט זי אים אַדורכגעלאָזט.

כ׳האָב אָבער אויך באַמערקט, אַז ווען עמעצער האָט מיט אַ מינע פון קאַמף געוואָלט גיין צוריק, האָבן אירע אויגן אויפגעבליצט און זי האָט אים צעשפּאָלטן מיטן שטעקן.

„גאָט מיינער, ווי אויפרעגנדיק!" האָט זי געשריגן, אָפּשטעלנדיק זיך צוליב אַ בלויזער שוואַכקייט. „כ׳מיין, אַז כ׳וועל מיר אַ ביסל אַנידערזעצן".

איך האָב געטראָגן די קליינע סטאַדע (אַ שטאַרקן טוץ), אַ 100 יאַרד ווייטער; און ווען זי האָט זי פאַרייניקט מיט מיר, האָב איך געהאַט פאַרענדיקט די שחיטה און אָנגעהויבן אַראָפּצוציען די פעל.

אין אַ שעה אַרום זענען מיר שטאָלץ צוריקגעפאָרן לענג־

אויס דער שטשעזקע צווישן די הארעמס. און צוויי מאָל זענען מיר צוגעקומען צו דער שטשעזשקע באַלאַדן מיט די פּעל, ביז כ'האָב געהאַלטן, אַז מיר האָבן שוין גענוג אויף צו דעקן דעם דאַך.

כ'האָב אַרויפגעזעצט דעם זעגל, אַרויסגענומען אַ האַק פון דער הייל, און אויף אַן אַנדערן געמאַכט אונזער קליינע אײַנגערלעכע הייל.

„ס'זעט אויס, ווי מ'וואָלט אַהיימגעקומען", האָט מאָוד געזאָגט, אַרויפבריענגנדיק דאָס שיפל אויפן ברעג.

כ'האָב געהאָרכט אירע ווערטער מיט אַ קעגנזייטיקער אַנטציקונג, אַלץ איז געווען אַזוי ליבלעך אינטים און נאַטירלעך, און כ'האָב געזאָגט:

„ס'דאַכט זיך, אַז כ'האָב שטענדיק געפירט אַזאַ לעבן. די וועלט פון ביכער און די ביכער מענטשן איז זייער אומבאַשטימט מער ענלעך צו אַ זכרון פון אַ חלום ווי אַ רעאַליטעט. כ'האָב אַוודאי געיאָגט און געקעמפט מיין גאַנץ לעבן, און אויך איר זענט, דאַכט זיך, אַ טייל דערפון, איר זענט — —" כ'האָב שוין געהאַלטן ביים זאָגן: „מיין פרוי, מיין חבר", נאָר באַלד פאַרענדיקט — „גוט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען".

אָבער איר אויג האָט דערכאַפּט מיין געדאַנק. זי האָט דערקענט אַ געדאַנק, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן.

זי האָט אויף מיר שנעל אַ קוק געטון.

„נישט דאָס, איר האָט געזאָגט — —".

„אַז די אַמעריקאַנערין מיסיס מיינעל האָט געפירט אַ ווילדפּרימיטיוו לעבן און געלעבט דערפאָלגרייך", האָב איך רויִק געזאָגט.

„אָ!" האָט זי בלויז געענטפערט אויף דעם, אָבער כ'האָב געקאָנט שווערן, אַז אין איר שטים הערט זיך אַ טאָן פון אַנטוישונג.

אָבער „מיין פרוי, מיין חבר" האָט מיר אַלץ געקלונגען אין מיינע אויערן אין משך פון אַ סך טעג, אָבער קיינמאָל האָט

עס נישט העכער געקלונגען, ווי אין יענער נאַכט, בעת כ׳האָב מיך צוגעקוקט, ווי זי נעמט אַוועק די קאָלדרע פון מעך פון די קוילן, בלאָזט דאָס פייער און קאָכט דאָס אָוונטברויט. ס׳האָט אין מיר געמוזט דרימלען אַ פּרימיטיווקייט, ווייל די אַלטע ווערטער, וואָס זענען אַזוי פאַרבונדן מיטן שורש פון דער ראַסע, האָבן מיך אַרומגענומען און אַנטציקט, און זיי האָבן מיך אַרומגענומען און אַנטציקט, ביז כ׳בין איינגעשלאָפן, שעפּטשנדיק זיי נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

קאַפּיטל צוועלף.

„ס׳וועט שמעקן״, האָב איך געזאָגט, אָבער ס׳וועט איינהאַלטן די היץ און פאַרהאַלטן רעגן און שניי.״

מיר האָבן באַטראַכט דעם פאַרענדיקטן דאַך פון פאַקעספּעל.

„ס׳איז אומגעלומפּערט, אָבער ס׳וועט דינען זיין צוועק, און דאָס איז דער עיקר״, האָב איך ווייטער געזאָגט, גאַרנדיק נאָך איר לויב.

און זי האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געזאָגט, אַז זי איז שטאַרק צופרידן.

„אָבער ס׳איז פינצטער אינעווייניק״, האָט זי באַלד געזאָגט און אירע פּלייצעס האָבן זיך נישט־ווילנדיק געטרייסלט.

„איר האָט געדאַרפט דערמאָנען וועגן אַ פענצטער בעתן מאַכן די ווענט״, האָב איך געזאָגט. „דאָס איז געווען אייער אַרבעט, און איר האָט געדאַרפט געדענקען וועגן אַ פענצטער״.

„אָבער כ׳זע קיינמאָל נישט דאָס באַשיינפּערלעכע, איר ווייסט דאָך״. האָט זי צוריקגעלאַכט. „און חוצדעם, קענט איר צו יעדער צייט אויסהאַקן אַ לאָך אין דער וואַנט״.

„גאַנץ ריכטיק, כ׳האָב גאָרנישט געקלערט פון דעם“, האָב איך געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. „אָבער צי האָט איר געטראַכט וועגן באַשטעלן שויבן-גלאָז? טעלעפאָנירט צו דער פירמע, רעד 445, אַזוי, דאַכט זיך, איז עס — און זאָגט זיי, וואָס פאַראַ מין און גרויס איר ווילט“.

„דאָס הייסט — —“ האָט זי אָנגעהויבן.

„קיין פענצטער“.

דאָס איז געווען שלעכט, אָט דאָס הייזל, וואָס האָט נישט מער געטויגט פאַר אַ חזיר אין אַ ציוויליזירט לאַנד; אָבער פאַר אונז, וואָס מיר האָבן געקענט די גויט פון אַן אָפּן שיפל, איז דאָס געווען אַ קליינע גערוימע וווינונג, נאָכן באַלייכטן די שטוב, וואָס איז אויסגעפּירט געוואָרן דורך פּאָקעס-אייל און אַ קנויט געמאַכט פון בוימוואָל, איז געקומען דאָס געיעג אויף אונזער ווינטער-פלייש און דאָס אויפשטעלן אַ צווייט הייזל.

דאָס איז געווען אַ פשוטע זאַך, אַרויסצוגיין אינדערפרי און צוריקקומען מיטאָג-צייט מיט אַ פול שיפל פּאָקעס. און דאַן, בעת כ׳האָב געאַרבעט ביים צווייטן הייזל, האָט מאָוד אַרויסגענומען דאָס אייל און געהאַלטן אַ קליין פייער. כ׳האָב געהערט ווי מ׳בראָט אָקסנפלייש אויף די פליגנען, און אונזער פּאָקעפלייש, צעשניטן אויף דינע שטיקלעך און אויפגעהאָנגען אין רויך, איז געווען אויסגעצייכנט.

דאָס צווייטע הייזל איז געווען לייכט אויפצושטעלן, ווייל כ׳האָב עס געשטעלט לעבן דעם ערשטן, און מ׳האָט געדאַרפט האָבן נאָך דריי ווענט, אָבער דאָס איז נאָך אַלעם געווען אַן אַרבעט, אַ שווערע אַרבעט.

איך און מאָוד האָבן געאַרבעט פון פאַרטאָגס ביזן אָוונט, ביז צו די לעצטע כוחות, אַזוי אַז ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, זענען מיר שנעל געגאַנגען שלאָפן און געשלאָפן דערשעפּטע, ווי חיות.

און דאָך האָט מאָוד דערקלערט, אַז זי האָט זיך קיינמאָל נישט געשפירט בעסער אָדער שטאַרקער

כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אמת אויך וועגן מיר, אָבער איר כּוח איז געווען ווי פון אַ ליליע, אַזוי אַז כ׳האָב געמיינט, אַז זי וועט צוזאַמענברעכן.

אָפט און אָפט זענען אירע לעצטע כּוחות אַוועק, האָב איך זי געזען ליגן אויסגעצויגן אויף די פּלייצעס אויפן זאַמד אויף אַזאַ אופן, ווי זי האָט גערוט און געקומען צו די כּוחות, און דאַן האָט זי זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און ווייטער געאַרבעט שווער.

פונוואַנען זי האָט באַקומען דידאָזיקע קראַפט — דאָס איז געווען אַ חידוש פאַר מיר.

„טראַכט וועגן לאַנגן אָפּרו היינטיקן ווינטער", האָט זי געענטפערט אויף מיינע פאַרוואורפן. „נו, מירן שרייען, מ׳זאָל אונז געבן עפּעס צו טון".

אין דער נאַכט, ווען מיר האָבן געדעקט דעם דאַך, האָבן מיר געמאַכט אַ פייער אין דעם הייזל.

דאָס איז געווען צום סוף פון דריטן טאָג פון אַ שטאַרקן שטורם, וואָס איז געקומען פון דרום-מזרח צו צפון-מערב און וועלכער האָט דאַן געבלאָזן גלייך אויף אונז. די ברעגן פון די אויסערלעכע היילן האָבן געדונערט מיט די כוואַליעס, און אַפילו אין אונזער פון דער יבשה פאַרשלאָסענע הייל האָבן זיך אַריינגעריסן גרויסע כוואַליעס.

קיין שום הויכער רוקנביין פון אַן אינזל האָט אונז נישט געשיצט פונם ווינט, און ס׳האָט געוואָיעט און געפייפט אַרום דעם הייזל און צייטנווייז האָב איך מורא געהאַט צוליב די ווענט. דער פעל-דאַך, אויסגעצויגן גלייך ווי אַ קאָפּ פון אַ פּויק, האָט געפייפט און געוואָיעט מיט יעדן בלאָז, און אומצייליקע שפּאַרעס אין די ווענט, נישט אַזוי געדיכט אָנגעשטאָפּט מיט מעך, ווי מאָוד האָט געמיינט, האָבן זיך געעפנט. אָבער דער פאָקעס-אייל האָט העל געלויכטן און ס׳איז אונז געווען וואַרעם און באַקוועם.

ס׳איז באמת געווען אַן אָנגענעמער אָוונט. מיר האָבן זיך בעפונען אין אַ גוטער שטימונג. נישט נאָר האָבן מיר מסכּים געווען

אויף אַ ביטערן ווינטער, נאָר מיר זענען אויך געווען צוגע-גרייט צו דעם.

די פּאַקעס האָבן געקאָנט אַוועק אויף זייער געהיימניס-פולער רייזע אויף דרום צו יעטוועדער צייט, און די שטורעמס האָבן אונז שוין מער נישט געשראָקן.

גישט נאָר זענען מיר זיכער געווען, אַז מירן זיין טרוקן און וואַרעם און געשיצט פון ווינט, נאָר מיר האָבן געהאַט די ווייכסטע און באַקוועמסטע מאַטראַצן, וואָס מ'האָט געקאָנט מאַכן פון מעך.

דאָס איז געווען מאָודס איינפאַל, און זי האָט אייפערזיכ-טיק צונויפגעקליבן דעם גאַנצן מעך.

דאָס איז פאַר מיר געווען די ערשטע נאַכט אויפן מאַט-ראַץ און כ'האָב געוווּסט, אַז איך וועל שלאָפן זיסער, מחמת זי האָט דאָס געמאַכט.

ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט איר קאַפּריזן אופן און געזאָגט:

„עפּעס וועט געשען — געשעט, כ'פיל דאָס, עפּעס קומט דאָ אַהער צו אונז. ס'קומט אָן כ'ווייס נישט וואָס, נאָר ס'קומט אָן".

„גוט אָדער שלעכט"? האָב איך געפרעגט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„כ'ווייס נישט, נאָר עס קומט אָן".

זי האָט געטייטלט אין דער ריכטונג צום ים און ווינט.

„דאָס איז אַ ברעג", האָב איך געלאַכט, „און כ'בין זי-כער, כ'וואָלט בעסער געוואָלט דאָ זיין, איידער אָנקומען אין אַזאַ נאַכט".

„איר זענט נישט איבערגעשראָקן?" האָב איך געפרעגט, צוגייענדיק צו עפענען איר די טיר.

אירע אויגן האָבן דרייסט געקוקט אין מיינע.

„און איר שפירט זיך גוט? פולשטענדיק גוט?"

„קיינמאָל נישט בעסער", האָט זי געענטפערט.

איידער זי איז אוועקגעגאַנגען, האָבן מיר אַ ביסל גע-רעדט.

„אַ גוטע נאַכט, מאָוד!" האָב איך געזאָגט.

„אַ גוטע נאַכט, העמפרי וואַן ווײדן", האָט זי געזאָגט.

דאָסדאָזיקע באַנוצן אונזערע נעמען איז געקומען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. און דאָס איז געווען נישט אַזוי נישט פאָרויס באַטראַכט ווי נאַטירלעך.

אין יענעם מאָמענט האָב איך געקאָנט זי צוציען צו זיך און אַרומנעמען זי מיט מײנע אָרעמס. איך וואָלט דאָס זיכער געטון אין יענער סביבה, ווו מיר האָבן געהערט. ווי די זאַך האָט דאָ אויסגעזען, איז עס געבליבן שטיין אויף דעם פּונקט, אויף וועלכן מ'האָט געקענט זיך אָפּשטעלן; איך בין געבליבן אַליין אין מײן קלײן הייזל, זײענדיק דערוואַרעמט פון אַן אַבּ-געזעמער סאַטיספאַקציע; און כ'האָב געוווּסט, אַז צווישן אונדז עקזיסטירט אָדער אַ פאַרבינדונג, וואָס האָט נישט עקזיסטירט פריער.

קאַפּיטל דרייצן

כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט, אַרומגענומען פון אַ געהיימניספול געפיל.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס פעלט אין מײן סביבה. אָבער די געהיימניש און דעפּרעסיע איז פאַרשוווּנדן נאָך די פאַר סעקונדעס פון וואַך-זײן, ווען כ'האָב אידענטיפיצירט דאָס פעלנדיקע מיטן ווינט.

כ'בין אײנגעשלאָפן אין יענעם צושטאַנד פון נערוועזער אָנשטרענגונג, ווען אַ מענטש גייט אַקעגן דער פסדרדיקער אויפ-רייסלונג פון קלאַנג אָדער באַוועגונג, און כ'בין אויפגעקומען

נאָך אַלץ אויפגערעגט, זיך אָנשטרענגנדיק אַקעגנצוגיין דעם דרוק פון עפּעס, וואָס האָט מיך שוין מער נישט געדריקט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס כ׳האָב נאָך עט־לעכע חדשים פאַרבראַכט אונטער אַ דאַך, און כ׳בין מיר באַקוועם געלעגן אונטער די קאָלדרעס (צום ערשטן מאָל נישט איינגעפּאַקט פון נאַפּל אָדער כוואַליעס), און אַנאַליזירנדיק צום ערשטן מאָל דעם רושם, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דאָס אויפהערן פון ווינט, און נאָכדעם מיין שמחה צוליבן ליגן אויף טעראַץ, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך מאַודס הענט. נאָכן אָנטועך זיך און עפענען די טיר, האָב איך געהערט דאָס קלאַפּן פון די כוואַליעס אינם ברעג און זי געווען אַן עדות פון דער ווילדקייט פון דער נאַכט.

ס׳איז געווען אַ לויטערער טאָג און די זון האָט געשיינט. כ׳בין געשלאָפן שפּעט, און כ׳בין אַרויס מיט אַ פלוצלינגער ענערגיע, און אַנטשלאָסן צוריק צו געווינען די פאַרלוירענע צייט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ באַוווינער פון „מי־אינזל״.

און געפינענדיק זיך אינדרויסן, בין איך געגאַנגען פאַ־מעלעך.

איך האָב געגלויבט מיינע אויגן אָן צווייפל, און דאָך בין איך אַ ווייל געווען דערשטוינט פונם בילד, וואָס זיי האָבן מיר באַוויזן.

דאָרט, אויפן ברעג, נישט ווייט, 50 פוס, אָן די מאַסטן, איז געשטאַנען אַ שוואַרצע שיף. מאַסטן און דרענגער, פאַר־פלאָנטערט מיט ליילעכער, פלאַכטעס און צעריסענע קאַנוועס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט.

כ׳האָב מיר געריבן די אויגן פאַר פאַרוואונדערונג. דאָרט איז געשטאַנען דאָס היימישע שיפל, וואָס מיר האָבן געמאַכט, דאָס באַקאַנטע — די נידעריקע יאַכט־קאַבינע האָט זיך קוים אויפגעהויבן איבער דעם פּאָרענטש, דאָס איז געווען דאָס ג ע־ ש פּ ע נ ס ט.

וואָס פאַר אַ קאַפּריז פון מזל האָט עס אַהער געבראַכט— דאַ אַהער און נישט ערגעץ אַנדערש. וואָס פאַראַ צופאַל? כ׳האָב

געקוקט אויף דער קאַלטער נישט צוטריטלעכער וואַנט און זיך באַקענט מיט דעם טיפסטן יאוש. צו אַנטלויפן איז געווען האָפ-נונגסלאָז, גאָרנישט צו רעדן דערפון.

כ׳האָב געדענקט איר „גוטע נאַכט, העמפרי", מיין פריי, מיין חבר" — האָט מיר געקלונגען אין די אויערן, אָבער איצט ליידער איז דאָס געווען אַ בלויזער קלאַנג. דאַן איז מיר אַלץ פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן.

אפשר האָט דאָס געדויערט אַ טייל פון אַ סעקונדע, אָבער כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנונג ווי לאַנג ס׳האָט גענומען ביז כ׳בין געקומען צו זיך.

דאָרט איז געלעגן דאָס געשפּענסט, מיטן דזשאָב צום ברעג, אירע צעבראָכענע באַלקנס האָבן אַרויסגעשטאַרצט אויפן זאַמד, און אירע פאַרפלאָנטערטע דרענגער האָבן זיך געריבן אַן די רוישנדיקע כוואַליעס. מ׳מוז עפּעס טון, ס׳מוז עפּעס געטון ווערן.

פּלוצלונג איז מיר איינגעפאַלן, אַז ס׳איז זייער מאָדנע, וואָס עס רירט זיך גאָרנישט אויפן דעק

כ׳האָב מיר געטראַכט: אַלע זענען מיד פון דער נאַכט פון קאַמף און שיפּברוך און די שלאָפן.

מיין נאָענטסטער געדאַנק איז געווען, אַז איך און מאָוד קאָנען נאָך באַווייזן צו אַנטלויפן. אויב מירן קענען צוקומען צום שיפל און אַוועק איידער ס׳וועט זיך עמעצער אויפכאַפּן, כ׳קען זי רופן און אַוועקפאָרן.

מיין האַנט האָט זיך אויפגעהויבן אָנצוקלאַפּן ביי איר טיר, און כ׳האָב זיך דערמאָנט אַן קליינעם שטח פון אינזל. מיר קאָנען זיך דאָ קיינמאָל נישט באַהאַלטן. ס׳איז פאַר אונז געבליבן בלויז דער ברייטער ווילדער אָקעאַן.

כ׳האָב געטראַכט וועגן אונזער באַקוועם הייזל, אונזערע זאַפּאַסן פון פלייש און אייל, מעך און געהילץ, און כ׳האָב גע-וווּסט, אַז מירן קיינמאָל נישט קאָנען איבערלעבן דעם ווינ-טערדיקן ים און די גרויסע שטורעמס, וואָס דאַרפן אָנ-קומען.

און אַזוי בין איך געבליבן שטיין פאַר דער טיר מיט וואַקלענדיקע קני.

אין מיין מוח איז אַנטשטאַנען אַ ווילדער געדאַנק: אַריינ-צולויפן און דערהרגענען זי, און דאַן אין איין אויגנבליק איז מיר איינגעפאַלן אַ בעסערער געדאַנק.

אַלע מאַטראָזן שלאָפן. פאַרוואָס זאָל איך נישט אַרויף אויפן דעק פון געשפענסט — כ'האָב געקענט דעם וועג צו וואָלף לאַרסענס נאַרע — און הרגענען אים אינמיטן שלאָף? דערנאָך — נו, מירן זען. אָבער ווען ער וועט שוין זיין טויט, וועט שוין זיין צייט און אָרט צוצוגרייטן זיך צו אַנדערע זאַכן; און חוצדעם, ווי ס'זאָל נישט זיין די געשאַפענע לאַגע, קאָן זי נישט זיין ערגער ווי איצט.

אין דער היפטע האָב איך געהאַט דאָס מעסער. כ'בין צוריק אַריינגעגאַנגען אין דער הייל נאָך דער ביקס, געזען צי זי איז אָנגעלאָדן און אַרויף אויפן געשפענסט, אַ ביסל שווערלעך און איינבעצנדיק מיין וועסטל האָב איך אַרויפגעקלע-טערט אייבן דעק.

די עפענונג אויפן אויבערשטן דעק איז געווען אָפן. איך האָב מיך אָפגעשטעלט כדי צוצוהאָרכן זיך צום אָטעמען פון די מענטשן, אָבער כ'האָב נישט געהערט קיין שום אָטעמען.

כ'האָב כמעט שווער געסאָפעט בעת ס'איז מיר איינגע-פאַלן דער געדאַנק: נו, און וואָס וועט זיין, אויב דאָס גע-שפענסט איז פאַרלאָזן געוואָרן? כ'האָב מיך שטאַרק איינגע-האָרכט. קיין שום קלאַנג.

פאָרזיכטיק בין איך אַראָפּ אויף דער לייטער. דאָס אָרט האָט געהאַט דעם ליידיקן און פאַרשימלטן ריח, ווי געוויינלעך אַ וווינונג, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט אומבאַוווינט.

אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט אַוועקגעוואָרפענע און צו-ריסענע מלבושים, אַלטע ים-שטיוול, אַדורכגעלעכערטע גומענע מאַנטלען — דאָס גאַנצע ווערטלאָזע אַלטוואַרג פון אַ לאַנגער נסיעה.

די שיף איז פאַרלאָזן געוואָרן אין איילעניש, בין איך

געקומען צום באַשלוס, אַרויפגייענדיק אויפן דעק. ווידער האָט אויפגעצלעבט האָפענונג אין מיין האַרצן, און כ׳האָב מיך אַרומגעקוקט מיט גרעסערער קאַלטבלוטיקייט.

כ׳האָב באַמערקט, אַז די שיפלעך פעלן, דאָס רודער-שיפל האָט דערציילט דאָס זעלבע ווי דער אויבערשטער דעק.

די יעגער דהאָבן איינגעפּאַקט זייערע חפצים מיט דער זעלבער איילעניש. דאָס געשפענסט איז פאַרלאָזן געוואָרן. עס איז מיינס און מאודס.

כ׳האָב געדענקט וועגן די שיף-זאַפּאַסן און וועגן לאַזאַרעט, וואָס אונטער דער קאַבינע, און ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק איבערצוראַשן מאודן מיט עפּעס אַ גוטער זאַך צום פרישטיק.

די רעאַקציע פון מיין מורא און דאָס באַוווסטזיין, אַז ס׳איז שוין נישט נויטיק צו באַגיין די שרעקלעכע טאַט, וועלכע כ׳האָב געוואָלט טון, האָט מיך געמאַכט הייטער און לעבהאַפטער.

כ׳בין אַרויף אין איין מאָל אויף צוויי טרעפּלעך צום רודערשטובל און מיין מוח איז בלויז געווען באַהערשט פון פרייד און האָפענונג, אַז מאוד וועט שלאָפן ביז דער אומגעריכטער פרישטיק וועט זיין גרייט פאַר איר.

פאַרבייגייענדיק די קיך, האָב איך געהאַט דאָס געפיל פון אַ נייער סאַטיספאַקציע ביים געדאַנק וועגן די אַלע פּרעכטיקע קיך-מכשירים, וואָס געפינען זיך דאָרט. כ׳האָב געגעבן אַ שפּרונג צום הינטערשטן שיפטייל און דערזען — וואָלף לאַרסענען.

אַביסל צוליבן אימפּעט און אַביסל צוליב דער געוואַלדיקער איבעררּאַשונג, בין איך אַרויפגעשפּרונגען דריי אָדער פיר טרעפּלעך אויפן דעק איידער כ׳האָב מיך געקענט אָפּשטעלן. ער איז געשטאַנען אויף די שטיגן, נאָר זיין קאָפּ און די אַקסלען האָבן זיך אַרויסגעזען, גלאָצנדיק שאַרף אויף מיר.

זיינע הענט זענען געווען אָנגעשפּאַרט אויף דער האַלבאָפענער טיר. ער האָט אָבער נישט געמאַכט קיין שום באַוועגונג

נונג — בלויז געשטאַנען דאָרט, גלאָצנדיק אויף מיר.

קיינער פון אונז האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. עס האָט זיך געפילט עפּעס שלעכטס אין זיין שטילשווייגן, אין זיין אומבאַוועגלעכקייט, ס'איז אין מיר צוריקגעקומען מיין אַלטע מורא פאַר אים. און מיר זענען געשטאַנען, און געגלאָצט איינער אויפן צווייטן.

כ'האָב געוווּסט, אַז מען דאַרף עפּעס טון, און צוליב מיין אַלטער הילפלאָזיקייט האָב איך געוווּסט, אַז ער וועט אויף זיך נעמען די איניציאַטיוו.

דאַן, ווען מינוטן זענען פאַרביי, איז מיר איינגעפאַלן, אַז די סיטואַציע איז גלייך צו יענער בעת כ'האָב מיך דערנעענטערט צום לאַנגגריוועדיקן זכר, און מיין כוונה איבער צו דערהרגענען איז געשטערט געוואָרן פון דער מורא, ביז ס'איז ביי מיר אַנטשטאַנען אַ ווונטש אים צו צווינגען צו אַנטלויפן. ענדלעך האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז כ'געפין מיך דאָרט און נישט לאָזן וואָלף לאַרסענען נעמען די איניציאַטיוו, נאָר איך אַליין זאָל די נעמען.

כ'האָב אָנגעצויגן דאָס צינגל און אויסגעגלייכט די ביקס. חאָלט ער זיך געגעבן אַ ריר, געפּרוּווט אַראָפּצולויפן, ווייט איך אַז כ'וואָלט אים דערשאָסן. אָבער ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געגלאָצט ווי פריער. און קוקנדיק אויף אים מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס אין דער האַנט, האָב איך צייט געהאַט צו באַמערקן דאָס אויסגעמאָגערטע און אויסגעדאַרטע פּנים עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ שטאַרקע אַגגסט האָט דערפון אַ תל געמאַכט.

די באַקן זענען געווען איינגעפאַלן, און אויף זיינע ברעמען האָט זיך באַמערקט אַ מידער, הילפלאָזער אויסדרוק. און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיינע אויגן זענען מאָדנע, נישט בלויז דער אויסדרוק, נאָר דער פיזישער אויסדרוק, גלייך ווי די אָפּטישע נערוון און מוסקולן זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן און לייכט פאַרקנייטשט די אויגן-עפּלען.

כ'האָב דאָס אַלץ געזען און מיין מוח האָט שנעל גע-

אַרבעט, כ׳האָב געטראַכט טויזנטער געדאַנקען, און דאָך האָב איך נישט געקאָנט אַ צי טון דאָס צינגל.

כ׳האָב אַראָפּגעלאָזן די ביקס און צוגעגאַנגען צום ווינקל פון דער קאַבינע, קודם-כל פּדי צו אַנטשפּאַנען די אָנגעשטרענגט-קייט פון די נערוון און צו מאַכן אַ נייע התחלה, און צווייטנס, כּדי זיך צו געפינען נענטער.

ווידער האָב איך אויפגעהויבן די ביקס. ער איז גע-שטאַנען זייער נאָענט. ער האָט נישט געהאַט קיין האָפנונג. איך האָב מיך אַנטשלאָסן. ס׳איז נישט געווען קיין מעגלעכער שאַנס פאַר אים, אַז כ׳וועל נישט טרעפן.

ווי אַ שוואַכער שיסער כ׳בין נישט געווען, דאָך האָב איך געראַנגלט מיט זיך און נישט געקאָנט אַ צי טון דאָס צינגל.

„נו?" האָט ער געפרעגט אומגעדולדיק.

אומזיסט האָב איך זיך באַמיט אַרויפצולייגן מיינע פינגער אויפן צינגל און בחנם ד׳האָב איך מיך געסטאַרעט עפּעס צו זאָגן.

„פאַרוואָס שיסט איר נישט?" האָט ער געפרעגט.

כ׳האָב געריי‌ניקט מיין האַלז פון דער הייזעריקייט, וואָס האָט מיר געשטערט צום רעדן.

„העמפּ" האָט ער פאַמעלעך געזאָגט, „איר קאָנט דאָס נישט טון. איר האָט נישט קיין מורא. איר זענט אומפּאַטענט. אייער קאָנווענציאָנעלע מאָראַל איז שטאַרקער פון אייך. איר זענט דער שקלאַוו פון די מיינונגען, וואָס גייען אָן צווישן די מענטשן, וואָס איר קענט זיי און לייענט וועגן זיי. זייער קאָ-דעקס איז אַריינגעקלאַפּט געוואָרן אין אייער קאָפּ אַריין זינט איר האָט אָנגעהויבן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, און טראָץ אייער פילאָזאָפיע און מיין לערע וועט עס אייך נישט לאָזן דער-הרגענען אַן אומבאַוואָפנטן, נישט אַנטקעגן-זיך-שטעלנדיקן מענטשן

„כ׳ווייס דאָס", האָב איך הייזעריק געזאָגט.

„און איר ווייסט, אַז איך וואָלט דערהרגעט אַן אומבאַ-וואָפנטן מענטש, אַזוי לייכט ווי כ׳רייכער אויס אַ ציגאַר" האָט

ער ווייטער געזאָגט. „איר קענט מיך, ווי כ׳בין — מיין ווערט אין דער וועלט לויט אייער סטאַנדאַרד. איר האָט מיך אָנגערופן שלאַנג, טיגער, היי־פיש, פּאַרזעצניש און קאַליבאַן. און דאָך, איר קליינע ליאַלקע, איר קלייגער ווידערקול־מעכאַניזם, איר קענט מיך נישט הרגענען ווי אַ שלאַנג אָדער היי־פיש, ווייל כ׳האָב הענט, פיס און אַ גוף, וואָס איז געשטאַלטיקט ווי אייערע. באַ! כ׳האָב מיך געריכט אויף בעסערע זאַכן פון אייך, העמפּ״.

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר נענטער.

„לייגט אַוועק די ביקס. כ׳וויל אייך עפּעס פרעגן. כ׳האָב נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך אַרומצוקוקן. וואָס פאַר אַן אָרט איז דאָס? ווו ליגט דאָס געשפּענסט? ווי אַזוי זענט איר איינגעזעצט געוואָרן? ווו איז מאוד — כ׳בעט אייך איבער, מיס ברוסטער, אָדער צי דאַרף איך זאָגן מיסיס וואַן ווײַדן?

כ׳האָב מיך אָפּגערוקט פון אים, כמעט געוויינט צוליב מיין אוממעגלעכקייט צו שיסן אויף אים, נאָר כ׳בין נישט געווען אויף אַזויפיל נאַריש, אַז כ׳זאָל אַראָפּלאָזן די ביקס.

כ׳האָב אין יאוש געהאָפט, אַז ער קאָן באַגיין עפּעס אַ פינסטערן אַקט, פּרווון צו באַפאַלן מיך אָדער דערהרגענען מיך; ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז נאָר אויף אַזאַ אויפן וועל איך זיין געצוווּנגען צו שיסן.

„דאָס איז „מי־אינזל״. האָב איך געזאָגט.

„קיינמאָל נישט געהערט דערפון״, האָט ער מיר איבער־געשלאָגן.

„לכל־הפחות, איז דאָס אונזער נאָמען״ האָב איך פאַרבע־סערט.

„אונזער?״ האָט ער געפרעגט. ווער איז אונזערס?

„מיס ברוסטער און איך. און דאָס געשפּענסט ליגט, ווי איר קענט זען, מיטן דזשאַב צום ברעג.

„דאָ זענען פאַראַן פּאָקעס״ האָט ער געזאָגט. „זיי האָבן מיך אויפגעוועקט מיט זייערע קולות, אַנישט וואָלט איך נאָך געשלאָפן. כ׳האָב זיי געהערט, ווען כ׳בין געפאָרן די לעצטע

נאַכט. דאָס איז געווען אַ וואָרנונג, אַז כ׳געפין זיך אויף אַ ברעג. דאָס איז אַ נעסט, אַ נעסט, נאָך וועלכער כ׳האָב מיין געיאָגט אַזויפיל יאָר. אַ דאַנק מיין „ברודער טויט,״ האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַן אוצר, דאָס איז אַ גאָלדגרוב. וואָס האַלט זיך דאָרט אויף!

„כ׳האָב נישט קיין אַנונג״ האָב איך געזאָגט. „אָבער איר דאַרפט בעסער וויסן, וואָס פאַראַ אָבסערוואַציעס האָט איר געמאַכט?

ער האָט אומדורכדרינגלעך געשמייכלט, אָבער נישט געענטפערט.

„גוט, ווו זענען אַלע מאַטראָזן״ האָב איך געפרעגט, ווי אַזוי איז געשען, וואָס איר זענט געבליבן אַליין?״

כ׳בין גרייט געווען אויפצוהערן צו פרעגן און זיך געחידושט אויף זיין גרייטקייט צו ענטפערן.

„דער ברודער האָט מיך באַזיגט אין משך פון 48 שעה, נישט צוליב מיין שולד: מיך באַפאַלן ביינאַכט. די יעגער זענען אָנגעפאַלן אויף מיר. ער האָט זיי געגעבן אַ גרעסערע פענסיע. כ׳האָב געהערט ווי ער לייגט זיי פאָר. אונטער מיינע אויגן דאָס געטון. נאַטירלעך האָט די מאַנשאַפט מיר געזאָגט אַדיע. אויף דעם האָט מען זיך געקאָנט ריכטן. אַלע מאַטראָזן זענען אַריבער און דאָ בין איך געבליבן אייגער אַליין אויפן שיף. ס׳איז טויטס ריי און ווי ס׳זאָל נישט זיין בלייבט עס אין דער משפחה.

„אָבער ווי אַזוי האָט איר פאַרלוירן די מאַטטן?״ האָב איך געפרעגט.

„גייט אַריבער און באַטראַכט יענע שטריק״ האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן אָרט ווו די אויסשטאַטונג האָט געדאַרפט זיין.

„זיי זענען איבערגעשניטן געוואָרן מיט אַ מעסער!״ האָב איך אויסגעשריגן.

„נישט אינגאַנצן״ האָט ער געלאַכט. „דאָס איז געווען אַ פיין שטיקל אַרבעט. גיט נאָכאַמאָל אַ קוק״.

„כ׳מיין, כ׳וועל מיך אַנידערזעצן און זיך אָנוואַרעמען ביים זונשיין," האָב איך געהערט וואָלף לאַרסען זאָגן.

אין זיין קול האָב זיך געהערט אַ רמז, אַ שוואַכער רמז פון שוואַכקייט, און ס׳איז געווען אַזוי מאָדנע, אַז כ׳האָב שנעל אַ קוק געטון אויף אים.

זיין האַנט האָט נערוועז אַ פיר געטון איבערן פנים גלייך ווי ער וואָלט אַוועקגעקערט די שפּינוועבס. כ׳בין געווען געפּלעפט. דאָס איז געווען אַזוי נישט ענלעך צו וואָלף לאַרסען, וועלכן כ׳האָב געקענט.

„וואָס מאַכן אייערע קאָפּווייטאָקן?" האָב איך געפרעגט.

„זיי פּייניקן מיך נאָך" האָט ער געענטפערט. „כ׳מיין, אַז זיי קומען גלייך אָן".

כ׳האָב געקוקט. די זעגל-שטריק זענען כמעט געווען אי־בערגעריסן, אָבער זיי האָבן נאָך געקאָנט האַלטן די ליילעכער, ביז מ׳וועט זיי אינגאַנצן נישט צערייסן.

„קוקי האָט דאָס געטון", האָט ער ווידער געלאַכט. „איך ווייס דאָס, הגם כ׳האָב אים נישט געכאַפּט ביי דער האַנט".

„דאָס איז צו-גוט פאַר מאַגרידזשן!" האָב איך אויסגע־שריגן.

„יאָ, אַזוי האָב איך מיר געטראַכט, ווען אַלץ איז גע־גאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. נאָר כ׳האָב דאָס געזאָגט מיט אַ האַלב מויל".

„אָבער וואָס האָט איר געטון, ווען דאָס אַלץ איז פאָרגע־קומען?" האָב איך געפרעגט.

„וואָס כ׳האָב נאָר געקאָנט, איר מעגט זיין זיכער, וואָס מ׳האָט געקאָנט טון אין אַזעלכע אומשטענדן".

כ׳האָב מיך אויסגעדרייט כדי ווידער צו באַטראַכטן כ׳אָ־מאָס מאַגרידזשס אַרבעט.

ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין געזעס און גע־בליבן ליגן אויפן דעק. דאַן האָט ער זיך [illegible] אַזוי אַ זייט, זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די אָרעמס, און דער פאָר־[illegible] האָט [illegible] זיינע אויגן פאַר דער זון. כ׳בין גע־

שטאַנען און פאַרחידושט אים פאַרטראַכט.

„איצט איז אייער שאַנס, העמפּ" האָט ער געזאָגט.

„כ'פאַרשטיי נישט" האָב איך געזאָגט ליגן, ווייל כ'האָב גאַנץ גוט פאַרשטאַנען.

„אָ, גאָרנישט" האָט ער צוגעגעבן אין דער שטיל, גלייך ווי פאַרשלאָפן. „איר האָט מיך געפּאַקט, ווי איר האָט געוואָלט".

„ניין" האָב איך געענטפערט. ווייל כ'וויל, אַז איר זאָלט זיך געפינען אַ פאָר טויזנט מייל פון דאַנען".

ער האָט געכיכיקעט און דערנאָך שוין גאָרנישט גערעדט. ער האָט זיך נישט געגעבן קיין ריר, בעת כ'בין פאַרבײַ אים און אַראָפּ אין דער קאַבינע. כ'האָב אויפגעהויבן דאָס ברעטל אין דער פּאָדלאָגע, אָבער עטלעכע מינוט האָב איך אין צווייפל געקוקט אין דער פינצטערניש פון לאַזאַרעט.

כ'האָב מיך געקווענקלט אַראָפּצוגיין. און וואָס וועט זיין אויב זיין ליגן איז בלויז אַן אָנשטעל? זייער שיין באמת אַריינ-צופאַלן דאָ, ווי אַ מויז אין דער נעץ.

כ'בין פאַמעלעך צוגעקראָכן און אַריינגעקוקט צו אים. ער איז געלעגן אין דערזעלבער פּאָזע, ווי כ'האָב אים איבער-געלאָזן. ווידער בין איך אַראָפּ אונטן; אָבער איידער כ'בין אַראָפּ אין לאַזאַרעט, האָב איך אויס פאָרזיכטיקייט אַראָפּגעוואָרפן די טיר. לכל הפחות וועט די נעץ נישט האָבן קיין דעקל. אָבער דאָס אַלץ איז געווען איבריק.

אין דער קאַבינע האָב איך געפונען אַ זאַפּאַס פון פּאַ-ווידלען, ים-בישקאָפּטן, קאָנסערווירט פלייש און ענלעכע זאַכן, — אַלץ וואָס כ'האָב געקאָנט טראָגן — און צוריק אַרויפגעזעצט די טיר.

איין בליק אויף וואָלף לאַרסענען האָט געוויזן, אַז ער האָט זיך נישט גערירט. אַ ליכטיקער געדאַנק איז מיר אַריין אין קאָפּ. כ'האָב מיך אַריינגעגנבעט אין זיין קאַבינע און צוגע-נומען זיינע רעוואָלווערן.

נישט געווען מער קיין אַנדער געווער, הגם כ'האָב גרינט-לעך דורכגענישטערט די דריי איבעריקע קאַבינעס. כדי צו זיין

ווכער, בין איך צוריקגעגאַנגען אין אַדורך דאָס יעגער שטיבל און פּאָרצימער, און אין דער קיך צונויפגעקליבן אַלע מעסער, דאָס גאַנצע געזאַלצענע פלייש און גרינס.

דאַן האָב איך מיך דערמאָנט אינם גרויסן יאַכטמעסער, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן ביי זיך, און כ׳בין צוגעגאַנגען צו אים און גערעדט צו אים, צו ערשט שטיל, דערנאָך העכער. ער האָט זיך נישט גערירט.

כ׳האָב מיך אַראָפּגעבויגן און עס אַרויסגענומען פון זיין קעשענע, כ׳האָב פריי אָפּגעאָטעמט. ער האָט נישט קיין שום געווער מיט וועלכן ער זאָל מיך קענען אַטאַקירן פונדערווייטנס, בעת איך, אַ באַוואָפנטער, קען אים שטענדיק פּאַרויסיאָגן, אויב ער וועט פּרווון מיך צו דערדריקן מיט זיינע שרעקלעכע גאָרילא אָרעמס.

אָנפילנדיק אַ טאָפּ פון קאַווע און אַ בראָטפאַן מיט אַ טייל פון מיין זאַקרויב און נעמענדיק אַביסל געשיר פון דער שפּיזשאַרקע, האָב איך איבערגעלאָזט וואָלף לאַרסענען אויף דער זון און אַרויף אויפן ברעג.

מאָוד איז נאָך געשלאָפן. כ׳האָב צובלאָזן דאָס אַש. (מיר האָבן נאָך נישט געמאַכט קיין ווינטער-אויוון) און פיבערהאַפט אָפּגעקאָכט דעם פרישטיק.

ענדלעך האָב איך געהערט אירע באַוועגונגען אינם הייזל, ווי זי מאַכט איר טואַלעט.

פונקט ווען אַלץ איז געווען גרייט און די קאַווע אָנגעגאָסן, האָט זיך געעפנט די טיר און זי איז אַריינגעקומען.

„דאָס איז נישט שיין פון אייך", האָט זי זיך באַגריסט. „איר אוזורפּירט איינע פון מיינע פּרעראָגאַטיוון. איר ווייסט דאָך, איר האָט מסכים געווען, אַז דאָס קאָכן וועט געהערן צו מיר, און — —"

„אָבער נאָר דאָס איינע מאָל" האָב איך זיך געבעטן.

„אויב איר זאָגט צו נאָכאַמאָל דאָס נישט צו טון", האָט זי געשמייכלט. „כל זמן, נאַטירלעך, איר זענט נישט מיד געוואָרן פון מיינע אָרעמע אָנשטרענגונגען".

צו מיין פרייד האָט זי אַפילו קיין איין מאָל נישט אַ קוק געטון אויפן ברעג, און כ׳האָב ווייטער זי געריצט מיט אַזאַ דערפאָלג, אַז זי האָט אומבאַוווסטזיניק אויסגעזופּט די קאַווע פון דעם פאַרצעלייגנעם טעפּעלע, געגעסן טרוקענע געבראָטענע קאַרטאָפלעס און אַרויפגעלייגט מאַרמאָלאַדע אויף אירע בישקאָפּטן, אָבער ס׳האָט נישט געקענט לאַנג געדויערן. כ׳האָב געזען, אַז זי איז פאַרחידושט.

זי האָט דערזען דאָס פאַרצעלייגנטע געשיר פון וועלכן זי האָט געגעסן, זי האָט געקוקט אויפן פרישטיק, באַמערקט יעדן דעטאַל. דאַן האָט זי געקוקט אויף מיר און איר פנים האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט צום ברעג.

„העמפרי!“ האָט זי געזאָגט.

דער אַלטער גאַמעלאָזער שרעק האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

„איז — ער —?“ האָט זי געשוידערט.

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ.

קאַפּיטל פערצן

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר געוואַרט, אַז וואָלף לאַרסען זאָל אַרויפקומען אויפן ברעג.

דאָס איז אַן אומדערטרעגלעכער פעריאָד פון פחד. יעדע מינוט האָט איטלעכער פון אונדז געוואָרפן דערוואַרטנדיקע בליקן צום ג ע ש פ ע נ ס ט.

אָבער ער איז נישט געקומען. ער האָט זיך נישט אַפילו באַוויזן אויפן דעק.

„אפשר איז דערין שולדיק זיין קאָפּווייטאָק“, האָב איך געזאָגט.

„ס׳האָב אים געלאָזט ליגן דאָרט אויף דער זאַן. ער קען

אָפּליגן אַ גאַנצע נאַכט. כ׳מיין, אַז כ׳וועל גיין און אַ קוק טון״.

מאָוד האָט בעטנדיק געקוקט אויף מיר.

„ס׳איז גוט״ האָב איך זי פאַרזיכערט. „כ׳וועל נעמען די רעוואָלווערס. איר ווייסט, כ׳האָב צונויפגעקליבן דאָס גאַנצע געווער אויפן דעק.״

„אָבער זיינע אָרעמס, זיינע הענט, זיינע שרעקלעכע הענט!״ האָט זי פּראָטעסטירט. און דאַן האָט זי געשריגן. „אָ, העמפרי, כ׳האָב מורא פאַר אים! גייט נישט, כ׳בעט אייך, גייט נישט!״

זי האָט אַפּעלירנדיק אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיינער און מיין פּולס האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן האַסטיקער. דאָס האַרץ מיינס איז אַוודאי אַ מינוט געווען אין די אויגן. די טייערע און ליבע פרוי! און זי איז געווען די פרוי, זיך קלאַמערנדיק און אַפּעלירנדיק, זונשיין און טוי פאַר מיין מענערישקייט, איינוואָרצלענדיק טיפער און שיקנדיק דורך דעם זאַפט פון אַ נייער קראַפט.

כ׳האָב זי געהאַלטן אַרומגענומען, פּונקט ווי אין מיטן פון דער פאָקעסטאַדע; אָבער כ׳האָב מיך באַזינט און איינגעהאַלטן.

„כ׳וועל גאָרנישט ריזיקירן״ האָב איך געזאָגט. „כוועל נאָר בלויז אַ קוק טון״.

זי האָט ערנסט געדריקט מיין האַנט און מיך געלאָזט גיין. אָבער דאָס אָרט אויפן דעק, וווּ כ׳האָב אים געלאָזן ליגן, איז געווען ליידיק. ער איז ווארשיינלעך אַראָפּגעגאַנגען אונטן. יענע נאַכט האָבן מיר, בייטנדיק, געהאַלטן וואַך; ווייל מ׳האָט נישט געקענט וויסן, וואָס וואָלף לאַרסען קען נאָך טון. זיכער, ער איז נאָך געווען פעיק עפּעס צו טון.

צומאָרגנס האָבן מיר געוואַרט, און איבערמאָרגנס, אָבער ער האָט גאָרנישט געלאָזט הערן פון זיך.

„דידאָזיקע קאָפּווייטאָקן, דידאָזיקע אַטאַקן״, האָט מאָוד געזאָגט נאָכמיטאָג פון פערטן טאָג. „אפשר איז ער קראַנק, זייער קראַנק. ס׳קען זיין, אַז ער איז טויט״.

„אָדער אַ גוססדיקער״ האָט זי זיך געטראַכט, ווען זי

האָט געוואַרט אַ פּאָר מינוט אַז איך זאָל רעדן.

„בעסער אַזוי" האָב איך געענטפערט.

„אָבער גיט נאָר טראַכט, העמפרי. אַ מיטמענטש אין זיין לעצטער איינזאַמער שעה".

„אפשר" האָב איך אונטערגעזאָגט.

„יאָ, אפשר" האָט זי מודה געווען. „אָבער מיר ווייסן נישט. ס׳וואָלט געווען שרעקלעך, ווען ער האָלט שוין דערביי. כ׳וואָלט דאָס מיר קיינמאָל נישט געקענט שענקען. מיר מוזן עפּעס טון".

„אפשר" האָב איך ווידער אונטערגעזאָגט.

כ׳האָב געוואַרט, אין האַרצן געשמייכלט פון דער פרוי. וואָס האָט געזוכט אַ לעצטע טרייסט פאַר וואָלף לאַרסען. ווי איז געווען איר טרייסט פאַר מיר, האָב איך מיך געטראַכט — פאַר וועמען זי האָט מורא געהאַט, אַז כ׳זאָל אַ קוק טון אויפן ברעג?

זי איז געווען צו סובטעל און נאָכגעפאָלגט מיין געדאַנקגאַנג. און זי איז געווען אַזוי אָפנהאַרציק ווי זי איז געווען סובטעל.

„איר מוזט אַרויף אויפן דעק, העמפרי, און געוויר ווערן" האָט זי געזאָגט. „און אויב איר ווילט לאַכן אויס מיר, האָט איר מיין הסכמה און מחילה."

כ׳בין געהאָרכזאַם אויפגעשטאַנען און אַראָפּ אויפן ברעג.

„זייט פאָרזיכטיק" האָט זי מיר נאָכגעשריגן.

כ׳האָב געפאָכעט מיט דער האַנט פון שפּיץ אויבערדעק און אַראָפּ אויפן דעק. כ׳בין אַריין אין דער אַלגעמיינער קאַבינע, ווו כ׳האָב מיך באַגנוגנט צו שרייען אַ באַגריסונג. וואָלף לאַרסען האָט געענטפערט, און ווען ער איז געגאַנגען אַרויף אויף די שטיגן, האָב איך צוגעגרייט דעם רעוואָלווער.

כ׳האָב אים אָפן געוויזן בעתן שמועס, אָבער ער ד־זאָט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף.

ער איז פיזיש געווען דערזעלבער, ווי בעת כ׳האָב אים פאַרלאָזן, אָבער ער איז געווען אָנגעכמורעט און שטילשווייגנ-

דיק. פאַקטיש האָט מען קוים געקענט אָנרופן שמועס די פּאָר ווערטער, וואָס מיר האָבן גערעדט צווישן זיך.

איך האָב נישט געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט אַרויף אויפן ברעג, און ער האָט זיך נישט געפרעגט פאַרוואָס כ׳בין נישט אַרויפגעקומען אויפן דעק.

ער האָט געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט אים שוין נישט וויי און כ׳האָב אים פאַרלאָזט אָן ווייטערדיקע דבורים.

מאָוד האָט אויסגעהערט מיין ראַפּאָרט מיט אַ באַשייַנפּער־לעכער פאַרלייכטערונג, און דער אָנבליק פון רויך, וואָס ד׳האָט זיך שפּעטער באַוויזן אין דער שיפסקיך האָט איר אַריינגע־ברענגט אין אַ פריילעכערער שטימונג.

צומאָרגנס און איבערמאָרגנס האָבן מיר געזען דעם רויך פון דער קיך און צייטנווייז האָבן מיר געכאַפּט אַ בליק אויף אים. אָבער דאָס איז עס געווען אינגאַנצן. ער האָט נישט גע־מאַכט קיין שום פּרוּוו אַרויפצוקומען אויף דער יבשה.

דאָס האָבן מיר געוואוסט, ווייל מיר האָבן נאָך געהאַלטן וואַך ביינאַכט.

מיר האָבן זיך גערעכט, אַז ער זאָל עפּעס טון, אַז ער זאָל ווייזן זיין קראַפט. אַזוי צו זיין, אין זיין אומטעטיקייט, האָט אונז געחידושט און באַאומרויִקט.

אַזוי־אַנאָך איז פאַרביי אַ וואָך. מיר האָבן זיך נאָר בלויז פאַראינטערעסירט מיט וואָלף לאַרסענען, און זיין אָנוועזנהייט האָט געדריקט ווי אַ שווערע משא מיט אַ פּחד, וואָס האָט אונז־נישט געלאָזט טון גאָרנישט פון די קלייניקייטן, וועלכע מיר האָבן געהאַט געפּלאַנעוועט.

אָבער אין סוף וואָך האָט זיך אויפגעהערט צו באַווייזן דער רויך פון דער קיך און מ׳האָט אים שוין נישט געזען אויף דער קיך.

כ׳האָב געזען ווי מאָודס שרעק ווערט ווידער גרעסער, הגם זי האָט נישט דרייסט — און כ׳מיין אַפילו שטאָלץ — זיך איינגעהאַלטן פון איבערצוחזרן איר ערשטע ביטע. נאָך אַלעם, וואָס פאַר אַ פאַרבאַט קען גילטן פאַר איר? זי איז געווען

שטאַרק אַלטרויִסטיש און זי איז געווען אַ פרוי. איבעריקנס, ס׳האָט מיך אַליין געאַרט דער געדאַנק וועגן דאָזיקן מענטש, ווען כ׳האָב זיך באַמיט צו דערהרגענען, ווי ער שטאַרבט אַליין, און זיינע מיטמענטשן געפינען זיך אַזוי נאָענט. ער איז גערעכט. דער קאָדעקס פון מיין גרופּע איז שטאַרקער פון מיר.

דער פאַקט, אַז ער באַזיצט הענט, פיס, און אַ גוף לויט מיין געשטאַלט, אַנטהאַלט אַ חזקה, וועלכע כ׳קאָן נישט איגנאָרירן.

און אַזוי האָב איך נישט געוואַרט, ביז מאַוד וועט מיך שיקן.

כ׳האָב אויסגעפונען, אַז מיר דאַרפן האָבן קאָנדענסירטע מילך און מאַרמעלאַד, און געמעלדן, אַז כ׳גיי אַרויף אויפן דעק.

כ׳האָב געזען, אַז זי קווענקלט זיך. זי איז אַפילו אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז זי האָט געמורמלט, אַז זיי זענען נישט אַזוי וויכטיק און אַז מיין אויספלוג נאָך זיי קען אפשר זיין פרוכטלאָז.

און אַזוי ווי זי איז נאָכגעגאַנגען דעם געדאַנקענגאַנג פון מיין שטילשווייגן, איז זי איצט נאָכגעגאַנגען דעם געדאַנקענגאַנג פון מיין רעדן, און זי האָט געוווסט, אַז כ׳גיי אַרויף אויפן דעק, נישט צוליב קאָנדענסירטער מילך און מאַרמעלאַד, נאָר צוליב איר און איר פחד, וועלכן, ווי זי האָט געוווסט, ס׳איז איר נישט געלונגען צו באַהאַלטן.

ווען כ׳בין אַרויף אויפן שפּיץ פון דעק, האָב איך אויסגעטון די שיך און גערוישלאָז געגאַנגען אין מיינע באַזאָקטע פיס. און דאָס מאָל האָב איך נישט געשריגן פון דער הויך. אַראָפּגייענדיק פאָרזיכטיק, האָב איך געפונען די קאַבינע אַ ליידיקע.

די טיר אין זיין קאַבינע איז געווען פאַרמאַכט, לכתחילה האָב איך געוואָלט אָנקלאַפּן, דאַן האָב איך מיך דערמאָנט אָן מיין שליחות און באַשלאָסן זי אויסצופירן.

פאַרזיכטיק, אויסמיידנדיק אַ געריוש, האָב איך אויפגע־הויבן די העננ-טיר אינם דיל און זי אוועקגעלייגט אָן אַ זייט, דאָס מלבושים-קעסטל, ווי אויך די זאַפּאַסן, זענען געלעגן אין לאַזאַרעט, און כ'האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט אוועקצולייגן אַ זאַפּאַס פון אונטערקליידונג.

אַרויסגייענדיק פונם לאַזאַרעט, האָב איך דערהערט קולות אין וואָלף לאַרסענס קאַבינע.

כ'בין צוגעקראָכן און זיך איינגעהאָרכט. די טיר-קליאַמקע האָט געגרילצט.

אינסטינקטיוו בין איך אַרונטערגעקראָכן אונטערן טיש, אַרויסגענומען און אָנגעלאָדן מיין רעוואָלווער.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און ער איז אַרויסגע־קומען.

כ'האָב קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פאַרצווייפלונג, ווי איצט אויף זיין פּנים — דאָס פּנים פון וואָלף לאַרסען, דעם קעמפער, דעם גבור, דעם אומבאַזיגבאַרן.

פּונקט ווי אַ פרוי, וואָס פאַרברעכט מיט די הענט, האָט ער אויפגעהויבן זיינע געבייל̈טע פויסטן און געקרעכצט. ער האָט אויפגעעפנט איין פויסט און די אָפענע דלאָניע האָט אַ פיר געטון איבער די אויגן, גלייך ווי זי וואָלט אַוועקגעשאַרט שפינוועבס.

„גאָט! גאָט!" האָט ער געקרעכצט, און די געבייל̈טע פויסטן האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן צום אומענדלעכן יאוש, מיט וועלכן זיין קול האָט וויברירט.

דאָס איז געווען שרעקלעך.

כ'האָב אינגאַנצן געשוידערט, און כ'האָב געפילט ווי מו־ראַשקעס לויפן איבער מיין לייב, און ווי דער שווייס גיסט זיך אַראָפּ פון מיין שטערן. באמת, אויף אונזער וועלט קען שוין נישט זיין קיין שרעקלעכערע זאַך ווי דאָס בילד פון אַ שטאַרקן מענטש, אינם מאָמענט, ווען ער איז פולשטענדיק שוואַך און צובראָכן.

אָבער וואָלף לאַרסען האָט זיך צוריק באַהערשט מיט אַן

אַנשטרענגונג פון זיין מערקווירדיקן ווילן. און דאָס איז געווען אַן אָנשטרענגונג.

זיין גאַנצער גוף האָט זיך געטרייסלט פון דער אָנ־שטרענגונג.

ער איז ענלעך געווען צו אַ מענטש, וואָס אָט־אָט באַקומט ער אַן אַטאַק.

זיין פנים האָט זיך אָנגעשטרענגט צו האַלטן זיך, דרייענ־דיק זיך אין דער אָנשטרענגונג, ביז ער איז ווידער צוזאַ־מענגעבראָכן.

ווידעראַמאָל האָבן זיך געהויבן זיינע געביילטע פויסטן און ער האָט געקרעכצט.

ער האָט איין אָדער צוויי מאָל געכאַפּט דעם אָטעם און געכליפּעט.

דאַן איז אים געלונגען. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז דער אַלטער וואָלף לאַרסען, און דאָך איז אין זיינע באַוועגונ־גען געווען אַן אומבאַשטימטער רמז פון שוואַכקייט און אומ־אַנטשלאָסנקייט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום דורכגאַנג און געגאַנגען פאָרווערטס, ווי כ׳בין געוווינט געווען אים צו זען, און דאָך האָט זיך אין זיין גיין געזען דער רמז פון שוואַכקייט און אומאַנטשלאָסנקייט.

איצט האָב איך מורא באַקומען פאַר זיך. די אָפענע הענג־טיר איז געלעגן אויף זיין מאַרשרוט, און אויסגעפינענדיק זי, וועט ער באַלד מיך אויסגעפינען.

כ׳בין בייז געווען אויף זיך, וואָס כ׳בין געפינען־פאַלן אין אַזאַ לאַגע, קריכנדיק אויפן דיל.

ס׳איז נאָך געווען צייט, כ׳האָב מיך שנעל אַ שטעל גע־געבן אויף די פיס, און, כ׳ווייס דאָס, כמעט אומבאַוווסטזיניק אָנגענומען אַ טראָציקע שטעלונג.

ער האָט מיך גאָרנישט באַמערקט. ער האָט אויך נישט באַמערקט די אָפענע הענגטיר.

אײדער כ׳האָב געקאָנט באַנעמען די סיטואַציע, אָדער

עפעס טון, איז ער אריין גלייך אין דער הענג-טיר. איין פוס איז אראָפּ אין דער עפענונג, בעת דער אַנדערער האָט זיך געפּוגען ביים ראַנד, אָבער ווען דער אראָפּגעגאַנגענער פוס האָט נישט געשפּירט קיין פעסטן באָדן, נאָר אַ פרייען שטח, איז עס געווען דער אַלטער וואָלף לאַרסען און די טיגרישע מוסקולן, וואָס האָבן געצוווּנגען דעם פאַלנדיקן קערפּער שפּרינגען איבער דער עפענונג אַפילו בעתן פאַלן, אַזוי אַז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן זיין ברוסט און בויך, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, אויף דעם דיל פון דער צווייטער זייט. אין אַ סעקונדע האָט ער זיך אויסגעבויגן די פיס און זיך געקויילערט.

אָבער ער האָט זיך אריינגעקוילערט אין מיין מאַרמעלאַד און אונטערוועש און קעגנאיבער דער הענגטיר.

דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען פון פולשטענדיקער מורא, אָבער איידער כ'האָב געקענט וויסן, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, האָט ער אריינגעזעצט די הענג-טיר, פאַרמאַכנדיק דעם לאַזאַרעט.

דאַן האָב איך פאַרשטאַנען: ער האָט געמיינט, אַז כ'בין אינעווייניק.

ער איז דאַן געווען בלינד, בלינד ווי אַ פלעדערמויז. כ'האָב אים אָבסערווירט, פאָרזיכטיק געאָטעמט, ער זאָל מיך נישט דערהערן.

ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו זיין קאַבינע. כ'האָב געזען ווי זיין האַנט האָט אויף אַ צאָל נישט דערטאַפּט די קליאַמקע, שנעל געזוכט און געפונען.

דאָס איז געווען מיין גליק. כ'בין אויף די שפּיץ פינגער אַדורך די קאַבינע און אַרויף אויף די טרעפּ. ער איז צוריקגעקומען און געשלעפּט אַ שווערן ים-קאַסטן, וועלכן ער האָט אוועקגעלייגט אויף דער הענג-טיר.

נישט צופרידנשטעלנדיק זיך דערמיט, האָט ער געבראַנגט אַ צווייט קעסטל און עס אַרויפגעלייגט אויפן ערשטן. דאַן האָט ער אונויפגעקליבן די מאַרמעלאַדע און די אונטערוועש און זיי

אַרויפגעלייגט אויפן טיש.

ווען ער איז אַרויף, בין איך צוריקגעגאַנגען, שווייגנדיק זיך געקווילערט אינדערהייך פון דער קאַבינע.

ער האָט אַוועקגעשאַרט די ענג-טיר און אַרויפגעלייגט זיין האַנט דערויף, און דער קערפער זיינער האָט נאָך אַלץ געשטעקט אין דעם דורכגאַנג.

ער איז געשטאַנען אין אַ פּאָזיציע, ווי איינער, וואָס קוקט לענג-אויס דעם סקונער, אָדער גיכער געגלאָצט, ווייל זיינע אויגן זענען געווען אָנגעשטרענגט און אומבאַוועגלעך. כ׳האָב זיך געפונען נאָר פינף פוס ווייט פון אים און דירעקט אין זיין זעונגס-קרייז.

דאָס איז געווען אומפאַרזיכטיקייט, צוליב מיין אומזעבאַר-קייט האָב איך מיך געפילט ווי אַ געשפּענסט.

כ׳האָב געפּאַכעט מיט מיין האַנט אַהין און צוריק, נאַטיר-לעך, אָן דערפאָלג; אָבער ווען דער באַוועגלעכער שאָטן איז געפאַלן אויף זיין פּנים, האָב איך געזען, אַז ער פאַרנעמט דעמדאָזיקן איינדרוק. זיין פּנים איז געוואָרן מער דערוואַרטנדיק און אָנגעשטרענגט, און ער האָט זיך באַמיט צו אַנאַליזירן און אידענטיפיצירט דעם איינדרוק. ער האָט געוווסט, אַז ער האָט געענטפערט אויף אַן אויסערלעכער זאַך, אַז זיין פילבאַרקייט איז אָנגערירט געוואָרן דורך אַ פאַרענדערלעכער זאַך אין זיין אומגעבונג; אָבער וואָס דאָס איז, האָט ער נישט געקענט גע-וואָר ווערן.

כ׳האָב אויפגעהערט צו פּאָכען מיט דער האַנט, און אַזוי איז דער שאָטן געבליבן אומפאַרענדערלעך. ער האָט פּאַמעלעך באַוויגן מיטן קאָפּ הין און צוריק און זיך אויסגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, דאָ אין זון-שיין, דאָ אין שאָטן, פי׳נדיק דעם שאָטן, גלייך ווי ער וואָלט אים געפילט בחוש.

אויך איך בין געווען באַשעפטיקט, זיך באַמיענדיק צו באַ-גרייפן ווי אַזוי ער האָט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ אומאָנטאַפּמאַרע זאַך ווי אַ שאָטן, אויב בלויז זיינע אויגן-עפלען זענען געווען קאַליע, אָדער אויב דער אָפּטישער נערוו

איז נישט געווען אינגאַנצן קאַליע, איז די דערקלערונג געווען אַ פּשוטע.

אויב נישט, האָב איך געקענט קומען צום איינציקן שלוס, אַז די פֿילבאַרע הויט האָט דערקענט דעם טעמפּעראַטור־אונטערשיד צווישן שאָטן און זונשיין, אָדער אפֿשר, ווער קען וויסן? — איז עס געווען יענער לעגענדאַרישער זעקסטער חוש, וואָס האָט אים איבערגעגעבן די וויזיע און געפֿיל פֿון אַ נאָענטער זאַך.

אָפּזאָגנדיק זיך פֿון זיין פּרוּוו צו דעפֿינירן דעם שאָטן, איז ער אַרויף אויפֿן דעק און געגאַנגען ווייטער, גייענדיק מיט אַ שנעלקייט און זיכערקייט, וואָס האָט מיך איבערראַשט. און דאָך האָט זיך באַמערקט אין זיין גאַנג דער רמז פֿון שוואַכקייט פֿון אַ בלינדן. איצט האָב איך געוווּסט, אַז ס׳איז אַזוי.

צו מיין לעכערלעכן פֿאַרדראָס, האָט ער אַנטדעקט מיינע שיך אויפֿן דעק, און זיי מיטגעבראַנגט מיט זיך אין קיך אַריין.

כ׳האָב אים אָבסערווירט ווי ער מאַכט פֿייער און ווי ער נעמט זיך קאָכן עסן; דאַן האָב איך מיך אַריינגעגנבעט אין דער קאַבינע נאָך מיין מאַרמעלאַד און אונטערוועש, צוריק זיך אַדורכגעשלייכט פֿאַרביי דער קיך און אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן ברעג, כּדי אָפּצוגעבן אַ באַריכט.

קאַפּיטל פֿופֿצן

„ס׳איז זייער שלעכט, וואָס דאָס געשפּענסט האָט פֿאַרלוירן אירע מאַסטן. מיר האָבן נאָך געקענט אַוועקשווימען אויף אים, ווי מיינט איר, העמפּרי, מיר האָבן געקענט?”

כ׳בין אויפֿגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטער.

„ס׳איז מיר אַ חידוש. ס׳איז מיר אַ חידוש”, דהאָב איך

איבערגעחזרט, גייענדיק אַרויף און אַראָפּ.

מאַודס אויגן האָבן געשיינט מיט פּאָרויסזען, ווען זיי האָבן מיר נאָכגעקוקט.

זי האָט אַזוי געגלויבט אין מיר! און דער געדאַנק וועגן דעם האָט צוגעגעבן כּוח. כ'האָב געדענקט מ י ש ע ל ע ס ווערטער, „פאַרן מאַנספּאַרשוין איז די פרוי, ווי די ערד איז געווען פאַר איר לעגענדאַרישן זון: ער דאַרף נאָר אַנידערפאַלן, קושן איר ברוסט און ער איז ווידער שטאַרק".

כ'האָב צום ערשטן מאָל געפילט דעם אמת פון זיינע ווערטער. נאָכמער, כ'האָב געלעבט מיט זיי.

מאַוד איז דאָס געווען פאַר מיר, אַן אומאויפהערלעכער [...]ל פון כּוח און מוט. כ'דאַרף נאָר אַ קוק טון אויף איר, אָדער טראַכטן וועגן איר, און ווידער ווערן שטאַרק.

„מ'קען עס מאַכן, מ'קען עס מאַכן", האָב איך געטראַכט און הויך אַרויסגערעדט. „וואָס מענטשן האָבן געטון, קען איך אויך טון, און הגם זיי האָבן דאָס קיינמאָל נישט געטון, קען איך עס אָבער יאָ טון".

„וואָס? אום גאָטס ווילן", האָט מאַוד געפרעגט. „זייט דער־באַרעמיק. וואָס קענט איר טון?".

„מיר קענען דאָס טון", האָב איך קאָרעגירט.

„מער נישט ווי צוריק אַרויפזעצן די מאַסטן אויפן געשפּענסט און אַוועקשווימען".

„העמפרי!" האָט זי אויסגערופן.

און כ'האָב מיך געפילט אַזוי שטאָלץ פון מיין קאָנצעפּציע, גלייך ווי דאָס וואָלט שוין געווען אַ געשעענער פאַקט.

„אָבער ווי אַזוי איז מעגלעך דאָס צו טון?" ד'האָט זי געפרעגט.

„כ'ווייס נישט", האָב איך געענטפערט. „כ'ווייס נאָר, אַז היינט בין איך אימשטאַנד אַלץ צו טון"

כ'האָב שטאָלץ געשמייכלט צו איר, — צו שטאָלץ, ווייל זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז אַ ווייל געבליבן שטיל

„אָבער ס׳לעבט נאָך קאַפּיטאַן לאַרסען״ — האָט זי פּראָטעסטירט.

„בלינד און הילפלאָז״, האָב איך באַלד געענטפערט, אַוועקמאַכנדיק אים מיט דער האַנט, ווי אַ שטרוי.

„אָבער זיינע שרעקלעכע הענט! איר ווייסט דאָך ווי ער האָט געטון אַ שפּרינג איבערן לאַזאַרעט״.

„און איר ווייסט אויך, ווי כ׳בין אַרומגעקראָכן און אים אויסגעמיטן״, האָב איך פריילעך געענטפערט.

„און פאַרלוירן די שיך״.

„איר האָט זיך געוויס נישט געריכט, אַז זיי זאָלן אויסמיידן וואָלף לאַרסען אָן מיינע פוס״.

מיר האָבןביידע געלאַכט, און דאַן ערנסט זיך גענומען צו דער אַרבעט, געמאַכט אַ פּלאַן וויאַזוי מיר זאָלן אַרויפזעצן די מאַסטן אויפן געשפּענסט און אומקערן זיך צו דער וועלט. כ׳האָב געדענקט ווי אין חלום די פיזיק, וואָס כ׳האָב געלערנט אין שול, און די לעצטע מאָנאַטן האָבן מיר געגעבן פּראַקטישע דערפאַרונג מיט מעכאַניזמען. כ׳מוז אָבער זאָגן, אַז בעת מיר זענען אַריבערגעגאַנגען צום געשפּענסט כדי נעענטער צו באַטראַכטן די אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן צו טון, אַז דער אָנבליק פון די גרויסע מאַסטן, וואָס זענען געלעגן אין וואַסער, האָבן ביי מיר כמעט צוגענומען דעם מוט. ווו זאָלן מיר! אָנהייבן? אויב ס׳וואָלט כאָטש געשטאַנען אין דערהויך איין מאַסט, צו וועלכן מ׳וואָלט געקענט צובונדן די דרענגער און קלעצער! אָבער ס׳האָט זיך דאָרט גאָרנישט געפונען. ס׳האָט מיך דערמאָנט אָן פּראָבלעם, ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך אויפהייבן ביי די אייגענע שיך-שנורוואַדלעס. כ׳האָב פאַרשטאַנען דעם מעכאַניזם פון אַ שלעפ-כלי; אָבער ווו קען איך באַקומען אַ שטיצפּונקט?

אָט דער הויפּט מאַסט-בוים, פּופצן צאָל אין דיאַמעטער, 55 פוס אין דער לענג, און וועגט, ווי איך האָב אויסגערעכנט בקירוב, לכל הפחות דרייטויזנט פונט. און דאַן די פאָדערמאַסטן, גרעסער אין דיאַמעטער, און זיי וועגן אַוודאי 3.500 פונט. ווו זאָל איך אָנהייבן? מאַוד איז שטילשווייגנדיק געשטאַנען לעבן

מיר, בעת כ'האָב במחשבה קאָנסטרויִרט דעם פּלאַן, וואָס איז באַקאַנט די מאַטראָזן אונטערן נאָמען „שער". אָבער הגם ער איז באַקאַנט די מאַטראָזן, האָב איך דאָס דערפינדן אויף דער מי-אינזל. קרייצנדיק און פאַרבונדנדיק די שפּיצן פון צוויי שטאַנגען, און דאַן אויפהייבנדיק זיי אין דער לופטן ווי אַ „V", האָב איך געקענט באַקומען אַ פונקט איבערן דעק, צו וועלכן מ'זאָל קענען צובינדן די הענגנדיקע דרענגער. צו זיי האָב איך געקענט, אויב ס'איז נויטיק, צוגעבן אַ צווייטע פּאָר הענגנדיקע דרענגער. און דאַן די שיף-ווינדע.

מאַוד האָט געזען, אַז כ'האָב געלייזט די אויפגאַבע, און אירע אויגן זענען וואַרעם געוואָרן מיט סימפּאַטיע.

„וואָס האָט איר בדעה צו טון?", האָט זי געפרעגט.

„אַראָפּרוימען די גראַטעס", האָב איך געענטפערט, אָנווייזנדיק אויף די פאַרפלאָנטערטע זאַכן פון שיפבראָך.

אַך! די דעצידירטקייט, דער בלויזער קלאַנג פון דידאָזיקע ווערטער איז געווען גוט פאַר מיינע אויערן. „אַראָפּרוימען די גראַטעס!" שטעלט אייך פאַר אַזאַ ים-פּראַזע אויף די ליפּן פון העמפּרי וואַן ווײדן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק!

אין מיין פּאָזע און שטים האָט עפּעס געמוזט זיין מעלאָ-דראַמאַטישעס, ווייל מאַוד האָט געשמייכלט. זי האָט געהאַט אַ שאַרפע אָפּשאַצונג וועגן לעכערלעכן, און אין אַלע זאַכן האָט זי בלי-טעות געזען און געפילט, ווו עס האָט זיך געפונען, אַ פאַלשן טאָן, צופיל שאַטן, איבערטאָן. אָט דאָס האָט צוגעגעבן גלייכגעוויכט און דורכדרינגלעכקייט איר אייגענער אַרבעט און זי געמאַכט ווערטפול פאַר דער וועלט. דער ערנסטער קריטיקער, מיטן חוש פאַר הומאָר און קראַפט פון אויסדרוק, מוז אומפאַרמיידלעך באַהערשן די וועלט. און אַזוי האָט זי באַהערשט. איר חוש פאַר הומאָר איז באמת געווען דעם קינסטלערס אינסטינקט פאַר פּראָפּאָרציע.

„כ'בין זיכער, אַז כ'האָב דאָס אַמאָל געהערט, ערגיץ אין ביכער", האָט זי געמורמלט.

כ'האָב אַליין געהאַט אַן אינסטינקט פאַר פּראָפּאָרציע, און

כ׳בין באַלד צוריקגעפאַלן, אַראָפּנידערנדיק פון דער רעגירנדיקער פּאָזע פון אַ הערשער צו אַ צושטאַנד פון צעחושקייט, וואָס איז געווען, מילד גערעדט, זייער אַ נעבעכדיקע.

איר האַנט האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעשטרעקט צו מיינע.

„ס׳טוט מיר לייד", האָט זי געזאָגט.

„איר דאַרפט נישט", האָב איך געשלונגען די ווערטער. „ס׳איז גוט אַזוי פאַר מיר. כ׳האָב אין זיך אַ סך פון אַ חדר-יונגל. וואָס מיר דאַרפן צו טון, איז פּראַקטיש און ווערטלעך אַראָפּצורוימען די גראַטעס. אויב איר וועט מיטגיין מיט מיר אין שיפל אַריין, וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט און ברענגען אַלץ אין אָרדנונג".

„ווען די מאַטראָזן פון אינדערהויך רוימען אַראָפּ די גראַטעס מיט זייערע איינגעלייגטע מעסערס צווישן די ציין" האָט זי ציטירט; און מיר האָבן פרייליך געאַרבעט

איך אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין האַלטן אין אַ זייט דאָס שיפל, בעת איך האָב געאַרבעט ביי די פאַרפּלאָנטערטע שטריק, און אַזאַ פאַרפּלאַנטערניש — זעגלשטריק, קייטן, אַראָפּשלעפּשטריק, מאַסט-שטריק, אַלץ אַרומגעוואַשן, דורך און דורך פאַרפּלאָנטערט און פאַרקניפּט.

כ׳האָב אָפּגעשניטן נישט מער ווי עס איז געווען נויטיק, און אַרומנעמענדיק די לאַנגע שטריק אַרונטער און אַרום די בעלקעס און מאַסטן, און אויפבינדנדיק די זעגל-שטריק און די ליילעכער, און פאַרבינדנדיק אין שיפל און אויפבינדנדיק כדי אַדורכצונעמען דורך אַן אַנדערן קניפּ, בין איך שנעל דורכגעווייקט געוואָרן ווי אַ פּאָדים.

מ׳האָט געדאַרפט אַביסל אָפּשניידן די זעגלען, און די ליילעכער, שווער אָנגעפּילט מיט וואַסער, האָבן שטאַרק דערשעפּט מיינע כוחות; אָבער פאַרן נאַכט ווערן האָט זיך מיר איינגעגעבן דאָס אַלץ אויסצושפּרייטן אויפן ברעג צום אויסטרוקענען.

ווען מיר זענען אַהיים געגאַנגען עסן אָוונטברויט, זענען מיר געווען זייער מיד, און מיר האָבן געהאַט אָפּגעטון אַ שפּאַר

שסיקל אַרבעט, הגם פאַרן אויג איז עס נישט געווען באַדיי־טונגספול.

צומאָרגנס, מיט מאַודן אַלס פעיקע העלפערין, בין איך אַראָפּ אין דער נידער פון געשפּעגסט אָפּצורייניקן די טרעפּ פון די מאַסטן. מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ווי דאָס קלאַפּן און האַקן האָט אַהערגעבערענגט וואָלף לאַרסענען.

„האַלאָ, איר אונטן!" האָט ער אַראָפּגעשריגן.

דער קלאַנג פון זיין שטים האָט געצווונגען מאַודן שנעל זיך צוצורוקן צו מיר, ווי זי וואָלט געזוכט שוץ, און בעת מיר האָבן אונטערגעהאַנדלט, האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיינער.

„האַלאָ אויפן דעק", האָב איך געענטפערט. „גוט מאָרגן אייך".

„וואָס טוט איר דאָרטן אונטן?", האָט ער געפרעגט. „איר באַמיט זיך צו דערטרינקען מיין שיף פאַר מיר?".

„גראָד פאַרקערט: כ'פאַררירכט זי", האָב איך געזאָגט

„אָבער וואָס, צום טייוול, פאַרריכט איר?".

אין זיין שטים האָט זיך געהערט איבערראַשונג.

„איך מאַך אַלץ פאַרטיק, כדי צוריק אַרויפצוזעצן די מאַסטן" האָב איך רויק געענטפערט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען איינע פון די לייכטסטע זאַכן.

„ס'קוקט אויס, ווי איר וואָלט שוין ענדלעך געשטאַנען צויף אייערע אייגענע פיס, העמפ", האָבן מיר געהערט, ווי ער זאָגט. און דאַן איז ער אַ געוויסע צייט געווען שטיל.

„אָבער הערט, העמפרי", האָט ער אַראָפּגעשריגן. „איר קענט דאָס נישט טון"

„אָ, כ'קען", האָב איך צוריקגעענטפערט. „כ'טו עס איצט".

„אָבער דאָס איז מיין שיף: מיין אויסשליסלעך אייגנטום, נו וואָס, אויב כ'פאַרבאָט אייך?"

„איר פאַרגעסט", האָב איך געענטפערט. „איר זענט שוין מער נישט דאָס גרעסטע שטיק פערמעגט. איר זענט אַמאָל געווען אימשטאַנד מיך אויפצועסן, ווי איר האָט דאָס ליב געהאַט אָנצורופן, אָבער ס'איז פאָרגעקומען אַ פאַרקלענערונג, און איך

בין איצט אימשטאַנד אייך אויפצועסן. די הייוון זענען געוואָרן פאַרדומפּן.

ער האָט געגעבן אַ קורצן אומאָנגענעמען לאַך. „כ'זע, אַז איר ווענדט אָן מיין פילאָזאָפיע אויף מיר גופא. אָבער מאַכט נישט דעס פעלער און אונטערשעצט מיך נישט. כ'וואָרן אייך צוליב אייער אייגענער טובה".

„זינט ווען זענט איר דאָס געוואָרן אַ פילאַנטראָפּ?", האָב איך געפרעגט. „זייט אייך מודה, אַז מיטן וואָרנען מיך פאַר מיין אייגענער טובה וועגן, זענט איר נישט קאָנסעקווענט".

ער האָט איגנאָרירט מיין סאַרקאַזם, זאָגנדיק: לאָז זיך אייך דאַכטן, אַז כ'קלאַפּ צו די הענגטיר, איר וועט מיך נישט אָפּפירן ווי אין לאַזאַרעט".

„וואָלף לאַרסען", האָב איך שטרענג געזאָגט, צום ערשטן מאָל זיך געווענדט צו אים ביי זיין פאַמיליערן נאָמען, „כ'בין נישט פעיק אויף צו שיסן אַ הילפלאָזן מענטש, וואָס שטעלט נישט קיין ווידערשטאַנד. איר האָט זיך צו מיין סאַטיפיקאַציע איבערצייגט אין דעם. אָבער איצט וואָרן איך אייך, און נישט אַזויפיל צוליב אייער טובה, ווי צוליב מיינע, אַז מיטן מאָמענט, וואָס איר וועט פּרוּוון אַ פיינטלעכן אַקט קעגן מיר, וועל איך אייך דערשיסן. כ'קען אייך איצט דערשיסן, אַזוי ווי כ'שטיי דאָ איצט: און אויב איר זענט אַזוי אַנטשלאָסן, קומט אַרויף און פּרוּווט צו פאַרמאַכן".

„נישט געקוקט דערויף, פאַרבאָט איך אייך בפירוש, אַז איר זאָלט זיך פאַרען מיט מיין שיף".

„אָבער מענטש איינער!", האָב איך פאַרגעוואָרפן. איר שטיצט זיך אויפן פאַקט, אַז דאָס איז אייער שיף, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ מאָראַליש רעכט. איר האָט קיינמאָל נישט אין אַכט גענומען מאָראַלישע רעכט אין אייערע האַנדלונגען מיט מענטשן. זיכער, אַז אייך וועט נישט איינפאַלן, אַז איך וועל זיי נעמען אין אַכט, האַנדלענדיק מיט אייך?"

כ'בין אַראָפּ אונטער דער אָפענער הענגטיר, אַזוי אַז כ'האָב אים געקאָנט זען. דאָס פעלן פון אַן אויסדרוק אויף זיין פּנים,

גאָר אַנדערש ווי כ'האָב אים אָבסערווירט, איז פאַרגרעסערט געווען צוליב די פּינטלעכדיקע גלאַנצנדיקע אויגן. דאָס איז נישט געווען אַן אָנגענעם פּנים, אַז מזאָל קוקן אויף אים.

„און קיינער איז נישט אַזוי אָרעם, אַפילו נישט העמפּ, ער זאָל אים אָנטון כבוד", האָט ער געחוזקט.

דער חוזק איז געווען לויט זיין גייסט. זיין פּנים איז געבליבן אויסדרוקסלאָז ווי שטענדיק.

„וואָס מאַכט איר, מיס ברוסטער?", האָט ער פּלוצלונג געפרעגט, נאָך אַ הפסקה.

כ'בין געבליבן געפּלעפט. זי האָט נישט געמאַכט קיין שום גערויש, זי האָט אַפילו נישט געטון קיין ריר. צי קען עס זיין, אַז ס'איז אים איבערגעבליבן אַ פונק פון דער ראיה? אָדער, אַז זיין ראיה קערט זיך אום צו אים?

„וואָס מאַכט איר, קאַפּיטאַן לאַרסען?" האָט זי געענטפערט.

„ביטע, פונוואַנען ווייסט איר, אַז כ'געפין מיך דאָ?"

„נאַטירלעך געהערט אייער אָטעם. כ'זאָג אייך, אַז העמפּ פאַרבעסערט זיך, ווי מיינט איר?"

„כ'וויס נישט", האָט זי געענטפערט, שמייכלענדיק צו מיר, „כ'האָב אים קיינמאָל נישט געזען קיין אַנדערן".

„איר האָט אים געדאַרפט זען פריער."

„וואָלף לאַרסען, אין גרויסע דאָזעס", האָב איך געמורמלט, „פריער און דערנאָך".

„כ'מוז אייך נאָכאַיינמאָל זאָגן", האָט ער געזאָגט דראָענד, „אַז ס'איז גלייכער איר זאָלט איבער לאָזן אַלץ ווי געווען."

„אָבער צי ווילט איר נישט אַנטלויפן פונדאַנען, פונקט ווי מיר?" האָב איך געפרעגט מיט אומגלויבן.

„ניין", האָט ער געענטפערט. „איך האָב בדעה דאָ צו שטאַרבן".

„ס'פאַלט אונז גאָרנישט איין", האָב איך טראָציק פאַרענדיקט און ווידער אָנגעהויבן צו קלאַפּן און האַקן.

קאפיטל זעכצן.

צומאָרגנס, נאָכדעם ווי ס'איז געבּרענגט געוואָרן אין אָר־דענונג די מאַסטן און אַלץ איז געווען גרייט, האָבּן מיר זיך גענומען אַרויפבּרענגען אויפן דעק די שפּיצמאַסטן.

אַ שפּיצמאַסט האָט געהאַלטן איבּער דרייסיק פוס אין דער לענג, דער פאָדערשטער שפּיצמאַסט כּמעט דרייסיק, און טאַקע פון זיי האָבּ איך בּדעה געהאַט צו מאַכן די „שער".

ס'איז געווען אַ שווערע אַרבּעט. צובּינדנדיק איין שפּיץ פון אַ שווערן שטריק צו דער שיפּווינדע און מיטן אַנדערן שפּיץ צו דער קאָלבּע פון דעם פאָדערשטן שפּיצמאַסט, האָבּ איך אָנ־געהויבּן צו הייבּן.

מאָוד האָט געהאַלטן דעם קניפּ אויף דער ווינדע און אַרומגעוויקלט די אַראָפּהענגנדיקע שטריק.

מיר זענען געווען דערשטוינט פון דער לייכטקייט, מיט וועלכער מיר האָבּן אויפגעהויבּן דעם דראָנג.

דאָס איז געווען אַ פאַרבּעסערטע ווינדעקאָרבּע און זי האָט געשלעפּט מיט אַ ריזיקער קראַפט. נאַטירלעך, דאָס, וואָס עס האָט אונז געגעבּן איין קראַפט, האָבּן מיר בּאַצאָלט מיטן שטח; אויף וויפיל מאָל עס האָט פאַרטאָפּלט מיין כּוח, אויף אַזויפיל מאָל איז פאַרטאָפּלט געוואָרן די לענג פון שטריק, וועלכן איך האָבּ געשלעפּט.

דער דראָנג האָט זיך שווער געשלעפּט לענגאויס דעם פאָרענטש, פאַרגרעסערנדיק די שלעפּקראַפט, בּעת דער דראָנג האָט זיך אויפגעהויבּן מער און מער פון וואַסער, און דער דרוק אויף דער ווינדע איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער.

אָבּער ווען די קאָלבּע פון שפּיצמאַסט איז אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דעם פאָרענטש, איז אַלץ געוואָרן שטיל.

„כ׳האָב דאָס געדאַרפֿט וויסן״, האָב איך אומגעדולדיק געזאָגט, „איצט דאַרפֿן מיר אַלץ אָנהויבן פֿונדאָסנייע״.

„פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט צובינדן דעם שטריק אין דער נידער פֿון מאַסט״ האָט מאַוד אונטערגעזאָגט.

„אָט דאָס האָבן מיר געדאַרפֿט טון קודם כּל״, האָב איך געענטפֿערט, שטאַרק אומצופֿרידן מיט זיך זעלבסט.

אַראָפּשלעפּנדיק אַביסל, האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם מאַסט צוריק אין וואַסער אַריין און צוגעבינדן דעם האָק, אַ דריטן, פֿון דער זייט פֿון דער קאָלבע.

אין אַ שעה האָב איך עס אויפֿגעהאָנגען אויף אַ פּונקט, ווו ס׳איז שוין ווייטער נישט געווען מעגלעך אויפֿצוהענגען. אַכט פֿוס פֿון דער קאָלבע איז געווען איבערן פֿאָרענטש, און כ׳בין ווייט געווען פֿון אַרויפֿצובריינגען דעם דראָנג אויפֿן ברעג. כ׳האָב מיך אַנידערגעזעצט און באַטראַכט דעם פּראָבלעם, עס האָט נישט לאַנג געדויערט און כ׳בין טריומפֿירנדיק אויפֿגעשפּרונגען.

„איצט וועט עס גיין״, האָב איך אויסגעשריגן. „כ׳מוז צובינדן דעם עק פֿון דראָנג, אַז ס׳זאָל באַלאַנסירן. און וואָס מיר ווען פֿון דעם געוואָר ווערן, וועט אונז צונוץ קומען ביי די אַנדערע זאַכן, וואָס מיר דאַרפֿן אַרויפֿהענגען אויפֿן ברעג״.

ווידעראַמאָל האָב איך אַ תּל געמאַכט פֿון מיין אַרבעט, אַראָפּלאָזנדיק דעם מאַסט אין וואַסער אַריין.

אָבער כ׳האָב שלעכט אויסגערעכנט דעם באַלאַסטפּונקט, אַזוי אַז ווען כ׳האָב אַרויפֿגעשלעפּט דעם שפּיץ פֿון מאַסט, איז אָנשטאָט אים אַרויפֿגעקומען די קאָלבע.

מאַוד איז געווען פֿאַרצווייפֿלט, אָבער איך האָב געלאַכט און געזאָגט, אַז ס׳וועט גוט זיין.

אויסלערנענדיק זי ווי צו האַלטן דעם רודער און זיין גרייט נאָכצולאָזן אויף אַ באַפֿעל, האָב איך גענומען דעם מאַסט אין מיינע הענט אַריין און באַמיט צו באַלאַנסירן אים אין דעק אַריין איבערן פֿאָרענטש.

בעת כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳האָב אים, האָב איך געשריגן

צו איר, אַז זי זאָל נאָכלאָזן; אָבער נישט געקוקט אויף מיין אָנשטרענגונג האָט דער דראָנג זיך אויסגעגלייכט און צוריק־אַריינגעפֿאַלן אין וואַסער אַריין.

ווידער האָב איך אים געשלעפּט צו דער אַלטער פּאָזיציע, ווייל איצט איז מיר איינגעפֿאַלן אַ נייער געדאַנק. כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן די רעזערוושטריק — קליינע, טאָפּלע און איינציקע שטריק — און זיי גענומען.

בעת כ׳האָב דאָס געברענגט אין אָרדנונג צווישן שפּיץ פֿון דראָנג און דעם קעגנאיבערדיקן פּאָרענטש, האָט זיך וואָלף לאַרסען באַוויזן אויף דער סצענע.

מיר האָבן איינער צום אַנדערן נישט מער געזאָגט „זיי גוטמאָרגן״, און הגם ער האָט נישט געקאָנט זען, האָט ער זיך געזעצט אויפֿן פּאָרענטש און לויטן קלאַנג געוווּסט אַלץ, וואָס איך טו.

נאָכאַמאָל אָנזאָגנדיק מאָודן נאָכצולאָזן די ווינדע, ווען כ׳וועל געבן אַ צייכן, בין איך ווייטער געגאַנגען שלעפּן די רעזערוושטריק.

דער מאַסט האָט זיך פּאַמעלעך געוויגט ביז ער האָט זיך באַלאַנסירט ביי די רעכטע ווינקלען איבערן פּאָרענטש; און דאַן בין איך צו מיין איבעראַשונג געוואויר געוואָרן, אַז מאָוד דאַרף גאָרנישט נאָכלאָזן. פּאַקטיש האָט מען געדאַרפֿט טון פֿאַרקערט.

צובינדנדיק די רעזערוושטריק, האָב איך אויפגעהויבן די ווינדע און אַריינגעזעצט דעם מאַסט, צאָל ביי צאָל, ביז דער שפּיץ האָט זיך אַריבערגעבויגן אויפֿן דעק און ענדלעך געבליבן דאָרטן ליגן.

כ׳האָב געקוקט אויף מיין זייגער. ס׳איז געווען צוועלף דער זייגער.

מיין רוקן האָט שטאַרק וויי געטון, און כ׳בין געווען אויסערגעוויינלעך מיד און הונגעריק. און דאָרט אויפֿן דעק איז געלעגן אַן איינציק שטיק האָלץ, אַן אַרבעט פֿאַר דער פרי. צום ערשטן מאָל האָב איך פֿאַרשטאַנען דעם גאַנצן פֿאַרנעם

פון אונזער אויפגאַבע.

אָבער כ׳האָב מיך געלערנט. דער נאָכמיטאָג וועט ווייזן מער אויפגעטועגע זאַכן. און אַזוי איז עס געווען: ווייל מיר זענען צוריקגעקומען איינס אַ זייגער, אויסגערוטע און געקרעפ־טיקט פון אַ גוטן מיטאָג.

אין ווייניקער ווי אַ שעה צייט האָב איך שוין געהאַט דעם הויפטשפּיצמאַסט אויפן דעק, און געקאָנסטרואירט די שער. צובינדנדיק די צוויי שפּיצמאַסטן צוזאַמען, און אויסגלייכנדיק זייער נישט גלייכע לענג, האָב איך אויפן מיטלפּונקט צוגע־בונדן דעם טאָפּלבלאָק פון די הויפּט זעגלשטריק. דאָס, מיטן איינציקן בלאָק און די הויפּטזעגלשטריק גופא האָבן מיר גע־געבן אַ ווינדע.

כדי נישט דערלאָזן, אַז די קאָלבעס פון די מאַסטן זאָלן זיך אַראָפּגליטשן אויפן דעק, האָב איך צוגענעגלט דיקע העלצלעך.

ווען אַלץ איז געווען גרייט, האָב איך צוגעבונדן אַ שטריק צום שפּיץ פון דער שער, און עס צוגעטראָגן גלייך צו דער ווינדע. כ׳האָב באַקומען וואָס אַמאָל מער צוטרוי צו דער ווינדע, ווייל עס האָט מיר געגעבן פּוח גאָר אומגעריכט.

ווי געוויינלעך האָט מאָוד געהאַלטן ביים קניפּ, בעת איך האָב געשלעפּט. די שער האָט זיך געהויבן אינדערלופט.

דאַן האָב איך דערזען, אַז כ׳האָב פאַרגעסן די קייטן־שטריק. דאָס האָט מיך געצוווּנגען אַרויפצוקלעטערן אויף דער שער, צוויי מאָל, איידער כ׳האָב פאַרענדיקט צוצובינדן פון ביידע זייטן.

ווען דאָס איז געוואָרן פאַרטיק, האָט זיך אָנגעהויבן דער בין-השמשות.

וואָלף לאַרסען, וואָס איז געזעסן און זיך צוגעהאָרכט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג און די גאַנצע צייט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, איז אַראָפּגעגאַנגען אין קיך אַריין צוגרייטן פאַר זיך אָוונטברויט.

כ׳בין געווען אַזוי ווי געליימט אין רוקן, אַז מיט אָנ־

שטרענגונג און ווייטיק האָב איך מיך אויסגעגלייכט.

כ׳האָב מיט שטאָלץ געקוקט אויף מיין אַרבעט. דאָס איז ערשט געווען דער אָנהייב. כ׳בין געווען פול מיט חשק, פונקט ווי אַ קינד מיט אַ ניי שפּילעכל, עפּעס אויפצוהענגען מיט מיין שער.

„הלוואַי וואָלט נישט געווען אַזוי שפּעט" האָב איך געזאָגט „כ׳וואָלט געוואָלט זען ווי אַזוי זי אַרבעט.

„זייט נישט קיין פרעסער, העמפּרי", האָט מיך מאָוד געזידלט. „געדענקט, ס׳וואַרט אויף אייך דער מאָרגענדיקער טאָג און איצט זענט איר אַזוי מיד, אַז איר קענט קוים שטיין אויף די פיס".

„און איר?" האָב איך געזאָגט מיט אַן אומגעריכטער זאָרג, „איר זענט מסתּמא זייער מיד. איר האָט שווער און איידל געאַרבעט און כ׳בין שטאָלץ פאַר אייך, מאָוד".

„נישט אַזוי פיל שטאָלץ ווי איך פאַר אייך", האָט זי געענטפערט, קוקנדיק מיר אַ ווייל גלייך אין די אויגן אַריין מיט איר אייגענעם אויסדרוק און אַ טאַנצנדיקן, ציטערדיקן ליכט, וועלכן כ׳האָב נישט געזען פריער און וואָס האָט מיר געגעבן אַ געפיל פון שנעלער פרייד, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, ווייל איך האָב דאָס נישט פאַרשטאַנען. דאַן האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן, כּדי לאַכנדיק ווידער זיי אויפצוהייבן.

„אויב אונזערע פריינט וואָלטן אונז איצט געקאָנט זען" האָט זי געזאָגט. „קוקן אויף אונז. צי האָט איר זיך ווען עס איז אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל צו באַטראַכטן ווי מיר זעען אויס?"

„יאָ, כ׳האָב אָפט באַטראַכט אייער אויסזען", האָב איך געענטפערט, וווּנדערנדיק זיך וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געזען אין אירע אויגן און וווּנדערנדיק זיך איבער איר פּלוצלונגדיקן ענדערן די טעמע.

„רחמנות!" האָט זי געשריגן. „ביטע ווי זע איך אויס?"

„אַ, שרעקוראָנע, כ׳האָב מורא", האָב איך געענטפערט. „קוקט נאָר אויף אייער אויסגעצויגן קליידל. קוקט אויף דידאָ-

זיקע דרייווינקלדיקע פּאָלעס, און אַזאַ טאַליע, מ׳דאַרף נישט דערצו האָבן אַ שערלאָק האָלמס כּדי צו דרינגען, אַז איר האָט געקאָכט ביי אַ געצעלט-קוך. שוין אָפּגערעדט פון אַרויסנעמען דעם פּאָקע טראָן. און דאָס היטעלע. און אַלץ דאָס איז די פרוי, וואָס האָט געשריבן „אַן אויסהאַלטעוודיקן קוש״.

זי האָט זיך עלעגאַנט פאַרנייגט און געזאָגט:

„וואָס שייך אייך, סיר — —״

און דאָך, בעת די פינף מינוט רייצן זיך, האָט זיך אונטער דער שפּיל באַהאַלטן עפּעס ערנסטעס, וועלכעס כ׳האָב געמוזט מיחס זיין צום מאָדנעם און פאַרבייגייענדיקן אויסדרוק אין אירע אויגן.

וואָט איז דאָס געווען? איז עס מעגלעך געווען אַז אונזערע אויגן האָבן גערעדט טראָץ דעם ווילן פון אונזער צונג? כ׳האָב געוווסט, אַז מיינע אויגן רעדן, ביז כ׳האָב אויסגעפונען די שולדיקע און זיי געצוווּנגען צו שווייגן.

דאָס איז פאָרגעקומען עטלעכע מאָל. אָבער צי האָט זי געזען דעם רוף אין זיי און צי האָט זי פאַרשטאַנען? און צי האָבן אירע אויגן אַזוי גערעדט צו מיר? וואָס האָט געקענט באַטייטן יענער אויסדרוק — יענע טאַנצנדיקע, ציטעריקע ליכט און עפּעס מער, וואס ווערטער קענען נישט באַשרייבן. און דאָך האָט עס נישט געקענט זיין. דאָס איז געווען אוממעגלעך. אַגב, בין איך נישט געווען אַזאַ מומחה אין דער אויגן-שפּראַך, כ׳בין בלויז געווען העמפּרי וואַן וועידן, אַ ביכערוואָרם, וואָס האָט געליבט. און צו ליבן, צו וואַרטן און געווינען ליבע, דאָס, זיכער, איז געווען גענוג טרומפירנדיק פאַר מיר.

און אַזוי האָב איך מיר געטראַכט, אַפילו בעת מיר האָבן גערייצט אייגער דעם אַנדערן מיט זיין אויסזען, ביז מיר זענען אַרויף אויפן ברעג און דאָרט איז געווען צו טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן.

„ס׳איז אַ חרפּה, וואָס נאָכן אַרבעטן אַזוי שווער אַ גאַנצן טאָג קענען מיר נישט האָבן אַן אומאיבערגעריסענעם שלאָף״, האָב איך מיך געקלאָגט נאָכן אָוונטברויט.

„אָבער איצט איז נישט פֿאַראַן קיין שום סכּנה? פֿון אַ בלינדן מענטש?“ האָט זי געפֿרעגט.

„כ'וועל קיינמאָל נישט קענען אים גלויבן“, האָב איך פֿאַרזיכערט, „און נאָך ווייניקער איצט, ווען ער איז בלינד. פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז זיין טיילווייזע הילפֿלאָזיקייט וועט אים מאַכן ערגער ווי ווען-עס-איז. כ'ווייס וואָס כ'וועל טון מאָרגן — דאָס ערשטע — מאַכן אַ לייכטן אַנקער און אַוועקפֿירן דעם סקונער פֿון ברעג. און יעדע נאַכט, ווען מיר ּגיין אַרויף אויפֿן ברעג אין שיפֿל, וועט ער, וואָלף לאַרסען, בלייבן אַן אַרעסטאַנט אויפֿן דעק. אַזוי אַרום וועט הייַנטיקע נאַכט זיין די לעצטע, וואָס מיר וועלן האַלטן וואַך, און דערביי וועט עס זיין לייכטער.“

„מיר זענען אויפֿגעשטאַנען פֿרי און געענדיקט פֿרישטיק, ווען ס'איז געוואָרן טאָג.

„אָ, המפּרי!“ האָב איך געהערט מאָדן שרייען טרויעריק און זי איז פּלוצלונג געבליבן שטיין.

כ'האָב געקוקט אויף איר, זי האָט געקוקט אויפֿן געשפּענסט. כ'האָב אויך געקוקט, אָבער גאָרנישט געזען קיין אומגעוויינלעכס.

זי האָט געקוקט אויף מיר און איך האָב מיט אַ פֿראַגע־צייכן צוריקגעקוקט אויף איר.

„די שער,“ האָט זי געזאָגט און איר שטים האָט געציטערט.

„כ'האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן וועגן איר“.

כ'האָב ווידער געקוקט, אָבער כ'האָב זי נישט געקאָנט זען.

„אויב ער האָט — —“ האָב איך ווילד געמורמלט.

זי האָט ליבלעך אַרויפֿגעלייגט איר אָרעם אויף מיינעם און געזאָגט:

„איר וועט ווידער מוזן אָנהייבן פֿון דאָסניי.“

„אָ, גלויבט מיר, מיין כּעס באַטייט גאָרנישט; כ'קען נישט אָנרירן אַפֿילו אַ פֿליג אויף דער וואַנט,“ האָב איך צוריקגעשמייכלט אַ פֿאַרביטערטער, „און דאָס ערגסטע איז, וואָס ער ווייסט דאָס. איר זענט גערעכט. אויב ער האָט פֿאַרניכטעט די

שער, האָב איך נישט אַנדערש צוטון ווי אָנצוהייבן פונדאָסניי.״

„אָבער כ׳וועל שטיין אויף דער וואַך אויפן דעק,״ האָב איך אויסגעבראָכן אַ מינוט שפּעטער. „און אויב ער וועט זיך אַריינמישן — —״

„אָבער כ׳דערוועג זיך נישט צו בלייבן אַליין אויפן ברעג ביינאַכט״, האָט מאָוד געזאָגט, ווען כ׳בין צוריקגעקומען צו זיך. „ס׳וואָלט געווען אַ סך בעסער, אויב ער וואָלט געווען פריינטלעך מיט אונז און מיט געהאָלפן. מיר וואָלטן אַלע געקאָנט באַקוועם לעבן אויפן דעק.״

„מיר וועלן״, האָב איך פאַרזיכערט, נאָך אַלץ ווילד, ווייל די פאַרניכטונג פון מיין באַליבטער שער האָט מיך שווער געטראָפן. דאָס הייסט, איר און איך וועלן לעבן אויפן דעק, פריינטלעך, אָבער נישט מיט וואָלף לאַרסען.״

„ דאָס איז קינדיש,״ האָב איך שפּעטער געלאַכט. „פון אים צוטון אַזעלכע זאַכן, און פון מיר צו ווערן אין כעס פאַר אַזעלכע זאַכן.״

אָבער מיין האַרץ האָט מיר וויי געטון, ווען מיר זענען אַרויפגעקראָכן אויפן דעק און געקוקט אויפן חורבן, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט. די טיר איז אינגאַנצן דאָרט נישט געווען, די שטריק זענען געווען איבערגעשניטן רעכטס און לינקס. די שלעפּשטריק, וועלכע כ׳האָב געבראַנגט אין אָרדנונג, זענען געווען איבערגעשניטן. און ער האָט געוווסט, אַז איך קען זיי נישט פאַ־ייניקן.

עס איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, כ׳בין געלאָפן צו דער ווינדע. עס האָט נישט געטויגט. ער האָט זי צובראָכן.

מיר האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן צעטומלט. דאַן בין איך געלאָפן צום הינטערשטן שיפטייל.

די מאַסטן, באַלקנס און דראָנג, וואָס כ׳האָב פאַרראָכטן, זענען פאַרשוווּנדן.

ער האָט געפונען די לינעס, וואָס האָבן זיי געהאַלטן, און זיי געוואָרפן אין ים אַריין.

מאַודס אויגן זענען געווען פאַרוויינט, און כ׳גלויב, אַז זיי

האָבן געווײנט איבער מיר.

כ׳האָב אַלײן שיער מיטגעװײנט. װוּ איז איצט אונזער פּראָיעקט צוריק אַרויסצוזעצן די מאַסטן פון געשפּענסט?

ער האָט געטון זײַן אַרבעט בשלמות.

כ׳האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף דעם דעק־לאָך און אָנגע־לענט מײַן גאָמבע אויף די הענט, שטאַרק פאַרצווייפלט.

„ער איז װערט דעם טויט," האָב איך אויסגעשריגן. „און גאָט זאָל מיר מוחל זײַן, כ׳בין נישט אויף אַזױפיל מענטש, אַז כ׳זאָל זײַן זײַן עקזעקוטאָר."

אָבער מאַוד איז געשטאַנען בײַ מײַן זײַט, גלעטנדיק מיט איר האַנט מײַנע האָר, גלײַך װי כ׳װאָלט געװען אַ קינד, און זאָגנדיק, „אַט, אַט, ס׳װעט אַלץ גוט זײַן. מיר זענען גערעכט און ס׳מוז גוט זײַן."

כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן מישעלע און אָנגעשפּאַרט מײַן קאָפּ אויף איר; און באמת, כ׳בין װידער געװאָרן שטאַרק.

די געבענטשטע פרוי איז געװען פאַר מיר אַן אומאויס־הערלעכער פאָנטאַן פון קראַפט.

װאָס מאַכט עס אויס? בלויז אַ שטערונג, אַ נדחה.

דער שטראָם האָט נישט געקאָנט אַװעקטראָגן די מאַסטן װײַט אין ים אַרײַן און ס׳האָט נישט געבלאָזן קײן װינט. דאָס האָט באַטײַט בלויז אַרבעט זײ צו געפינען און זײ צוריקצו־שלעפּן. און אַגב, איז עס געװען אַ לעקציע.

כ׳האָב געװוּסט אויף װאָס כ׳האָב זיך צו ריכטן.

ער האָט געקענט װאַרטן און פאַרניכטן אונזער װערק מער װירקזאַם, װען מיר װעלן האָבן מער אויפגעטון.

„אָט גײט ער," האָט זי געשעפּטשעט.

כ׳האָב אַ קוק געטון. ער האָט זיך לײַכט געשפּרײזט לאַנגזאַם אויפן בריקל פון לינקן שיפטײל.

„מאַכט זיך נישט פון אים," האָב איך געשעפּטשעט. „ער איז געקומען זען װי אַזױ מיר האָבן דאָס אויפגענומען. לאָז ער נישט װיסן, אַז מיר װײסן. מיר קענען אים פאַרשפּאָרן די־דאָזיקע סאַטיספאַקציע. טוט אויס אײַערע שיך — אָט אַזױ — און

טראָגט זיי אין דער האַנט.

און דאַן האָבן מיר זיך געשפּילט אין באַהעלטעלעך מיטן בלינדן מענטש. בעת ער איז אַרויפגעקומען אויף דער לינקער זייט, האָבן מיר זיך אַדורכגעשלייכט רעכטס און פון בריקל האָבן מיר אָבסערווירט ווי ער דרייט זיך און באַוועגט זיך אויף אונזער שפּור.

ער האָט מסתם געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אויפן דעק, ווייל ער האָט אונז פאַמיליאַר געזאָגט, „גוט מאָרגן", און געוואַרט מיר זאָלן ענטפערן אויף דער באַגריסונג.

דאַן איז ער אַרויף אויפן הינטערשטן שיפטייל און מיר האָבן זיך פאַרבייגעשלייכט ווייטער.

„אָ, כ'ווייס, אַז איר זענט אויפן דעק," האָט ער אויסגע-רופן, און כ'האָב געקענט זען ווי ער האָרכט אויפמערקזאַם.

דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן דער גרויסער סאָווע, האָרכנ-דיק איר גרויסן געשריי, וואַרטנדיק אויף דער באַוועגונג פון איר איבערגעשראָקענעם רויב.

אָבער מיר האָבן זיך נישט גערירט, און מיר האָבן זיך באַוועגט, ווען ער האָט זיך באַוועגט.

און בעת מיר האָבן זיך אַזוי געפּאָרעט אויפן דעק, ווי אַ חברה קינדער, געיאָגט פון אַ שלעכטן מענטשנפרעסער, ביז וואָלף לאַרסען,—ס'איז אים, קענטיק, מיאוס געוואָרן,—איז אַראָפּ פון דעק אין דער קאַבינע.

פרייד איז געווען אין אונזערע אויגן, און אונטערדריקטע ווערטער אין אונזערע מיילער, בעת מיר האָבן אָנגעטון אונזערע שיך און אַרייַנגעקראָכן אין שיפל אַריין.

און בעת כ'האָב אַרייַנגעקוקט אין מאַודס קלאָרע בלאָע אויגן האָב איך פאַרגעסן דאָס שלעכטס, וואָס ר'האָט געטון, און כ'האָב בלויז געוווּסט, אַז כ'ליב זי, און אַז צוליב איר האָב איך אין זיך אַ כּוח צוריקצוגיין צו דער וועלט.

קאַפּיטל זיבעצן

אין משך פון צוויי טעג האָב איך און מאָוד גענישטערט דעם ים און געזוכט אויף די ברעגן די פֿאַרלוירענע מאַסטן. אָבער ערשט אויפֿן דריטן טאָג האָבן מיר זיי געפֿונען, אַלץ איינשליסלעך די שער, און פֿון אַלע געפֿערלעכע ערטער — אין דעם רווישנדיקן שטראָם פֿון פֿינצטערן דרום־מערב קאַפּ *), און ווי אַזוי האָבן מיר געאַרבעט! אין בין־השמשות פֿון ערשטן טאָג זענען מיר צוריקגעקומען דערשעפּטע אין אונזער קליינער הייל, שלעפּנדיק הינטער זיך די הויפּטמאַסטן, און מיר זענען געצוווּנגען געווען צו וויעסלעווען אין אַ טויטער שטילקייט.

נאָך אַ טאָג פֿון האַרצרייסנדיקער און געפֿערלעכער אַרבעט האָבן מיר געהאַט אין געצעלט צוויי שפּיצמאַסטן.

זומאַרגנס בין איך געווען פֿאַרצווייפֿלט און כ'האָב צוזאַמענגענומען דעם פֿאָדערמאַסט, די פֿאָדערשטע, און הויפּט־דרענגער, און די פֿאָדערשטע־ און הויפּט־זעגלען.

ס'האָט געבלאָזן אַ גינסטיקער ווינט און כ'האָב געהאַט בדעה צו שלעפּן זיי צוריק אונטערן זעגל, אָבער דער ווינט האָט געשטערט, דאַן איז שטיל געוואָרן, און מיר האָבן געמאַכט פֿאָרשריט מיט די וויעסלעס פּונקט ווי אַ שנעק. און דאָס איז געווען אַזאַ אַנטמוטיקנדיקע אָנשטרענגונג צו וואַרפֿן דעם גאַנצן כּוח און די משא אויף די וויעסלעס און פֿילן ווי דאָס שיפֿל ווערט געהאַמעוועט אין איר פֿאָרווערטסגיין דורך דער שווערער משא פֿון הינטן, און דאָס איז נישט געווען אַ זאַך, וואָס זאָל דערפֿרייען.

---

*) יבשה, וואָס סטאַרטשעט אַרויס פֿון ים.

ס'האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן די נאַכט, און צום שלימזל האָט דער ווינט אָנגעהויבן צו שפּרינגען אויף אונז. נישט נאָר ס'האָט אויפגעהערט יעדע באַוועגונג פאָרוועָרטס, אָבער מיר האָבן אָנגעהויבן צוריק צו שטראָמען און אַריין אין ים אַריין.

כ'האָב געקעמפט ביי די וויעסלעס ביז כ'בין געבליבן אָן כוחות.

די אָרעמע מאָוד, ווען כ'האָב קיינמאָל נישט געקאָנט שטערן צו אַרבעטן ביז דער גרענעץ פון אירע כוחות, איז גע-לעגן אָפּגעשוואַכט אינמיטן שיפל.

כ'האָב שוין נישט געקענט מער וויעסלעווען. מיינע צע-ביילטע און געשוואָלענע הענט האָבן שוין נישט געקענט האַלטן די הענטלעך פון די וויעסלעס.

מיינע אָרעמס און הענטביינדלעך האָבן מיר אומדערטרעג-לעך ווי געטון, און הגם כ'האָב מיט אַפּעטיט געגעסן אַ צווייט פרישטיק, בין איך געווען פאַרחלשט פון הונגער און פון דער שוואַכער אַרבעט.

כ'האָב אַריינגעשלעפּט די וויעסלעס און צונעצויגן צו דער ליניע, וואָס האָט געהאַלטן די שלעפּ-שטריק. אָבער מאָודס האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט, פאַרהאַלטנדיק מיך.

„וואָס ווילט איר טון?" האָט זי געפרעגט מיט אַן אויס-געצויגן, אָנגעשטרענגט קול.

„אָוועקוואַרפן", האָב איך געענטפערט.

אָבער אירע פינגער האָבן פעסט געהאַלטן מיינע.

„ביטע, טוט דאָס נישט", האָט זי זיך געבעטן.

„דאָס איז נוצלאָז", האָב איך געענטפערט. „דאָ איז נאַכט און דער ווינט יאָגט אונז אַוועק פון דער יבשה".

„אָבער באַטראַכט זיך, העמפרי. אויב מיר קענען נישט אַוועקשווימען אויפן געשפענסט, וועלן מיר גאַנצע יאָרן בלייבן אויפן אינזל—אויפן גאַנצן לעבן. אויב דידאָזיקע אינזלען זענען נישט אַנטדעקט געוואָרן ביז היינט, וועט מען זיי קיינ-מאָל נישט אַנטדעקן".

„איר פֿאַרגעסט דאָס שיפֿל, וואָס מיר האָבן געפֿונען אויפֿן ברעג", האָב איך איר דערמאָנט.

„דאָס איז געווען אַ פּאַקע-יעגעריש שיפֿל", האָט זי געענטפֿערט, „און איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויב די מענטשן וואָלטן אַנטלאָפֿן, וואָלטן זיי געקומען צוריק צו מאַכן אַ פֿאַרמעגן פֿון די פּאַקע-נעסטן. איר ווייסט, אַז זיי זענען קיינמאָל נישט אַנטלאָפֿן".

כ'בין געבליבן שטיל, נישט אַנטשלאָסן.

„חוצדעס", האָט זי צוגעגעבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, „איז עס אייער געדאַנק, און איך וויל זען, ווי עס וועט אייך איינגעבן".

איצט האָב איך געקאָנט פֿאַרהאַרטעווען מיין האַרץ. באַלד ווי זי האָט דאָס געטון אויף אַ פּערזענלעכן חניפֿהדיקן באָדן, האָט מיך גרויסמוטיקייט געצווונגען דאָס אָפּצולייקענען.

„בעסער יאָרן אויף דעם אינזל, ווי שטאַרבן היינט ביינאַכט, אָדער מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן, אין אָפֿענעם שיפֿל. מיר זענען נישט צוגעגרייט צו קעמפֿן מיטן ים. מיר האָבן נישט קיין שפּייז, קיין וואַסער, קיין קאָלדרעס, גאָרנישט. איר וועט דאָך נישט איבערלעבן די נאַכט אָן קאָלדרעס, כ'ווייס, ווי שטאַרק איר זענט, איר ציטערט איצט".

„דאָס איז בלויז נערוון", האָט זי געענטפֿערט. „כ'האָב מורא, אַז איר וועט אָוועקוואַרפֿן די מאַסטן להכעיס מיר".

„אָ, ביטע, ביטע, העמפֿרי, טוט עס נישט!" האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ווייל שפּעטער.

און אַזוי האָט עס זיך געענדיקט מיט דער פֿראַזע, וואָס האָט, ווי זי האָט געוווּסט, געהאַט אַ קראַפֿט איבער מיר. מיר האָבן שטאַרק געציטערט אַ גאַנצע נאַכט. ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל בין איך איינגעשלאָפֿן, אָבער דער ווייטיק פֿון דער קעלט האָט מיך אויפֿגעוועקט. ווי אַזוי מאוד האָט דאָס אויסגעהאַלטן, פֿאַרשטיי איך נישט.

כ'בין געווען צו-מיד צו קלאַפֿן מיט די אָרעמס און זיך אָנוואַרעמען, אָבער צייטנווייז האָב איך געהאַט כוח צו רייבן

אירע הענט און פיס, אַז ס׳בלוט זאָל ווידער צירקולירן. און זי האָט געהאַלטן אין איין בעטן מיך, אַז כ׳זאָל נישט אָוועקוואַרפן די מאַסטן.

אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָגס האָט איר אָנגעכאַפּט אַ קאַלטער קראַמף, און נאָכדעם ווי כ׳האָב זי אויסגעריבן, איז זי געווען איבגאַנצן פאַרשטאַרט.

כ׳בין געווען איבערגעשראָקן.

כ׳האָב אַרויסגענומען די וויעסלעס און איר געהייסן וויעסלעווען, הגם זי איז געווען אַזוי שוואַך, אַז כ׳האָב געמיינט אָט-אָט חלשט זי.

ס׳איז געוואָרן טאָג, און מיר האָבן לאַנג געזוכט אונזער אינזל.

ענדלעך האָט זי זיך באַוויזן, קליין און שוואַרץ, אויפן האָריזאָנט, פולע פופצן מייל פון אונז. איך האָב געבענטשט דעם ים מיט דעם שפּאַקטיוו.

ווייט, אין דרום-מערב, האָב איך געזען אַ טונקעלע ליניע אויפן וואַסער, וואָס איז גרעסער געוואָרן, בעת כ׳האָב געקוקט דערויף.

„אַ גינסטיקער ווינט!" האָב איך געשריגן מיט אַ הייזע-ריקער שטים, וואָס כ׳האָב נישט דערקענט אַלס מיין אייגענע.

מאַוד האָט געפּרוווט צו ענטפערן, אָבער זי האָט נישט געקענט רעדן.

אירע ליפּן זענען געווען בלאָ פאַר קעלט, און איר פּנים איז געווען איינגעפאַלן — אָבער אָ, ווי דרייסט אירע ברוינע אויגן קוקן אויף מיר! ווי רחמנותדיק דרייסט!

ווידער האָב איך גענומען רייבן אירע הענט, באַוועגן אירע אָרעמס אַרויף און אַראָפּ, ביז זי האָט אַליין געקענט קלאַפּן מיט זיי. דאַן האָב איך זי געצוווּנגען אויפצושטעלן זיך, און אַפילו ווען זי וואָלט געפאַלן, וואָלט איך זי נישט אונטער-געהאַלטן, כ׳האָב זי געצוווּנגען צו גיין אַהין און צוריק די עטלעכע טריט צווישן דער קווער באַנק און דעם מיטן שיפל

און ענדלעך צו שפרינגען ארויף און אראפ.

„אָ, איר העלדישע פרוי", האָב איך געזאָגט, ווען כ'האָב געזען ווי די פאַרב קומט צוריק אין איר פּנים אריין. צי ווייסט איר, אַז איר זענט געווען העלדיש?

„כ'בין קיינמאָל נישט געווינט געווען צו זיין העלדיש", האָט זי געענטפערט. „כ'בין קיינמאָל נישט געווען העלדיש, ביז כ'האָב אייך דערקענט. דאָס זענט איר, וואָס האָט מיך געמאַכט העלדיש".

„נישט איך, ביז כ'האָב אייך דערקענט", האָב איך געענטפערט.

זי האָט אויף מיר שנעל אַ קוק געטון, און ווידער האָב איך דערזען יענעם טאַנצנדיקן, ציטערן ליכט און עפּעס מער אין אירע אויגן. אָבער דאָס האָט געדויערט אַ ווײַלע. דאַן האָט זי געשמייכלט.

„דאָס זענען מסתּמאָ שולדיק געווען די באַדינגונגען", האָט זי געזאָגט, אָבער כ'האָב געוווּסט, אַז זי איז אומגערעכט, און כ'האָב מיך געפרעגט, צי זי ווייסט דאָס.

דאַן האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ שאַרפער און פרישער ווינט, און דאָס שיפל האָט באַלד זיך אויסגעקעמפט אַ וועג דורך שווערע כוואַליעס צו צום אינזל.

האַלב פיר נאָכמיטאָג זענען מיר פאַרביי דעם דרום-מערב-דיקן קאפּ.

מיר זענען געווען נישט נאָר הונגעריק, נאָר אויך געליטן פון דורשט.

אונזערע ליפּן זענען געווען טרוקן און צעשפּאָלטן, און מיר האָבן זיי שוין נישט געקענט איינגעצן מיט אונזערע צינגער.

דער ווינט איז פּאַמעלעך שטיל געוואָרן. אין דער נאַכט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט און כ'האָב ווידער געאַרבעט ביי די ווײַעסלעס, אָבער שוואַך, גאָר שוואַך.

צוויי פאַרטאָג האָט אונזער שיפל שפּיץ אָנגערירט דעם ברעג פון אונזער אינערלעכער הייל, מאָוד האָט נישט געקענט

שטיין, און כ׳האָב נישט געהאַט קיין כּוח צו טראָגן זי. כ׳בין אומגעפאַלן מיט איר אויפן זאַמד, און ווען כ׳בין געקומען צו זיך, האָב איך מיך צופרידנגעשטעלט, לייגנדיק מײַנע הענט אונטער אירע אַקסלען און זי געשלעפּט מיטן ברעג צו דעם הייזל.

צומאָרגנס האָבן מיר גאָרנישט געטון, פּאַקטיש זענען מיר געשלאָפן ביז דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. אָדער לכל־הפּחות בין איך געשלאָפן, ווײַל ווען כ׳בין אויפגעקומען האָב איך געטראָפן מאַוודן קאָכן מיטאָג. איר דערהאָלונגס־כּוח איז געווען וווּנדערבאַר, עפּעס איז געווען אַן אויסהאַלטעוודיקייט אין איר ליליע־שוואַכן קערפּער, אַ קלאַמערן זיך אָן דער עקזיסטענץ, וואָס האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער בולטער שוואַכקייט.

„איר ווייסט, אַז כ׳בין צוליבן געזונט געפאָרן קיין יאַפּאַן", האָט זי געזאָגט, בעת מיר זענען געזעסן בײַם פֿײַער נאָכמיטאָג און הנאה געהאַט פון דער אומבאַוועגלעכקייט פון גאָרנישט טון. „כ׳בין נישט געווען שטאַרק. כ׳בין קיינמאָל נישט געווען. די דאָקטוירים האָבן רעקאָמענדירט אַ ים־רײַזע, און כ׳האָב אויסגעקליבן די לענגסטע".

„איר האָט גאָרנישט, וואָס איר קלויבט אויס", האָב איך געלאַכט.

„אָבער כ׳וועל זײַן אַן אַנדערע פרוי נאָך דער דערפאַרונג, ווי אויך אַ שטאַרקערע פרוי", האָט זי געענטפערט, „און כ׳האָף, אַ בעסערע פרוי, לכל־הפּחות וועל איך בעסער פאַרשטיין דאָס לעבן".

דאַן, ווי דער קורצער טאָג איז אַוועק, האָבן מיר אָנגעהויבן צו דיסקוטירן וואָלף לאַרסענס בלינדקייט.

דאָס איז געווען אַן אומדערקלערלעכע זאַך. און אַז דאָס איז אַן ערנסטע זאַך, האָב איך געדרונגען פון זײַן דערקלערונג, אַז ער האָט בדעה צו בלײַבן און שטאַרבן אויף דער מי־אינזל. ווען ער, דערדאָזיקער שטאַרקער מענטש, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן, האָט מקבל באהבה געווען זײַן טויט, איז עס אַ

קלאָרע זאַך, אַז ס׳פּייניקט אים עפּעס מער ווי בלינדקייט און זיינע שרעקלעכע קאָפּווייטיקן און מיר האָבן איינגעשטימט, אַז דאָס איז אַ מין צוזאַמענברוך פון מוח, און אַז בעת זיינע אַטאַקן ליידט ער מער ווי מיר קענען באַגרייפן.

בעת מיר האָבן געשמועסט וועגן זיין לאַגע, האָב איך באַמערקט, אַז מאָוד סימפּאַטיזירט מיט אים וואָס־אַמאָל מער; אָבער דאָך האָב איך זי געליבט דערפאַר, אַזוי זיס־ווייבעריש איז זי געווען. אַגב, האָט נישט געשטעקט קיין פאַלשער סענטי־מענט אין איר געפיל.

זי האָט מסכים געווען, אַז מ׳דאַרף אים באַהאַנדלען אַמ־שטרענגסטן, אויב מיר ווילן זיך ראַטעווען, הגם זי האָט גע־ציטערט ביי דעם רמז, אַז כ׳קען אַמאָל זיין געצוווּנגען אַוועק־צונעמען זיין לעבן, כדי צו ראַטעווען מיין אייגן.

„אונזער אייגן״, האָט זי זיך אַריינגעמישט.

אינדערפרי האָבן מיר געגעסן פרישטיק און געאַרבעט ווען ס׳איז געוואָרן טאָג.

כ׳האָב געפונען אַ לייכטן קליינעם אַנקער אין דער באַ־גאַזש־אָפּטיילונג, ווו מ׳האַלט געוויינלעך אַזעלכע זאַכן; און נאָך אַ שפּאָר ביסל אָנשטרענגונג אַרויסבאַקומען עס אויפן דעק און אין שיפל אַריין.

מיט אַ לאַנגער זיך שלענגלדיקער שטריק אַראָפּגעקוילערט אין הינטערשטן שיפטייל, בין איך אַריין אין אונזער קליינער הייל און דער אַנקעם אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער.

ס׳האָט נישט געבלאָזן קיין ווינט, דער שטראָם איז געווען הויך און דער סקונער איז קאַפּויער געקומען. אַראָפּוואַרפנדיק די ברעג־שטריק, האָב איך עס אַרויסגעצאַנקערט מיט בלויזער קראַפט, ביז עס איז צוגעפאָרן כמעט נאָענט צום קליינעם אַנקער — צו קליין צו האַלטן עס אויף אַ קליין ווינטל. אַזוי האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם גרויסן אַנקער פון רעכטס, שטאַרק נאָכלאָזנ־דיק, און נאָכמיטאָג האָב איך געאַרבעט ביי דער ווינדע.

דריי טאָג האָב איך געאַרבעט ביי דער ווינדע. ווייניקער פון אַלעם בין איך געווען אַ מעכאַניק, און אין משך פון דער־

דאָזיקער צייט האָב איך אויפגעטון דאָס, וואָס אַ געוויינלעכער מעכאַניקער וואָלט אויפגעטון אין משך פון עטלעכע שעה. קודם כּל האָב איך געמוזט זיך אויסלערנען באַנוצן מיט מיינע מכשירים און זיך אויך געמוזט לערנען יעדן פּשוטן מעכאַנישן פּרינציפּ, וואָס איז באַקאַנט יעדן מעכאַניקער. און צום סוף פון דריטן טאָג האָב איך געהאַט אַ ווינדע, וואָס האָט אומגעלומפּערט געאַרבעט.

זי האָט קיינמאָל נישט געגעבן די סאַטיספּאַקציע, וואָס די אַלטע. אָבער ס'האָט געאַרבעט און מעגלעך געמאַכט מיין אַרבעט.

אין משך פון אַ האַלבן טאָג האָב איך אַרויפגעבראַכט די צוויי שפּיצמאַסטן אויפן דעק און די שער געבראַכט אין אָרדענונג ווי פריער.

אין יענער נאַכט בין איך געשלאָפן אויפן דעק לעבן מיין ווערק.

מאַוד, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בלייבן אַליין אויפן ברעג, איז געשלאָפן אויבערשטן דעק.

וואָלף לאַרסען איז געזעסן דערנעבן, צוגעהאָרכט זיך ווי כ'פאַרריכט די ווינדע און געשמועסט מיט מאָוד און מיט מיר אויף פאַרשידענע טעמעס.

קיינער פון אונז האָט נישט דערמאָנט וועגן דער פאַר-ניכטונג פון דער שער, אויך האָט ער גאָרנישט גערעדט וועגן איבערלאָזן אים די שיף.

אָבער דאָך האָב איך נאָך מורא געהאַט פאַר אים, אַ בלינדער, הילפלאָזער און צוהאָרכנדיקער, שטענדיק צוהאָרכנדיק, און בעת כ'האָב געאַרבעט, האָב איך קיינמאָל נישט-דערלאָזט, אַז זיינע הענט זאָלן זיך דערנענטערן צו מיר.

אין יענער נאַכט, שלאָפנדיק אונטער מיין באַליבטער שער, האָבן מיך אויפגעוועקט זיינע פוס-טריט אויפן דעק. ס'איז געווען אַ לבנה-נאַכט און בעת ער האָט זיך גערירט, האָב איך אים געקאָנט זען.

כ'בין אַרויס פון מיינע קאָלדרעס און געראוישלאָז געקראָכן

נאָך אים אין מיינע זאַקן.

ער האָט זיך באַוואָפנט מיט אַ מעסער פון מכשירים-טישל, און מיט דעם האָט ער זיך צוגעגרייט איבערצושניידן די שלעפשטריק, וועלכע כ׳האָב ווידער צוגעבונדן צו דער שער. ער האָט געטאַפּט די שלעפשטריק מיט די הענט און דערזען, אַז כ׳האָב זיי נישט שטאַרק צוגעבונדן.

דאָס וועט נישט טויגן פאַר אַ מעסער, אַזוי אַרום האָט ער אָנגענומען די שוואַכע זייט, געצויגן און שטאַרקער צוגעבונדן.

ער איז דאַן גרייט געווען איבערצושניידן מיט דעם מעסער.

„כ׳וואָלט דאָס נישט געטון, ווען כ׳בין אויף אייער אָרט", האָב איך רויִק געזאָגט.

ער האָט געהערט דאָס קנאַקן פון מיין רעוואָלווער און געלאַכט.

„האַלאָ, העמפּ", האָט ער געזאָגט. „כ׳האָב געוווּסט די גאַנצע צייט, אַז איר זענט דאָ. איר קענט נישט אָפּנאַרן מיינע אויערן".

„דאָס איז אַ ליגן, וואָלף לאַרסען", האָב איך געזאָגט אַזוי רויִק ווי פריער.

„אָבער דאָך וויל איך שטאַרק האָבן אַ געלעגנהייט צו דערהרגענען, אַלזאָ גייט און שניידט איבער".

„איר האָט שטענדיק די געלעגנהייט", האָט ער געחוזקט.

„גייט און שניידט", האָב איך געדראָט.

„גיכער וועל איך אייך אַנטוישן", האָט ער געלאַכט און זיך אויסגעדרייט און אַוועק.

„מ׳מוז עפּעס טון, העמפרי", האָט מאָוד געזאָגט צו-מאָרגנס, ווען כ׳האָב איר דערציילט וועגן פאָרגעקומענעם ביי-נאַכט. „אויב ער איז פריי, קען ער אַלץ טון. ער קען דער-טרינקען די שיף, אָדער אָנצינדן זי. מ׳קען גאָרנישט וויסן, וואָס ער קען טון. מיר מוזן אים מאַכן פאַר אַ געפאַנגענעם".

„אָבער ווי אַזוי?" האָב איך געפרעגט מיט אַ הילפלאָזן צוק מיט די אַקסלען. „כ'וואָג נישט צוזאָגיין גאָענט צו אים, און ער ווייס, אַז כּל־זמן זיין ווידערשטאַנד איז אַ פּאַסיווער, וועל איך אים נישט שיסן".

„מ'מוז געפינען אַן עצה", האָט זי דיסקוטירט. „לאָמיך אַ טראַכט טון".

„ס'איז פאַראַן איין מיטל", האָב איך פינצטער געזאָגט.

זי האָט געוואַרט.

כ'האָב אויפגעהויבן אַ פּאַקע־שטעקן.

„דאָס וועט אים נישט דערהרגענען", האָב איך געזאָגט. „און איידער ער וועט קומען צו זיך, וועל איך אים פעסט צובינדן".

זי האָט מיט אַ שוידער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„ניין, נישט דאָס. מ'מוז געפינען עפּעס אַ ווייניקער ברוטאַל מיטל. לאָמיר וואַרטן".

אָבער ער האָט נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן. און דאָס פּראָבלעם האָט זיך אַליין געלייזט.

אינדערפרי, נאָך אַ פּאָר פּרוּוון, האָב איך געפונען דעם באַלאַנס־פּונקט אין דעם פאָדערמאַסט און צוגעבונדן מיין העננגנדיקן דראָנג אַ פּאָר פוס איבער אים.

מאָוד האָט געהאַלטן דעם קניפּ ביי דער ווינדע און אַראָפּגעצויגן, בעת איך האָב געשלעפּט. וואָלט די ווינדע געווען אין אָרדענונג, וואָלט עס נישט געווען אַזוי שווער; ווי די לאַגע איז איצט געווען, בין איך געצוווּנגען געווען אָנצווענדן מיין גאַנצע וואָג און כּוח פאַר יעדן צאָל פון שלעפּן. כ'האָב אָפט געמוזט זיך אָפּרוען, באמת, די הפסקות פון אָפּרו זענען געווען לענגער ווי די אַרבעטסציַיט.

טיילמאָל, ווען אַלע מיינע אָנשטרענגונגען האָבן נישט געקענט רירן פון אָרט די ווינדע, האָט מאָוד געפּרווט צו האַלטן דעם קניפּ מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדערער צו וואַרפן די משא פון איר שלאַנקן קערפער צו מיין הילף.

נאָך אַ שעה אַרבעט, זענען זיך צונויפגעקומען די איינ-

ציקע און טאָפּלטע בלאָקן ביים שפּיץ פון דער שער.

כ'האָב שוין מער נישט געקאָנט אַרויפהענגען. און דאָך איז דער מאַסט אינגאַנצן נישט געווען אין דעק.

די קאָלבע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער אויסערלעכער זייט פון דעם לינקן פּאָרענטש, בעת דער שפּיץ פון מאַסט איז געהאָנגען איבערן וואַסער, ווייט פון דעם רעכטן פּאָרענטש. מיין שער איז געווען צו קורץ. מיין גאַנצע אַרבעט איז געווען אַרויסגעוואָרפן. אָבער כ'בין שוין גאָרנישט געווען פאַרצווייפלט ווי פריער.

כ'האָב באַקומען מער צוטרוי צו זיך און מער צוטרוי צו דער מעגלעכקייט פון דער ווינדע, שער און הענגדיקע דראָגן. ס'איז געווען אַ מיטל, לויט וועלכן מ'האָט דאָס געקענט טון, און כ'האָב גענדאַרפט אויסגעפינען דאָסדאָזיקע מיטל.

בעת כ'האָב מיך אַריינגעטראַכט אין מיין פּראָבלעם, איז וואָלף לאַרסען אַרויפגעקומען אויפן דעק.

מיר האָבן באַלד באַמערקט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיט אים.

די אומאַנטשלאָסנקייט, אָדער שוואַכקייט פון זיינע באַוועגונגען זענען געוואָרן נאָך מער דייטלעך.

זיין גיין איז פּאַקטיש געווען ווי אַ וואַקלען זיך.

ביים עק שיף האָט ער זיך אַ וואַקל געטון, אויפגעהויבן איין האַנט צו די אויגן מיטן באַקאַנטן אוועקשאַרנדיקן זשעסט און געפאַלן אויף די טרעפּ — נאָך אַלץ אויף די פיס — צום הויפּט-דעק, איבער וועלכן ער האָט זיך אויסגעגליטשט — פּאַלענדיק און אויסשטרעקנדיק זיין האַנט נאָך הילף.

ער האָט צוריקגעוווּנען זיין גלייכגעוויכט ביים איינגאַנג צום רודערשטובל און דאָרט געשטאַנען אַ ווייל, ווען ער האָט זיך פּלוצלונג איינגעקורטשעט און אַנידערגעפאַלן. זיינע פיס האָבן זיך אים איינגעבויגן, בעת ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן דעק.

„איינער פון זיינע אַטאַקן" האָב איך איינגערוימט מאַודן.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: און כ'האָב געוועזן סימפּאַט-

יע אין אירע אויגן.

מיר זענען אַרויף צו אים, און ס׳האָט אויסגעזען, אַז ער איז באַוווסטלאָז, אָטעמט אין ספּאַזמען. זי האָט אַכטונג געגעבן אויף אים, אויפגעהויבן זיין קאָפּ כּדי איינצוהאַלטן דאָס בלוט און מיך געשיקט אין דער קאַבינע אַריין נאָך אַ קישן. כ׳האָב אויך אַרויסגעבּרענגט קאָלדרעס, און מיר האָבן אים באַקוועם איינגעאָרדנט.

כ׳האָב גענומען זיין פּולס, ער האָט געקלאַפּט געלאַסן און שטאַרק און איז געווען אינגאַנצן נאָרמאַל, דאָס האָט מיך איבערראַשט. כ׳האָב אָנגעהויבן חושד זיין.

„און וואָס וועט זיין, אַז דאָס איז אַ בלויזער אָנשטעל?" האָב איך זיך געפרעגט, נאָך אַלץ האַלטנדיק אים ביים פּולס.

מאָוד האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אין אירע אויגן האָט זיך געזען אַ פאָרוווּרף. אָבער טאַקע דאַן האָט זיך זיין האַנט אַרויסגעריסן פון מיינע און זי האָט מיר אַ קלאַפּ געטון ווי אַ שטאָלענע פּולאַפּקע איבער מיין האַנטביינדל.

פאַר שרעקלעכן פּחד האָב איך הויך אַ געשריי געטון, אַ ווילדער אומפאַרשטענדלעכער געשריי: און כ׳האָב איין בליק געטון אויף זיין פּנים, אַ בייז און טריומפירנדיק, בעת זיין אַנדערע האַנט האָט אַרומגענומען מיין קערפּער און ער האָט מיך צוגעצויגן צו זיך אין זיין שרעקלעכער לאַפּע.

מיין האַנטביינדל איז באַפרייט געוואָרן, אָבער זיין אַנדערע האַנט אַרום מיין פּלייצע האָט געהאַלטן מיינע ביידע, אַזוי אַז כ׳האָב מיך נישט געקענט רירן.

זיין פרייע האַנט האָט מיך אָנגענומען ביים האַלז און אין יענעם מאָמענט האָב איך געפילט דעם ביטערסטן טעם פון טויט, וועלכן כ׳האָב פאַרדינט צוליב מיין אייגענעם אידיאָטיזם. פאַרוואָס האָב איך מיר געטרויט צו דערנעענטערן זיך צו דידאָזיקע שרעקלעכע הענט?

כ׳האָב געפילט אַנדערע הענט ביי מיין האַלז. דאָס זענען געווען מאָודס הענט, וואָס האָבן אומזיסט זיך אָנגעשטרענגט אָפּצוקרייסן די הענט, וואָס האָט מיך געשטיקט.

זי האָט רעזיגנירט און כ'האָב געהערט ווי זי גוואַלדעוועט אַזוי, אַז ס'האָט מיך געריסן ביים האַרץ, ווייל דאָס איז געווען דאָס געשריי פון אַ פרוי, אַ געשריי פון שרעק און האַרצרייסנדיקן יאוש. כ'האָב דאָס געהערט פריער, בעתן זינקען פון דער מאַרטיניק.

מיין פנים איז געלעגן אויף זיין ברוסט און כ'האָב נישט געקענט זען, נאָר כ'האָב געהערט ווי מאָוד דרייט זיך און לויפט שנעל איבערן דעק. אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי שנעל. כ'ד'האָב נאָך נישט געהאַט אַפילו אַ פונק פון באַוווסטלאָזיקייט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז אָפּגעלאָפן אַ גוואַלדיק לאַנגע צייט איידער כ'האָב געהערט ווי אירע פיס לויפן צוריק.

און טאַקע דאַן האָב איך געפילט, אַז דער מענטש פאַלט אונטער מיר. זיינע לונגען האָבן אויפגעהערט צו אָטעמען און זיין ברוסט איז צוזאַמענגעבראָכן אונטער מיין משא.

צי ס'איז געווען בלויז דער אַרויסגעטריבענער אָטעם, אָדער דאָס באַוווסטזיין פון זיין אַלץ-וואַקסנדיקער אימפּאָטענץ, ווייס איך נישט, אָבער אין זיין האַלז האָט וויברירט אַ טיפער קרעכץ.

זיין האַנט האָט אָפּגעלאָזט מיין האַלז. כ'האָב אָפּגעאָטעמט אָבער אַפילו זיין גוואַלדיקער ווילן האָט נישט געקענט בייקומען דאָס אומגליק, וואָס איז אים באַפאַלן. זיין ווילן איז צוזאַמענגעבראָכן. ער האָט געחלשט.

מאָודס פיסטריט זענען געווען זייער נאָענט, ווען זיין האַנט האָט אָנגעהויבן צו ציטערן צום לעצטן מאָל און ער האָט אָפּגעלאָזט מיין האַלז.

כ'האָב מיך אַ קאָלער געטון איבערן דעק, סאַפּנדיק און גלאָצנדיק אויף דער זונשיין.

מאָוד איז געווען בלאַס, אָבער אַנטשלאָסן — מיינע אויגן האָבן באַלד געקוקט אויף איר פנים — און זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ געמישטער שרעק און דערלייכטערונג. מיינע אויגן האָבן דערזען, אַז אין דער האַנט האָט זי אַ שטאַרקן פּאָקעשטעקן און אין יענעם מאָמענט האָט זי מיר נאָכגעקוקט. דער

שטעקן איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון איר, גלייך ווי ער וואָלט זי גע־בריט, און אין זעלבן מאָמענט איז מיין האַרץ געשפּרונגען פֿאַר גרויס פֿרייד.

אמת, זי איז מיין פֿרוי, מיין פֿרוי־חבר, קעמפֿנדיק צו־זאַמען מיט מיר און פֿאַר מיר, ווי דער הייל־מענטש וואָלט געקעמפֿט. ס'האָט זיך אויפֿגעוועקט אין איר דער פּרימיטיווער מענטש, פֿאַרגעסן אָן דער גאַנצער קולטור, האַרט אונטער דער פֿאַרצערטלעכטער ציוויליזאַציע פֿון איינציקן לעבן, וואָס זי האָט ווען עס איז געקענט.

„טייערע פֿרוי!" האָב איך געשריגן, אויפֿשטעלנדיק זיך.

אין אַ מאָמענט אַרום איז זי שוין געווען אין מיינע אָרעמס קאָנוווּלסיוו געוויינט אויף מיינע פּלייצעס, בעת כ'האָב זי פֿעסט צוגעדריקט צו זיך.

כ'האָב געקוקט אויף אירע ברוינע האָר, שיינענדיקע דימענטן אין זונשיין, אַ סך טייערער פֿאַר מיר ווי די דימענטן אין די אוצרות־קאַסטנס פֿון קיניגן. און כ'האָב אַראָפּגעבויגן מיין קאָפּ און צאַרט געקושט אירע האָר, אַזוי צאַרט, אַז זי האָט נישט געפֿילט.

דאַן איז מיר איינגעפֿאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק. נאָך אַלעם איז זי בלויז אַ פֿרוי, וואָס וויינט פֿאַר דערלייכטערונג, איצט אַז די סכּנה איז פֿאַריבער, אין די אָרעמס פֿון איר באַ־שיצער, אָדער פֿון דעם, וואָס איז געווען אין סכּנה. וואָלט איך געווען אַ פֿאָטער אָדער אַ ברודער, וואָלט די סיטואַציע איצט געווען אַ גאָר אַנדערע. חוץ דעם איז די צייט און אָרט נישט געווען גינסטיק, און איך האָב געוואָלט האָבן אַ בעסערע גע־לעגנהייט צו דערקלערן מיין ליבע. און אַזוי האָב איך ווידער־אַמאָל צאַרט געקושט אירע האָר, פֿילנדיק, אַז זי גליטשט זיך אַרויס פֿון מיינע אָרעמס.

„דאָס מאָל איז עס אַן אמתער אַטאַק". האָב איך געזאָגט, „נאָך אַן אַטאַק, ענלעך צו יענעם, וואָס האָט אים בלינד גע־מאַכט. לכתחילה האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל און טוענדיק אַזוי אַליין אים גורם געווען".

מאַוּד האָט שוין געבּרענגט אין אָרדנונג זיין קישן

„ניין,״ האָב איך געזאָגט. „נאָך נישט, איצט אַז ער איז הילפ־לאָז, וועט ער שוין בּלייבּן. אַזוי פון היינט אָן וועלן מיר וווי־נען אין דער קאַבּינע. וואָלף לאַרסען וועט וווינען אין רודער־שטיבּל״.

כ׳האָב אים אַ נעם געטון אונטער די אָרעמס און אים געשלעפּט צו די טרעפּ.

אויף מיין אָנווייזונג האָט בּאַלד מאַוּד גענומען אַ שטריק. לייגנדיק די שטריק אונטער זיינע אָרעמס, האָב איך אים גע־שלעפּט איבּער דער שוועל און אים אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ אויפן דיל.

כ׳האָב אים נישט געקענט אויפהייבּן גלייך אין אַ נאַרע אַריין, אָבּער מיט מאַוּדס הילף האָב איך צום ערשט אַרויפגע־הויבּן זיינע אַקסלען און קאָפּ, דאַן זיין גוף, אַריבּערגעבּויגן אים איבּערן ראַנד און אים אַריינגעקאָלערט אין אַ נידריקער נאַרע.

אָבּער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלצדינג.

כ׳האָב מיך דערמאָנט אָן די האַנטקייטלעך, וואָס האָבּן זיך געפונען אין דער קאַבּינע, מיט וועלכע ער האָט זיך לי־בּערשט בּאַנוצט איידער מיט די אורא׳טע און אומגעלומפּערטע שיפאייזנס.

און אַזוי, בּעת מיר האָבּן אים פאַרלאָזן, איז ער געלעגן מיט קייטלעך אויף די הענט און פיס.

אַרויפקומענדיק אויפן דעק, האָב איך מיך געשפּירט מאָדנע לייכט, גלייך ווי ער וואָלט אַראָפּגענומען אַ שווערע משא פון מיינע פּלייצעס.

כ׳האָב אויך געפילט, אַז מאַוּד און איך זענען מיר מער דערנענטערט איינער צום צווייטן, און כ׳האָב זיך געפרעגט צי זי האָט דאָס אויך געפילט. מיר זענען געגאַנגען לענגאויס דעם דעק, דאָרט ווו ס׳איז געהאָנגען אין דער שער דער פאָדער־מאַסט.

קאַפּיטל אַכצן

מיר האָבן זיך גלייך איבערגעצויגן אויפן געשפּענסט, פּאַרנומען אונזער אַלטע קאַבינע און געקאָכט אין דער קיך. דאָס געפּאַנגענעמען וואָלף לאַרסענען, איז געשען צו דער ריכטיקער צייט, ווייל דער אינדישער זומער פון דערדאָזיקער דזשיכער ברייט *) איז אַוועק און ס'איז אָנגעקומען אַ רעגנדיק שטורמיש וועטער. מיר האָבן זיך באַקוועם איינגעאָרדנט, און די אומגעניגנדיקע שער, מיט דעם פּאָדערמאַסט, וואָס זענען פון איר אַוועקגענומען געוואָרן, האָבן צוגעגעבן דעם סקונער אַן אויסזען פון באַוועגונג און אַ צוזאָג פון אָפּפאָרן.

און איצט, אַז מיר האָבן געהאַט וואָלף לאַרסענען, אין קייטן, ווי ווייניק האָבן מיר דאָס געדאַרפט! פּונקט ווי זיין ערשטער אַטאַק, איז דער צווייטער באַגלייט געוואָרן מיט אַן ערנסטער אומפעיקייט צו טון עפּעס.

מאַוד האָט דאָס אַנטדעקט נאָכמיטאָגס, בעת זי האָט געפּרוווט דערלאַנגען אים עסן. ער האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון באַוווסטזיין, און זי האָט גערעדט צו אים, אָבער נישט געקענט אַרויסבאַקומען פון אים קיין ענטפער. ער איז געלעגן אויף דער לינקער זייט און קענטיק שטאַרק געליטן.

ער האָט באַוויזן מיטן קאָפּ מיט אַן אומרויִקער באַוועגונג, אַוועקנעמענדיק זיין לינק אויער, אָן וועלכן ער האָט זיך צוגעדריקט. ער האָט גלייך דערהערט און געענטפערט, און זי איז גלייך צוגעקומען צו מיר.

צורוקנדיק דאָס קישן צו זיין לינקן אויער, האָב איך אים געפרעגט צי ער הערט מיך, אָבער ער האָט נישט געענטפערט,

---

*) געאָגראַפישע ברייט.

וועקנעמנדיק דאָס קישן און איבערחזרנדיק מיין פראַגע, האָט ער שנעל געענטפערט, אַז יאָ.

„צי ווייסט איר, אַז איר זענט טויב אויפן רעכטן אויער?”, האָב איך געפרעגט.

„יאָ, האָט ער געענטפערט אין אַ שטיל, שטאַרקן קול, „און, נאָך ערגער. מיין גאַנצער רעכטע זייט איז פּאַראַליזירט. זי איז דאַכט זיך, פאַרשלאָסן. כ'קען נישט רירן מיט קיין האַנט און פוס”.

„איר מאַכט ווידער אַן אָנשטעל?” האָב איך געפרעגט אין כעס.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, זיין שטרענג מויל האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ משונהדיקן שמייכל. דאָס איז באמת געווען אַ קרומער שמייכל, ווייל דאָס איז געווען אויף דער לינקער זייט, און די פּנים-מוסקולן פון דער רעכטער זייט האָבן זיך לגמרי נישט באַוויגן.

„דאָס איז געווען די לעצטע שפּיל פון וואָלף”, האָט ער געזאָגט. ”כ'בין פאַראַליזירט. כ'וועל שוין מער נישט קענען גיין. אָ, נאָר אויף דער אַנדערער זייט”, האָט ער צוגעגעבן, גלייך ווי ער וואָלט פאַרגעפּילט דעם פאַרדעכטיקן בליק, וואָס כ'האָב געוואָרפן אויף זיין לינקן פוס, וועמעס קני האָט זיך גראָד דאַן אויסגעצויגן און אויפגעהויבן אונטער די קאָלדרעס.

„דאָס איז שלימזלדיק”, האָט ער ווייטער גערעדט. איך וואָלט געוואָלט פריער מאַכן אַ סוף מיט אייך, העמפּרי. און איך האָב געמיינט, אַז כ'האָב נאָך גענוג כּוח.”

„אָבער פאַרוואָס,” האָב איך געפרעגט, אַביסל אין שרעק, אַביסל נייגעריק.

ווידער האָט זיין מויל געגעבן אַ קרומען שמייכל, בעת ער האָט געזאָגט:

„אָ, כדי צו לעבן, צו לעבן און צו טון, צו זיין דאָס גרעסטע שטיק פערמענט ביז צום סוף, אייך צאויפצועסן. אָבער שטאַרבן אויף אַזאַ אופן!”

ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען, אָבער געפּרוווט דאָס

צו טון, ווייל נאָר דער לינקער אַקסל האָט זיך באַוויגן, פּונקט ווי דער שמייכל, איז דאָס געווען אַ קרוט צוקן.

„אָבער וויאַזוי קומט דאָס", האָב איך געפרעגט. „וווּ געפינט זיך די סיבה פון אייער אומגליק?"

„דער מוח", האָט ער באַלד געענטפערט. „יענע שרעקלעכע קאָפּ־ווייטאָקן האָבן צו אַלץ גורם געווען".

„סימפּטאָמען", האָב איך געזאָגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„כ'בין קיינמאָל נישט קראַנק געווען. עפּעס איז נישט אין אָרדענונג מיט מיין מוח. אַ ראַק, אָדער עפּעס ענלעכס — אַ זאַך, וואָס פרעסט אויף און פאַרניכטעט. דאָס אַטאַקירט מיינע נערוון־צענטערס. עסט זיי אויף, שריט ביי שריט, קעמערל נאָך קעמערל — פאַר ווייטאָק".

„די מאָטאָר־צענטערס אויך", האָב איך סוגערירט.

„אַזוי דאַכט זיך; און דאָס אומגליק איז, וואָס כ'מוז דאָ ליגן. באַוווסטזיניק, גייסטיק נישט צעקאַלעטשעט, ווייסנדיק, אַז די ליניעס גייען צראָפּ, איבעררייסנדיק דעם קאָנטאַקט מיט דער וועלט. כ'קען נישט זען, נאָר הערן און פילן איז מיר געבליבן. אין אַזאַ לאַגע וועל איך שנעל אויפהערן צו רעדן. אָבער די גאַנצע צייט וועל איך זיין דאָ, לעבעדיק, אַקטיוו און אָנמעכטיק".

„ווען איר זאָגט, אַז איר געפינט זיך דאָ, איז אויך דאָ די וואַרשיינלעכקייט פון דער נשמה", האָב איך געזאָגט.

„שטותים", האָט ער געענטפערט. „דאָס הייסט פּשוט, אַז בעתן אַטאַק אויף מיין מוח בלייבן אומבאַרירט די העכערע פיזישע צענטערן. כ'קען דענקען, כ'קען געדענקען און טראַכטן. ווען דאָס וועט אַוועק, וועל איך אַוועק. די נשמה?"

ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ חוזקדיקן געלעכטער, דאַן אויסגעדרייט זיין לינק אויער צום קישן, אַלס אַ צייכן, אַז ער וויל שוין מער נישט רעדן.

מאָוד און איך האָבן מיר ווייטער געאַרבעט, דערדריקט פון שרעקלעכן גורל, וואָס האָט אים געטראָפן — ווי שרעקלעך האָבן מיר ערשט געדאַרפט זען. ס'איז דערין געווען די שרעקלעכ־

קייט פון באַצאָלטן עונש. און זיינע געדאַנקען זענען געווען פּאַרטיפּטע און פייערלעכע, און מיר האָבן גערעדט צווישן זיך אין שעפּטשען.

„איר וואָלט געמעגט אַראָפּנעמען די הענט-קייטלעך" האָט ער געזאָגט ביינאַכט, בעת מיר זענען געשטאַנען לעבן איבם. איצט קענט איר זיין זיכער. כ'בין אַ פּאַראַליזירטער. איך וועל איצט ליידן און ליגן אין בעט'.

ער האָט קרום געשמייכלט, און מאָד, אירע אויגן גלאַנצנדיק פאַר שרעק, איז געצוווּנגען געווען אַוועקצודרייען דעם קאָפּ.

„צי ווייסט איר, אַז אייער שמייכל איז אַ קרומער", האָב איך אים געפרעגט; ווייל כ'האָב געוווּסט, אַז זי מוז אים פלעגן. און כ'האָב איר געוואָלט פאַרשפּאָרן אויף וויפיל ס'איז מעגלעך געווען.

„דאַן וועל איך שוין נישט שמייכלען", האָט ער רויק געזאָגט. כ'מיין, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג. מיין רעכטע באַק איז אַ גאַנצן טאָג פאַרשטאַרט. יאָ, אין די לעצטע דריי טאָג האָב איך געהאַט וואָרנונגען: לויט דער ריי, אַמאָל איז די רעכטע זייט ווי איינגעשלאָפן, טיילמאָל דער אָרעם אָדער די האַנט, טיילמאָל דער פוס.

„אַזוי, איז מיין שמייכל אַ קרומער?" האָט ער געפרעגט אין אַ ווייל אַרום. „גוט, פון איצט אָן זאָלט איר וויסן, אַז כ'שמייכל איבערלעך מיט מיין נשמה, אויב איר ווילט, מיט מיין נשמה. לאָז זיך אייך דאַכטן, אַז כ'שמייכל איצט".

און ער איז אַזוי געלעגן אין משך פון אַפּאָר מינוט, רויק, הנאה האָבנדיק פון זיין גראָטעסקער פאַנטאַזיע.

„דער מענטש אין אים איז נישט פאַרענדערט געוואָרן, דאָס איז געווען דער אַלטער, אומערשראָקענער, שרעקלעכער וואָלף לאַרסען, געפאַנגען ערגיץ אין פלייש, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי אומבאַזיגבאַר פון הערלעך. איצט האָט עס אים צוגעבונדן מיט אומפילבאַרע קייטן, איינהילנדיק זיין נשמה אין פינצטערניש און שווייגן, אויסשליסנדיק זי פון דער וועלט, וואָס איז פאַר אים געווען אַבלוט פון אַקציע. ער וועט שוין מער נישט בייגן דאָס

וואָרט „טוך" אין אַלע צייטן און אופנים. „זייך" איז געבליבן אים פון אַלץ, זיין, ווי ער האָט דעפינירט, טויט, אָן באַוועגונג; וועלן אָבער נישט אויספירן; דענקען און טראַכטן און גייסטיק זיין לעבעדיק ווי שטענדיק, אָבער אין קערפּער זיין טויט, פּול-שטענדיק טויט.

און דאָך, הגם כ'האָב אַוועקגענומען די האַנט-קייטלעך, האָבן מיר זיך נישט געקענט צופּאַסן צו זיין לאַגע. אונזערע גע-דאַנקען האָבן זיך געבונטעוועט, פאַר אונז איז ער געווען פול מיט פּאָטענציאַליטעט. מיר האָבן נישט געוווסט, וואָס מ'קען זיך נאָך ריכטן פון אים, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זאַך, וואָס וועט אויפשטיין איבערן קערפּער, ער קען נאָך טון. אונזער דערפאַרונג האָט גאַראַנטירט פאַר זיין גייסטיקן צושטאַנד, און מיר האָבן שטענדיק געאַרבעט אין שרעק.

כ'האָב געלייזט דעם פּראָבלעם, וואָס איז אַנטשטאַנען צו-ליב דער קורצקייט פון דער שער. מיט דער הילף פון די רע-זערוו-שטריק, האָב איך אַרויפגעשלעפּט די קאָלבע פון פּאָדער-מאַסט איבערן פאַרענטש און דאַן אַראָפּגעלאָזט אויפן דעק.

נאָכדעם, מיט דער הילף פון דער שער, האָב איך אויפ-געהאָנגען דעם הויפּט-דראָנג, זיינע 40 פוס לענג וועט צושטעלן די הויך, וואָס איז נייטיק צו הויבן דעם מאַסט. מיט דער הילף פון צוגאָב-שטריק, וואָס כ'האָב צוגעבונדן צו דער שער, האָב איך געהוידעט דעם דראָנג אין אַ פּערפּענדיקולארער פּאָזיציע, דאַן אַראָפּגעלאָזט די קאָלבע צום דעק, ווי כ'האָב, כדי נישטדערלאָזן, אַז ס'זאָל זיך אַראָפּגליטשן, אַרומגעקלאַפּט מיט גרויסע העלצלעך.

דעם איינציקן בלאָק פון מיין ערשטער שער-שטריק האָב איך צוגעבונדן צום עק פון דראָנג. אַזוי אַרום, צוטראָגנדיק די שטריק צו דער ווינדע, האָב איך געקענט אויפהייבן און אַראָפּ-לאָזן דעם עק פון דראָנג. און די קאָלבע איז שטענדיק געבליבן פעסט. און מיט דער הילף פון קייטן, האָב איך געקענט הוידן דעם דראָנג פון איין זייט אויף דער צווייטער.

צום עק פון דראָנג, האָב איך דעסגלייכן צוגעטשעפּעט אַ הענגענדיקן שטריק און ווען אַלץ איז געוואָרן פאַרענדיקט,

בין איך אַזש איבערראַשט געוואָרן פון דער קראַפט און ברייטקייט, וואָס עס האָט מיר געגעבן.

נאַטירלעך איז אַוועק צוויי טאָג אַרבעט כדי צופאַרענדיקן דעמדאָזיקן טייל פון מיין ווערק, און ערשט צומאָרגנס אויפן צווייטן טאָג, האָב איך געהויצט דעם פּאָדערמאַנסט פון דעק און אויסגעגלייכט די קאָלבע כדי צוצופּאַסן דעם אָנשפּאַרפּונקט. דאָ איז מיר באַזונדער געגאַנגען שלימזלדיק.

כ׳האָב געזעגט, געהאַקט און געפּילט דאָס צעשעדעקטן האָלץ, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט אַדורכגעגריזשעט געוואָרן פון אַריזיקער מויז. אָבער עס האָט אַריינגעפּאַסט.

„ס׳וועט אַרבעטן, כ׳ווייס, אַז ס׳וועט אַרבעטן”, האָב איך געשריגן.

„צי קענט איר ד״ר יאַרדאָן, ענדגילטיקן פּרווו פון אמת?” האָט מאָוד געפּרעגט.

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּשאָקלנדיק פון מיין האַלז דאָס זעגעכץ.

„קענען מיר מאַכן, אַז ס׳זאָל אַרבעטן? קענען מיר אָנגעטרויען אונזער לעבן? דאָס איז

„ער איז אייערס א פּאַלוואַריט”, האָב איך געזאָגט.

„ווען כ׳האָב אַנטבלויזט מיין פּאַנטעאָן און אַרויסגעוואָרפן נאַפּאָלעאָנען און צעזאָרן און זיינע חברים, האָב איך באַלד אויסגעשטעלט אַ נייעם פּאַנטעאָן”, האָט זי ערנסט געענטפערט, „און דער ערשטער, וועלכן כ׳האָב דאָרט אַריינגעזעצט, איז געווען דאָקטאָר יאַרדאָן.”

„אַ מאָדערנער העלד.”

„און טאַקע דערפאַר אַ גרעסערער,” האָט זי צוגעגעבן, „ווי אַזוי קענען די העלדן פון דער אַלטער וועלט זיך פאַרגלייכן מיט אונזערע?”

כ׳האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיר זענען אין אַ סך זאַכן געווען צו־ענלעך, אַז מיר זאָלן קענען דיסקוטירן.

אונזערע שטאַנדפּונקטן און אַנשויונגען אויפן לעבן זענען לכל הפּחות געווען זייער ענלעך.

„אַלס אַ פּאָר קריטיקער זענען מיר פולשטענדיק מסכּים,” האָב איך געלאַכט.

„און אַלס אַ שיפּמייסטער און פעיקער אַסיסטענט”, האָט זי צוריקגעלאַכט.

אָבער ס'איז געווען ווייניק צייט צו לאַכן אין יענע טעג, אַ ביסל צוליב אונזער שווערער אַרבעט, און אַביסל צוליב וואָלף לאַרסענס שרעקלעכן לעבעדיקן טויט.

ער האָט באַקומען נאָך אַן אַטאַק, ער האָט פאַרלוירן זיין שטים, אָדער געהאַלטן ביים פאַרלירן. ער האָט נאָר צייטנווייז זי געקענט באַנוצן.

אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגעדרוקט: די דראָטן זענען ענלעך צו די קעפּזעררייכן, אַמאָל אַרויף, אַמאָל אַראָפּ. צופעליק זענען די דראָטן געווען אַרויף, און ער האָט גערעדט, הגם פּאַמעלעך און שווער, ווי שטענדיק. דאַן איז ביי אים פּלוצלונג אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון, אין מיטן אַ זאַץ, און שעהנווייז האָבן מיר געוואַרט אויף אַ פאַרבינדונג.

ער האָט זיך באַקלאָגט אויף די גרויסע שמערצן אין קאָפּ, און טאָקע בעתן דאָזיקן פּעריאָד האָט ער איינגעפירט אַ מין קאָמוניקאַציע-סיסטעם, וואס זאָל דינען אין דער צייט, ווען דאָס לשון וועט ביי אים אָפּגענומען ווערן — איין דריק מיט דער האַנט באַשטימט „יאָ”, צוויי דריק — „ניין”.

דאָס איז גאַנץ גוט צונוץ געקומען, ווייל אָוונטצייט האָט ער נישט געקענט רעדן. מיט די האַנט-דריקן האָט ער געענטפערט אייף אונזערע פראַגן, און ווען ער האָט געוואָלט רעדן, האָט ער מיט דער לינקער האַנט לאַנגזאַם אָנגעשריבן אויף אַ בלעטל פּאַפּיר זיינע געדאַנקען.

איצט איז אויף אונז אָנגעפאַלן דער גרויזאַמער ווינטער. שטורמווינט נאָך שטורמווינט, מיט שניי און רעגן. די פּאָקעס זענען אַרויס אויף זייער גרויסער דרום-עמיגראַציע, און די נעסט איז פּאַקטיש פאַרלאָזן געוואָרן.

כ'האָב פיבערהאַפט געאַרבעט, נישט געקוקט אויפן שלעכטן וועטער און אויפן ווינט, וואָס האָט מיר באַזונדערס געשטערט,

האָב איך מיך געפונען אויפן דעק פון באַגינען ביז ס'איז פינצ-טער געוואָרן און געמאַכט באַדייטנדיקע פאָרשריטן.

כ'האָב געגאָסן פון מיין לעקציע, וואָס כ'האָב מיך אויס-געלערנט, אויפהייבנדיק די שער און דאן אַרויפקריכנדיק צו-צובונדן זי צו די קייטן.

צום שפיץ פון פאָדערמאַסט, וואָס האָט זיך באַקוועם אויפ-געהויבן פון דעק, האָב איך צוגעבונדן די אויסשטאַטונג, מאַסט-שטריק, שלעפּ-שטריק.

ווי געווייגלעך האָב איך אונטערגעשאַצט דעם פאַרנעם פון דער אַרבעט, וואָס איז געווען דערמיט פאַרבונדן, און ס'האָט געדויערט גאַנצע צוויי טעג דאָס אויסצופירן.

און מ'האָט נאָך געדאַרפט אַזויפיל טון. די זעגל למשל, וועלכע מ'האָט פשוט געדאַרפט איבערמאַכן.

בעת כ'האָב געאַרבעט צו ברענגען אין אָרדנונג די מאַסטן, האָט מאַוד צוגעזען די קאַנוועס, שטענדיק גרייט אַלץ אַוועק-צוואַרפן און קומען צו הילף, ווען מ'וועט דאַרפן אַ פּאָר הענט צו דער אַרבעט.

די קאַנוועס זענען געווען שווער און שטאַרק און זי האָט געבייט מיט דער געוויינלעכער מאַטראָזישער פלאַך און דריי-ווינקלענדיקער זעגל-נאָדל.

אירע הענט זענען באַלד געוואָרן באַדעקט מיט בלאָטערן אָבער זי האָט העלדיש ווייטער געקעמפט, און אַלס צוזאָג זיך פאַרנומען מיט דער קיך און אַכטונג געגעבן אויפן קראַנקן.

„כ'לאַך מיך אויס פון די פאָראורטיילן" האָב איך געזאָגט איינמאָל פרייטיק אינדערפרי. „דער מאַסט ווערט היינט אַריינ-געזעצט".

אַלץ איז גרייט געווען פאַרן פרווו. צוטראָגנדיק די דרענ-גערשטריק צו דער ווינדע, האָב איך אַרויפגעצויגן דעם מאַסט פון דעק. צובונדנדיק דידאָזיקע שטריק האָב איך גענומען צו דער ווינדע די שער-שטריק און מיט אַ פּאָר דריי איז דער מאַסט געווען פאַרפעסטיקט און אין אָרדנונג.

אין מאָמענט ווען מאַוד איז פטור געוואָרן פון האַלטן

דעם קניפּ, האָט זי געקלאַפּט מיט די הענט, שרייענדיק:

„עס גייט! עס אַרבעט! מיר וועלן עס אָנטרויען אונזער לעבן״.

דאַן האָט זי אָנגענומען אַן אויסדרוק פון חרטה.

„ס׳איז נישט אַריבער דעם לאָך״, האָט זי געזאָגט. צי וועט איר ווייטער דאַרפן אָנהייבן פונדאָסניי?״

כ׳האָב געשמייכלט, און נאָכלאָזנדיק איינעם פון די דראָנג-קייטן און נעמענדיק אַן אַנדערן, אויסגעצייכנט אַריינגעזעצט דעם מאַסט אין צענטער פון דעק. אָבער ס׳איז נאָך אַלץ נישט געווען איבערן לאָך.

ווידער האָט זיך איבער איר פּנים באַוויזן דער חרטה-אויסדרוק און ווידער האָב איך פון אויבן אַראָפּגעשמייכלט. נאָכלאָזנדיק די דראָנג-שטריק און אַרויפהענגענדיק אַ גלייכע משא פון דער שער-שטריק, האָב איך אַריינגעזעצט די קאָלבע פון מאַסט דירעקט איבער דעם לאָך און דעם דעק. דאַן האָב איך געגעבן מאַודן גענויע אינסטרוקציעס אַראָפּצולאָזן און כ׳בין אַראָפּ אונטן, כדי צו טרעטן אויפן דנאָ פון סקונער.

כ׳האָב זי צוגערופן, און דער מאַסט האָט זיך באַוויזן לייכט און פּינקטלעך.

די פּירקאַנטיקע קאָלבע איז אַראָפּ גלייך אין פּיך אונ-טערן לאָך פון די טרעפּ; אָבער אַראָפּגייענדיק האָט עס זיך פּאַמעלעך פאַרקרימט, אַזוי אַז איין קוואַדראַט האָט נישט געפּאַסט צום צווייטן.

אָבער אַפילו אַ ווײַלע בין איך נישט געווען אום-אַנטשלאָסן.

שרייענדיק צו מאַודן, אַז זי זאָל אויפהערן אַראָבצולאָזן, בין איך אַרויף אויפן דעק און צוגעבונדן די רעזערוו-שטריק צום מאַסט מיט אַ האָק.

אַראָפּגייענדיק, האָב איך איבערגעלאָזט מאַודן, אַז זי זאָל שלעפּן.

ביים ליכט פון דער לאַמטער האָב איך געזען ווי די קאָלבע קרימט זיך פּאַמעלעך אַרום, ביז אירע זייטן האָבן זיך

צונויפגעטראָפן מיט די זייטן פון די טרעפּ.

מאַוד האָט צוגעבונדן און צוריקגעגאַנגען צו דער ווינדע.

פּאַמעלעך איז די קאָלבע אַדורך די פּאָר צווישנדיקע צאָלן און אין דערזעלבער צייט זיך פּאַמעלעך געקרימט. ווידער האָט מאַוד אויסגעגלייכט דעם פלאָנטער מיט די רעזערוו־שטריק און ווידער האָט זי נאָכגעלאָזט די ווינדע. קוואַדראַט האָט צו־געפּאַסט צו קוואַדראַט.

דער מאַסט איז אַריינגעזעצט געוואָרן.

כ׳האָב געגעבן אַ געשריי און זי איז אַראָפּגעלאָפן זען. אין געלן לאַמטער־ליכט האָבן מיר געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן אויפגעטון.

מיר האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן און אונזערע הענט האָבן זיך צונויפגעדריקט. כ׳מיין, אַז אונזערע ביידנס אויגן זענען פייכט געווען פון פרייד און דערפאָלג.

„נאָך אַלעם איז עס געמאַכט געוואָרן לייכט", האָב איך באַמערקט. די גאַנצע אַרבעט איז געווען צוגעגרייט.

„און דער גאַנצער נס אין דער פּאַרפּולקאָמונג", האָט מאַוד צוגעגעבן. כ׳קען מיר קוים צוגלויבן, אַז דער־דאָזיקער גרויסער מאַסט איז באמת אַריינגעזעצט, אַז איר האָט אים אויפ־געהויבן פון וואַסער, געהוידעט אים אין דער לופט און אים אַריינגעזעצט אין געהעריקן אָרט. דאָס איז די אַרבעט פון אַ טיטאַן".

„און זיי האָבן געמאַכט אַ סך דערפינדונגען", האָב איך פריילעך אָנגעהויבן, דאַן זיך אָפּגעשטעלט צו שמעקן די לופט.

כ׳האָב שנעל אַ קוק געטון אויף דער לאַמטער. זי האָט גישט גערויכערט.

איך האָב ווידער אַ שמעק געטון.

„עפּעס ברענט", האָט מאַוד געזאָגט מיט אַן אומגעריכטער איבערצייגונג.

מיר זענען ביידע געלאָפן נאָך דער לייטער, אָבער כ׳בין

שנעלער פון איר אַרויפגעקומען אויפן דעק. פון רודערשטיבל האָט אַרויסגעפּלאַצט אַ געדיכטער זייל רויך.

„דער וואָלף איז נאָך נישט טויט", האָב איך צו זיך געמורמלט, שפּרינגענדיק דורכן רויך.

ער איז געווען אַזוי געדיכט אין דעם באַגרענעצטן אָרט, אַז כ'בין געווען געצוווּנגען אַרויסצואַנטלויפן, און אַזוי מעכטיק איז געווען דער כּישוף פון וואָלף לאַרסען אויף מיין פּאַנטאַזיע, אַז כ'בין געווען צוגעגרייט, אַז דער הילפלאָזער ריז וועט מיך אָנכאַפּןביים האַלז און דערשטיקן.

כ'האָב מיך געקווענקלט, ס'האָט מיך אָנגענומען אַ געוואַלדיקער חשק צוריקצולויפן, און אַרויף אויף די טרעפּ צום דעק.

איך האָב מיך דאַן דערמאָנט אָן מאָודן. ס'האָט מיר אַ בליץ געטון פאַר די אויגן ווי זי שטייט ביים לאָמטערן-ליכט און דעם סקונערס אונטערשטן טייל, אירע וואַרעמע פייכטע אויגן פאַר פרייד, און כ'האָב געוווּסט, אַז כ'קען נישט צוריקגיין.

ווען כ'בין צוגעקומען צו וואָלף לאַרסענס נאַרע, האָב איך מיך געשטיקט.

כ'האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט און אָנגערירט זיינע: ער איז געלעגן באַוועגונגסלאָז, אָבער זיך לייכט אַ ריר געטון ביים אָנרירן פון מיין האַנט.

כ'האָב אים אַרומגעטאַפּט און געזוכט אונטער זיינע קאָלדרעס. ס'איז נישט געווען וואַרעם, נישט געווען קיין צייכן פון פייער.

אָבער דער רויך, וואָס מאַכט מיך בלינד און צווינגט מיך צו הוסטן און סאַפּען, מוז האָבן אַ מקור.

כ'האָב צייטווייליק ווי פאַרלוירן דעם קאָפּ און ווי משוגע אַרומגעלאָפן איבערן רודער-שטיבל. אַ צוזאַמענשטויס מיטן טיש האָט טיילווייז מיך געבראַכט צום באַוווּסטזיין. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ קראַנקער מענטש קען אָנצינדן אַ פייער נאָר לעבן זיך.

כ׳בין צוריק אַריין אין וואָלף לאַרסענס נאָרע, דאָרט האָב איך געטראָפן מאַודן.

כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנונג, ווי לאַנג זי האָט זיך געפונען אין יענער שטיקנדיקער אַטמאָספער.

„גייט אַרויף אויפן דעק“, האָב איך ענערגיש געזאָגט.

„אָבער, העמפרי — —“ האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ מאָדנע הייזעריק קול.

„ביטע, ביטע!“ האָב איך גראָב געשריגן אויף איר.

זי האָט זיך געהאָרכזאַם אַרויסגערוקט, און דאַן האָב איך זיך פאַרטראַכט. נו, און וואָס וועט זי טון, אַז זי וועט נישט קענען געפינען די טרעפ? כ׳בין איר נאָכגעלאָפן און זיך אָפּגעשטעלט ביים דורכגאַנג. אפשר איז זי אַרויף אינדערהייך. שטייענדיק דאָרט און קווענקלענדיק זיך, האָב איך שטיל געהערט איר געשריי:

„אָ, העמפרי, כ׳בין פאַרלוירן!

כ׳האָב זי געטראָפן טאַפּנדיק אָן דעם צווישנווענטל און האַלב-פירנדיק, האַלב-טראָגנדיק, האָב איך זי אַרויפגענומען צום דורכגאַנג.

די ריינע לופט איז געווען ווי נעקטאַר. מאַוד איז בלויז געווען שוואַך און דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט און כ׳האָב זי געלאָזט ליגן אויפן דעק און אַ צווייט מאָל אַראָפּ אונטן.

דער מקור פון רויך מוז זיך געפינען זייער נאָענט צו וואָלף לאַרסען.

מיין געדאַנק איז געווען אַריינגעטון אין דעם, און כ׳בין גלייך צוגעגאַנגען צו זיין נאָרע.

איך האָב געטאַפּט צווישן זיינע קאָלדרעס, און עפּעס אַ הייסע זאַך איז אַרויפגעפאַלן אויף מיין האַנט. ס׳האָט מיך געברייט און כ׳האָב אָוועקגעכאַפּט די האַנט. דאַן האָב איך פאַרשטאַנען.

דורך די שפּאַלטן אין דער פּאָדלאָגע פון דער אויבערשטער נאָרע האָט ער אָנגעצונדן די מאַטראַצן, ס׳איז אים נאָך

געבליבן כוח אין זיין לינקער האַנט, אַז ער זאָל דאָס קענען טון.

דאָס נאַסע שטרוי פון די מאַטראַצן, אָנגעצונדן פון הינטן און אַן לופט, האָט זיך די גאַנצע צייט פאַמעלעך געטליעט.

בעת כ'האָב אַרויסגעשלעפט דעם מאַטראַץ פון דער נאַרע, האָט דאָס פייער זיך צעלאָזט אין צווישנרויך און אין דערזעלבער צייט אויסגעבראָכן אין פלאַמען.

דאָס איבערגעבליבענע ברענענדיקע שטרוי האָב איך אויסגעקלאַפט אין דער נאַרע, און אַרויסגעלאָפן אויפן דעק כאַפן פרישע לופט.

אַ פּאָר קיבלעס וואַסער זענען גענוג געווען אויף אויסצושלעפן די ברענענדיקע מאַטראַצן אינמיטן פון דער פאָדלאָגע אין רודערשטיבל; און אין צען מינוט אַרום, ווען דער רויך איז שוין פאַרשוווּנדן, האָב איך דערלויבט מאַודן אַראָפּצוקומען אונטן.

וואָלף לאַרסען האָט זיך געפונען אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד, אָבער אין משך פון אַ פּאָר מינוט איז ער אויף דער פרישער לופט געקומען צו זיך.

מיר האָבן געאַרבעט איבער אים, און דאַן האָט ער געווונקען, אַז מען זאָל אים געבן פאַפּיר און אַ בלייפעדער.

„ביטע, שטערט מיר נישט", האָט ער געשריבן. „כ'שמייכל".

„איר זעט, כ'בין נאָך אַלץ אַ שטיק פערמענט", האָט ער אַ ביסל שפּעטער געשריבן.

„כ'בין צופרידן, וואָס איר זענט נאָר אַ קליין שטיקל", האָב איך געזאָגט.

„כ'דאַנק אייך", האָט ער געשריבן. „אָבער גיט נאָר אַ קלער, ווי קלענער כ'וועל זיין פאַרן טויט".

„און דאָך בין איך דאָ, העמפּ", האָט ער געשריבן צום סוף מיט פאַרצוקטע אותיות. „כ,קען דענקען אַ סך קלאָרער ווי ווען־עס־איז פריער. קיין זאַך באַאומרויקט מיך נישט, קאָנצענטראַציע איז אויסגעצייכנט, כ'בין דאָ און נאָכמער ווי דאָ".

דאָס איז געווען ענלעך צו אַ שליחות פון דער נאַכט פון

קבר; מחמת דעמדאָזיקן מענטשס קערפּער איז געוואָרן זיין מאַוזאָלעאום. און דאָרט, אין דאָזיקן משונהדיקן קבר, האָט זיין גייסט געפלאַטערט און געלעבט.

עס וועט פלאַטערן און לעבן ביז ס'וועט זיך צוברעכן די לעצטע קאָמוניקאַציע־ליניע, און נאָך אַלעם, ווער קען זאָגן, ווי לאַנג זי וועט זיך אַזוי פלאַטערן און לעבן?

קאַפּיטל ניינצן.

„כ'מיין, אַז מיין לינקע זייט איז אויך אָנגערירט", האָט וואָלף לאַרסען געשריבן צומאָרגנס נאָכן פּרווו אונטערצוציִנדן די שיף. „די פּאַרשטאַרטקייט ווערט וואָס אַמאָל גרעסער. כ'קען קוים רירן מיט דער האַנט. איר וועט מוזן רעדן העכער, די לעצטע ליניעס גייען אונטער."

„ס'טוט אייך וויי?" האָב איך געפרעגט.

כ'בין געווען געצוואונגען הויך איבערצוחזרן מיין פראַגע, איידער ער האָט געענטפערט.

„נישט אַלעמאָל".

די לינקע האַנט איז פּאַמעלעך און שמערצפול אַראָפּגע־פאַלן איבערן פּאַפּיר און מיט גרויס שוועריקייט האָבן מיר אי־בערגעלייגט דאָס שטיקל פּאַפּיר.

דאָס איז געווען ווי אַ „שליחות פון אַ גייסט", ווי דאָס קומט פאָר בשעת די ספּיריטואַליסטישע סעאַנסן פאַר אַ דאָלאַר אַן איינטריטס־בילעט.

„אָבער כ'בין נאָך אַלץ דאָ, אינגאַנצן דאָ", האָט די האַנט געשריבן פּאַמעלעך און שמערצפולער ווי אַלעמאָל.

די בלייפעדער איז אַרויסגעפאַלן און מיר האָבן זי געמוזט אַריינלייגן אין זיין האַנט אַריין.

„ווען ס'טוט מיר נישט וויי, בין איך פולשטענדיק רויק.

כ׳האָב קיינמאָל אַזוי קלאָר נישט געדענקט, כ׳קען מיך פֿאַר־
טראַכטן וועגן לעבן און טויט, ווי אַ הינדוס-חכם״.

„און אומשטערבלעכקייט?״ האָט מאָוד געפֿרעגט, אַריינ־
שרייענדיק הויך אין אויער אַריין.

דריי מאָל האָט די האַנט זיך געראַנגלט צו שרייבן, אָבער
זי איז הילפֿלאָז צוריקגעפֿאַלן.

די בלייפֿעדער איז אַרויסגעפֿאַלן. אומזיסט האָבן מיר זיך
באַמיט זי צוריק אַריינצולייגן. די פֿינגער האָבן זי נישט געקאָנט
דערהאַלטן.

מאָוד האָט דאַן צוגעקוועטשט די פֿינגער און זיי צוגע־
האַלטן די בלייפֿעדער מיט איר אייגענער האַנט און די האַנט
האָט געשריבן אין גרויסע אותיות און אַזוי פּאַמעלעך, אַז
ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט דאָס אויפֿשרייבן אַן אות.
„ש—ט—ו—ת״.

דאָס איז געווען וואָלף לאַרסענס לעצט וואָרט, „שטות״
סקעפּטיש און אומבאַזיגבאַר ביז צום סוף.

דער אָרעם און די האַנט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. דער
קערפּער האָט זיך לייכט באַוויגן. דאַן האָט מען נישט געזען
קיין שום באַוועגונג.

מאָוד האָט אַרויסגענומען די האַנט. די פֿינגער האָבן זיך
לייכט צעשפּרייט, דערווייטערנדיק זיך איבער זייער אייגענער
משא, און די בלייפֿעדער האָט זיך אַוועקגעקייקלערט.

„צי הערט איר נאָך?״ האָב איך געשריגן, האַלטנדיק די
פֿינגער און וואַרטנדיק אויף איין דרוק, וואָס וועט באַ־
דייטן „יאָ״.

מען האָט נישט געהערט קיין ענטפֿער. די האַנט איז גע־
ווען טויט.

„כ׳האָב באַמערקט ווי די ליפּן באַוועגן זיך קוים״, האָט
מאָוד געזאָגט.

כ׳האָב איבערגעחזרט די פֿראַגע. די ליפּן האָבן זיך
באַוויגן.

זי האָט אויף זיי אַרויפֿגעלייגט אירע שפּיץ פֿינגער. ווי־

דער האָב איך איבערגעחזרט די פראַגע.

„יאָ", האָט מאַוד געזאָגט.

מיר האָבן זיך אָנגעקוקט אין דערוואַרטונג.

„וואָס קומט אַרויס דערפון?" האָב איך געפרעגט. „וואָס קענען מיר איצט זאָגן?"

„אָ, פרעגט אים — —".

זי האָט זיך געקווענקלט.

„פרעגט אים עפּעס, אויף וואָס מ'דאַרף נישט ענטפערן", האָב איך סוגערירט, דאַן וועלן מיר אויף זיכער וויסן".

„איר זענט הונגעריק?" האָט זי געשריגן.

די ליפּן האָבן זיך באַוויגן אונטער אירע פינגער און זי האָט געענטפערט:

„יאָ".

„ווילט איר אַ שטיקל אָקסנפלייש?" האָט געלויטעט די צווייטע פראַגע.

„ניין!" האָט זי געזאָגט.

„יויך?"

„יאָ, ער וויל אַ ביסל יויך", האָט זי רויק געזאָגט, קוקנדיק אויף מיר. „פּל זמן די שמיעה וועט זיין טעטיק, וועלן מיר זיך קענען קאָמוניקירן מיט אים, און דערנאָך — —".

זי האָט מאָדנע געקוקט אויף מיר. כ'האָב געזען ווי אירע ליפּן ציטערן, און ווי די טרערן רינען אין אירע אויגן.

זי האָט זיך געוואַקלט און כ'האָב זי געכאַפּט אין מיינע אָרעמס.

„אָ, העמפּרי", האָט זי געכליפּעט, „ווען וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? כ'בין אַזוי מיד, אַזוי מיד".

זי האָט אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף מיין אַקסל, איר שוואַכער גוף האָט זיך געטרייסלט פון שטורמישן געוויין. זי איז געווען ווי אַ פעדער אין מיינע אָרעמס, אַזוי צאַרט, אַזוי עטעריש. „זי איז צום סוף צוזאַמענגעבראָכן", האָב איך געטראַכט.

כ׳האָב זי באַרויקט און געטרייסט, ביז זי האָט זיך אָנגע־נומען מיט כוח און גייסטיק געקומען צו זיך אַזוי שנעל, ווי זי איז געווען צו טון דאָס פיזיש.

„כ׳דאַרף מיך שעמען פאַר זיך אַליין", האָט זי געזאָגט, דאַן האָט זי צוגעגעבן מיט אַ קאַפּריזנעם שמייכל, וועלכן כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט, „אָבער כ׳בין דאָך נאָר אַ קליינע פרוי".

דידאָזיקע פראַזע, די „קליינע פרוי" האָט מיך איבעראַשט ווי אַן עלעקטרישער דרוק.

דאָס איז געווען מיין אייגענע פראַזע, מיין צערטלעכע, געהיימע פראַזע, מיין געליבטע פראַזע פאַר איר.

„פונוואַנען האָט איר גענומען דידאָזיקע פראַזע?" האָב איך געפרעגט מיט אַן אומגעריכקייט, וואָס האָט זי איבער־געראַשט.

„וואָס פאַרא פראַזע?" האָט זי געפרעגט.

„די קליינע פרוי".

„דאָס איז אייערע?" האָט זי געפרעגט.

„יאָ", האָב איך געענטפערט, „מיינע, איך האָב זי געשאַפן".

„דאַן האָט איר מסתמא גערעדט אין שלאָף", האָט זי געשמייכלט.

אין אירע אויגן האָט מען באַמערקט דאָס טאַנצנדיקע, ציטערנדיקע ליכט.

מיינע אויגן, האָב איך געוווּסט, רעדן להכעיס מיין ווילן, כ׳האָב מיך צוגערוקט צו איר. אָן מיין ווילן האָב איך מיך צו־גערוקט צו איר, ווי אַ בוים ווערט געוויגט דורכן ווינט. אָן, מיר זענען אין יענעם מאָמענט געווען זייער נאָענט איינער צום אַנדערן.

אָבער זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער, וואָס טרייסלט זיך אָפּ פון שלאָף אָדער פון חלום, זאָגנדיק:

„כ׳האָב זי געקאָנט זינט כ׳לעב, אַזוי האָט מיין פאָטער גערופן מיין מאַמע".

„דאָס איז אויך מיין פּראָזע״ — האָב איך האַרטנעקיק געזאָגט.

„פאַר אייער מוטער?״

„ניין״, האָב איך געענטפערט און זי האָט שוין מער נישט געפרעגט, הגם כ׳האָב געקענט שווערן, אַז אין אירע אויגן איז אַ געוויסע צייט געבליבן אַ חוזקדיקער, זיך רייצנדיקער אויסדרוק.

מיטן אַריינגעזעצטן פּאָדערמאַסט, איז די אַרבעט געגאַנגען שנעל, כמעט איידער כ׳האָב נאָך געוווּסט דערפון און אָן אָן ערנסטער שטערונג, האָב איך אַרויפגעזעצט דעם הויפּטמאַסט, אַ ווינדע-דראָנג, צוגעשטעלט צום פּאָדערמאַסט און פאַרענדיקט די אַרבעט; און אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך אַלע קייטן און לייטער געפונען אויף זייערע געהעריקע ערטער, און אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדנונג. אויבערשטע זעגלען וואָלטן בלויז געשטערט און געווען געפערלעך פאַר אַ מאַנשאַפט, וואָס באַשטייט פון צוויי מענטשן, און דעריבער האָב איך זיי אַרויפגעלייגט אויפן דעק און זיי פעסט צוגעבונדן.

נאָך עטלעכע טעג האָט געדויערט דאָס פאַרענדיקן און אַרויפזעצן די זעגל. ס׳זענען נאָר געווען די דריי — די דרייקאַנטיקע זעגל די פּאָדערשטע און די הויפּטזעגל; און פאַרלאַטעט, פאַרקירצט און פאַרדרייט זענען זיי געווען אַלעכערלעכע שלעכטע אויסשטאַטונג פאַר אַזאַ פיינע שיף ווי דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט.

„אָבער זיי וועלן אַרבעטן!״ האָט מאָוד טריומפירנדיק געשריגן, „מיר וועלן זיי צווינגען צו אַרבעטן און זיי אָנגעטרויען אונזער לעבן״.

געוויס, צווישן אַלע מיינע נייע מלאכות, האָב איך צום ווינציקסטן געגלאַנצט אַלס זעגלמאַכער. כ׳האָב בעסער געקענט ברענגען זיי אין אָרדנונג, איידער מאַכן זיי און כ׳האָב נישט געצווייפלט אין מיין קראַפט צו ברענגען דעם סקונער אין אַ צפונדיקן פּאָרט אין יאַפּאַן. פּאַקטיש האָב איך מיך אויסגעלערנט די שיפעריי-קונסט פון די לערנביכער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן דעק; און חוצדעם האָט זיך דאָרט געפונען וואָלף

לאָרסענס שטערן־סקאַלע, אַזאַ פּשוטער פּלאַן, אַז אַ קינד האָט געקענט דערמיט אָנפירן.

וואָס שייך זיין דערפינדער, איז חוץ דער טויבקייט, וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרשטאַרקט, און וואָס די באַוועגונג פון די ליפּן איז וואָס אַמאָל געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, איז אין משך פון אַ וואָך נישט פאָרגעקומען קיין גרויסע ענ־דערונגען אין זיין לאַגע. אָבער אין זעלבן טאָג ווען מיר האָבן פאַרענדיקט צוצובינדן דעם סקונערס זעגלען, האָט ער דאָס לעצטע מאָל געהערט און ס׳איז אָפּגעשטאָרבן די לעצטע באַ־וועגונג פון זיינע ליפּן — אָבער נישט פריער איידער כ׳האָב אים געפרעגט: „געפינט איר זיך אינגאַנצן דאָ? און די ליפּן האָבן געענטפערט. „יאָ".

די לעצטע ליניע איז אָראָפּגעגאַנגען, ערגעץ ווי אין־קבר פון פלייש, — האָט נאָך געוווסט די נשמה פון דאָזיקן מענטש. אַרומגערינגלט פון לעבעדיקן ליים, האָט נאָך ווייטער געברענט יענע שרעקלעכע אינטעליגענץ, וועלכער מיר האָבן געקענט: אָבער זי האָט ווייטער געברענט, אין דער שטילשווייגעניש און אין דער פינצטער.

און זי איז אַנטקערפּערט געוואָרן.

פאַר יענער אינטעליגענץ האָט נישט געקענט זיין קיין שום אָביעקטיווע ידיעה וועגן אַ קערפּער.

זי האָט נישט געקענט קיין קערפּער.

די וועלט גופא האָט נישט עקזיסטירט פאַר איר. זי האָט באַר זיך געקענט, און די רויקייט און טיפקייט פון דער רו־ און פון דער פינצטערניש.

קאפיטל צוואנציק

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג פון אונזער אַוועקפאָר. קיין זאַך האָט אונז שוין נישט פארהאַלטן אויף דער „מי-אינזל״. דעם געשפענסט אומגעלומפערטע מאַסטן האָבן זיך געפונען אויף זייערע ערטער, און די געפּלאַצטע זעגל זענען געווען אַראָפּגעבויגן. מיין גאַנצע אַרבעט איז געווען שטאַרק, הגם נישט שיין; אָבער כ׳האָב געוווסט, אַז עס וועט גיין. און קוקנדיק דערויף, האָב איך מיך געפילט ווי אַ מענטש פון מאַכט.

„איך האָב דאָס געמאַכט! איך האָב דאָס געמאַכט! מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך דאָס געמאַכט!״, האָב איך געוואָלט הויך שרייען.

אָבער מאָוד און איך האָבן מיר פאָרויסגעוווסט אונזערע געדאַנקען. און ביים צוגרייטן אַרויפצוהענגען די הויפּטזעגל, האָט זי געזאָגט:

„גיט נאָר אַ טראַכט, העמפרי, אַז איר האָט דאָס געטון, בלויז מיט אייערע אייגענע הענט!״

„אָבער עס האָבן צוגעהאָלפן צוויי אַנדערע הענט״, האָב איך געענטפערט. „צוויי קליינע הענטלעך, און זאָגט נישט, אַז דאָס איז אויך אייער פאָטערס אַ פראַזע.״

זי האָט געלאַכט און געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויסגעשטרעקט אירע הענט אויף אַן אינספּעקציע.

„כ׳וועל זי קיינמאָל נישט קענען ריין מאַכן״, האָט זי געקלאָגט. „און נישט ווייכער מאַכן.״

„דאַן וועט בלאָטע און דאָס קלאַפּן פון ווינט זיין אייער ערע-פאַרגיטיקונג״, האָב איך געזאָגט, האַלטנדיק אירע הענט אין מיינע; און להכעיס מיין אַנטשלאָסנקייט וואָלט איך געקושט די צוויי טייערע הענט, ווען זי וואָלט זיי נישט שנעל צוריקגעצויגן.

אונזער חברשאַפֿט האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ ציטעריקער, כ׳האָב אַ לאַנגע צייט און גוט באַהערשט מיין ליבע, אָבער איצט האָט זי מיך באַהערשט. עקשנותדיק האָט זי נישט געהאָרכט און געווינען מיינע אויגן, אַז זיי זאָלן רעדן, און איצט האָט געווינען מיין צונג — יאָ, און אויך מיינע ליפּן, ווייל זיי זענען אין איצטיקן מאָמענט געווען משוגע און געוואָלט קושן די צוויי קליינע הענט, וועלכע האָבן געאַרבעט אַזוי געטריי און שווער.

און אויך בין איך געווען משוגע. ס׳האָט עפּעס געשריגן אין מיין גאַנצן וועזן ווי טרומייטן, רופנדיק מיך צו איר. און ס׳האָט געבלאָזן אויף מיר אַ ווינט, וועלכן כ׳האָב נישט געקענט ביישטיין, וואָס האָט געוויגט מיין קערפּער, ביז כ׳האָב מיך אָנגעלענט. זיך צוגערוקט צו איר אינגאַנצן נישוויסנדיק, אַז כ׳רוק מיך צו און זי האָט דאָס געוווּסט. זי האָט דאָס געמוזט וויסן, מחמת זי האָט אַוועקגענומען אירע הענט, און דאָך נישט געקענט אָפּזאָגן זיך פון אַ שנעלן פאָרשנדיקן בליק איידער זי האָט אַוועקגעדרייט אירע אויגן:

מיט דער הילף פון דעק-שטריק האָב איך צוגעטראָגן די זעגלשטריק צו דער ווינדע, און איצט האָב איך אַרויפגעזעצט די הויפּטזעגל.

דאָס איז געווען אַן אומגעלומפּערטער אופן, אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און באַלד זענען די פאָדערשטע זעגל געווען אויבן און געפלאַטערט.

„מירן קיינמאָל נישט אַריינזעצן דעם אַנקער אין דאָזיקן שמאָלן אָרט, אויב ער האָט פאַרלאָזט דעם דנאָ“, האָב איך געזאָגט. „מיר האָבן פריער געדאַרפט זיין אויף די פעלזן“.

„וואָס קענט איר טון?“ האָט זי געפרעגט.

„אַראָפּרוקן“ האָב איך געענטפערט.

„און ווען כ׳וועל דאָס טון, מוזט איר קודם-כל אַרבעטן ביי דער ווינדע. כ׳וועל באַלד מוזן לויפן צום ראָד, און אין דערזעלבער צייט וועט איר מוזן אַרויפזעצן די דרייקאַנטיקע זעגל“.

דעמדאָזיקן מאַנעוור האָב איך שטודירט און אויסגעפּרוווט

אַ סך מאָל: און מיט די דרייקאַנטיקע זעגלשטריק צו דער ווינדע, האָב איך געוווּסט, אַז מאָוד איז אימשטאַנד אַרויפֿצוזעגלען יענעם העכסטגוויטיקן זעגל. אַ פֿריש ווינטל האָט געבלאָזן אין דער הייל אַריין. און הגם דאָס וואַסער איז געווען רויק, האָט מען געדאַרפֿט שנעל אַרבעטן כּדי אַרויסבאַקומען זיך בשלום.

ווען כ׳האָב לויז געמאַכט דעם ריגל איז די קייט אַדורך דעם לאָך און אַריין אין ים. כ׳האָב געיאָגט פֿון הינטן, אויפֿהייבנדיק דאָס ראָד. דאָס געשפּענסט האָט ווי אויפֿגעלעבט, בעת זי האָט זיך געוויגט מיט די זעגלען. די דרייקאַנטיקע זעגל האָבן זיך געהויבן, אָנפֿילנדיק זיך, האָט זיך דעם געשפּענסט דזשאָב געהוידעט און כ׳האָב געמוזט אַראָפּלאָזן דאָס ראָד אויף אַ פּאָר שפּריכעס און עס אויסגלייכן.

כ׳האָב אויסגעפּלאַנירט אַן אויטאָמאַטיש לייַלעך פֿאַר דעם דרייקאַנטיקן זעגל, דורך וועלכן ס׳איז אַדורך די זעגל, אַזוי אַז ס׳איז נויטיק געווען מאָודס הילף; אָבער זי האָט נאָך געהאַלטן די דרייקאַנטיקע זעגל, ווען כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט דאָס ראָד. דאָס איז געווען אַ מאָמענט פֿון שרעק, ווייל דאָס געשפּענסט איז געלאָפֿן גלייך אויפֿן ברעג, אַזוי ווייט ווי מ׳וואַרפֿט מיט אַ שטיין.

אָבער זי האָט זיך געהאָרכזאַם געוויגט אויף איר ראָד אין ווינט אַריין.

די לייַלעכער און די זעגלען האָבן געהאַקט און געקלאַפּט, וואָס דאָס איז געווען זייער אָנגענעם פֿאַר מיינע אויערן און דאַן האָט זיך די שיף געבויגן צהין און צוריק.

מאָוד האָט פֿאַרענדיקט איר אויפֿגאַבע און זיך אַרויפֿגעקומען און זי האָט זיך געשטעלט לעבן מיר. אויף אירע האָר אויף וועלכע דער ווינט האָט געבלאָזן, איז געלעגן אַ קליין היטל; אירע באַקן זענען רויט געווען פֿון אָנשטרענגונג, אירע אויגן זענען געווען ברייט און געלויכטן פֿון אויפֿרעגונג און אירע נאָזלעכער האָבן געציטערט פֿון דער באַוועגונג, פֿון דער פֿרישער געזאַלצענער לופֿט.

אירע ברוינע אויגן זענען געווען איבערגעשראָקן ווי די

אויגן פון אַן איבערראַשטן הירש.

ס׳האָט זיך באַמערקט אין זיי אַ ווילדער, שאַרפער בליק, וואָס כ׳האָב קיינמאָל פריער נישט געזען, אין אירע ליפּן זענען געווען צעטיילט און איר אָטעם האָט שטאַרקער געלעבט, בעת דאָס געשפּענסט, אָנפאַלנדיק אויף דער פעלזנוואַנט ביים אַריינגאַנג אין דער אינערלעכער הייל, איז אַריין אין ווינט און אין ים אַריין.

ס׳איז גאַנץ גוט צונויף געקומען די סטאַנציע פון דער ערשטער שיף אין די פּאָקעס-געגנטן, און איך האָב אויסגערייניקט די אינערלעכע הייל און געלייגט אַ לאַנגן דראָנג לענג-אויס דער דרויסנדיקער הייל.

ווידער אַמאָל אַ קרייז אַרום, און דאָס געשפּענסט האָט זיך געלאָזט אין אָפענעם ים אַריין.

די שיף האָט איצט געאָטעמט מיט זיין ריטם, בעת זי האָט זיך געלאָזן געהויבן און אַראָפּגעלאָזט אויף די ברייט-רוקנדיקע כוואַליעס.

דער טאָג איז געווען אַן אומעטיקער און פאַרוואָלקנטער, אָבער די זון האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די וואָלקנס, — אַ גוטער סימן — און געשיינט אויפן ברעג, ווו מיר האָבן זיך דרייסט אַקעגנגעשטעלט די האָרן פון די האַרעמס און דערהרגעט האָלושיקעס.

די גאַנצע מי-אינזל איז ליכטיק געוואָרן אונטער דער זון. אַפילו דער פינצטערער דרום-מערב קאַפּ האָט נישט אויסגעזען אַזוי פינצטער, און דאָ און דאָרט, ווו די ים-שפּריצן האָבן איינגענעצט די אויבערפלאַך, האָבן אין דער זון געבלישטשעט און פאַרבלענדעט שטאַרקע ליכט.

„כ׳וועל שטענדיק טראַכטן וועגן דעם מיט שטאָלץ“, האָב איך געזאָגט צו מאַודן.

זי האָט אויף איר קיניגלעכן שטייגער אַ וואָרף געטון איר קאָפּ אויף הינטן, אָבער זי האָט געזאָגט:

„טייערע, טייערע מי-אינזל! איך וועל זי שטענדיק ליב האָבן“.

„און איך", האָב איך שנעל געזאָגט.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט אין אַ גרויס פאַרשטענדניש, און דאָך, אָן חשק, האָבן זיי זיך אַוועקגעריסן און זיך נישט באַגעגנט.

ס'האָט געהערשט אַ שטילקייט, וואָס כ'וואָלט געקאָנט אָנרופן אומבאַקוועמע, ביז איך האָב זי איבערגעריסן, זאָגנדיק:

„קוקט אויף יענע שוואַרצע וואָלקנס אין דער ווינטריכטונג. איר געדענקט, נעכטן ביינאַכט האָב איך אייך געזאָגט, אַז דער באַראָמעטער פאַלט."

„און די זון גייט אונטער", האָט זי געזאָגט, און אירע אויגן זענען נאָך געווען געווענדט צו אונזער אינזל, ווו מיר האָבן דערוויזן אונזער הערשאַפט איבער דער מאַטעריע און דערגרייכט די אמתדיקע חברשאַפט, וואָס איז באַשערט אַ מאַנספערזאָן און אַ פרוי.

„און מ'דאַרף נאָכלאָזן די ליילעכער צו פאָרן קיין יאַפּאַן!" האָב איך פריילעך געשריגן. „אַ גינסטיקער ווינט און אַ זיך ווייגנדיק ליילעך, איר ווייסט דאָך אין וואָס עס גייט".

צובינדנדיק דאָס ראָד, בין איך געלאָפן פאָרויס, לייכטער געמאַכט די פאָדערשטע און הויפּט-ליילעכער, געגומען די שטריק און אַלץ געבראַכט אין אָרדנונג פאַר דעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אין אונזער ריכטונג.

דאָס איז געווען אַ גינסטיקער ווינט, זייער אַ גינסטיקער, אָבער איך האָב באַשלאָסן צו לויפן ווי לאַנג ס'איז מעגלעך. צום אומגליק איז אוממעגלעך צוצובינדן דאָס ראָד, ווען די שיף לויפט זיך פריי, כ'בין דעריבער אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך.

מאַוד האָט זיך איינגעעקשנט, אַז זי מוז מיך פאַרטרעטן, אָבער ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט נישט קיין כוח צו רודערן בשעת אַ שטורמישן ים, אַפילו ווען זי וואָלט זיך דאָס אויסגעלערנט אין משך פון אַ קורצער צייט.

זי איז פון דעם געווען אינגאַנצן נידערגעשלאָגן, אָבער צוריק באַקומען איר גוטע שטימונג, אַרומוויקלענדיק די פּאַר-

שידענע שטריק און זעגלען.

דאַן האָט מען געדאַרפט קאָכן מאָלצייטן אין דער קיך, צובעטן דאָס געלעגער, אַכטונג געבן אויף וואָלף לאַרסען און זי האָט פאַרענדיקט דעם טאָג מיט אַ גרויסן ריייניקונגסטאַק אויף דער קאַבינע און רודערשטיבל.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך גערודערט אָן אויפהער, דער ווינט האָט זיך פאַמעלעך און כסדר פאַרגרעסערט און דער ים האָט זיך געהויבן.

פינף פאַרטאָג האָט מיר מאָוד אַרייינגעבראַנגט הייסע קאַווע און קיכלעך, וואָס זי האָט אָנגעבאַקן, און אַרום זיבן אַזייגער האָט אַ ממשותדיקער און הייסער פרישטיק אַרייינגעבלאָזן אין מיר אַ נייער נשמה.

דעם גאַנצן טאָג, פאַמעלעך און כסדר, ווי שטענדיק, האָט זיך דער ווינט פאַרגרעסערט.

מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אַ בייזן באַשלוס צו בלאָזן, צו בלאָזן שטאַרקער און האַלטן אין איין בלאָזן און ווייטער איז דאָס געשפּענסט געשווומען, יאָגנדיק די מיילן ביז איך בין געווען זיכער, אַז זי האָט אַמווייניקסטן אַדורכגעמאַכט עלף קנופּן.

עס איז געווען צו גוט, אַז כ׳זאָל פאַרלירן אַזאַ געלעגנהייט, אָבער ווען ס׳איז צוגעמאַלן די נאַכט, בין איך געווען דערשעפּט.

הגם אין אַן אויסגעצייכנטן פיזישן צושטאַנד, איז אָבער דאָס שטיין 38 שעה ביים ראָד געווען די גרענעץ פון מיין אויסהאַלטעוודיקייט.

אגב, האָט מיך מאָוד געבעטן, אַז כ׳זאָל פאַרהאַלטן די שיף, און כ׳האָב געוווסט, אַז אויב דער ים וועט זיך הייבן אין דער נאַכט אין דער זעלבער שטופּע, וועט באַלד זיין אוממעגלעך זי אָפּצושטעלן.

און אַזוי אַרום האָב איך, בעת ס׳איז געוואָרן שטאַרק פינצטער, אַרויפגעלאָזן דאָס געשפּענסט אויפן ווינט צופרידן און אין דערזעלבער צייט מיט אומווילן.

אָבער כ׳האָב נישט איבערגערעכנט וועגן דער קאָלאָסאַלער אויפגאַבע, וואָס דאָס הייסט פאַר איין מענטש וויקלען דריי זעגלען.

בעתן אַוועקלויפן פון ווינט האָב איך נישט אָפּגעשאַצט זיין קראַפט, אָבער ווען די שיף האָט אויפגעהערט צו לויפן, בין איך צו מיין עגמת-נפש געוואָרן, און כמעט געבליבן פאַרצווייפלט דערפון, ווי שרעקלעך ער האָט געבלאָזן.

דער ווינט האָט צונישט געמאַכט אַלע מיינע באַמיונגען, אַרויסרייסנדיק די לײַלעכער פון מיינע הענט און אין איין רגע אַ תל געמאַכט פון אַלץ, וואָס כ׳האָב דערגרייכט נאָך אַ שווערן געראַנגל.

אַכט אַ זייגער איז מיר געלונגען איינצוּוויקלען דעם צווייטן זעגל. עלף דעם זייגער בין איך געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט.

בלוט איז גערונען פון די שפּיצן פינגער, בעת די נעגל זענען געווען צובראָכן. פאַר ווייטאָק און דערשעפּונג האָב איך בגנבה געוויינט אין דער פינצטערניש, כדי מאַוד זאָל נישט וויסן.

דאַן, אַ פאַרצווייפלטער, האָב איך רעזיגנירט פון פרוּוו אַרומצוּוויקלען דעם הויפּטזעגל און באַשלאָסן צו פרוּוון דעם עקספּערימענט אָפּצושטעלן די שיף אונטער די גאַנצפאַרוויקלטע פאָדערשטע זעגלען.

דריי שעה האָט געדויערט דאָס פאַרבינדן די הויפּזעגל און די דרייקאַנטיקע זעגל, און צוויי אַ זייגער פאַרטאָג, כמעט אַ טויטער, אָן אָטעם, האָב איך קוים געהאַט גענוג באַוווסטזיין צו וויסן, אַז דער עקספּערימענט איז געלונגען. דער אינגאַנצן אַרומגעוויקלטער פאָדערזעגל האָט געאַרבעט.

דאָס געשפּענסט האָט זיך געקלאַמערט אָן ווינט און נישט פאַראַטן קיין נטיה אַריינצופאַלן אין אַ הוילן גרוב.

כ׳בין געווען טויט הונגעריק, אָבער אומזיסט האָט מאַוד זיך באַמיט מיר צו געבן עסן, איך האָב געדרימלט, האַבנדיק אַ פול מויל מיט עסן. כ׳בין איינגעשלאָפן אין מאָמענט פון דער-

לאַנגען דאָס עסן אין מויל אַריין, און מיט ווייטאָק זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז דער אַקט איז נאָך נישט פאַרענדיקט. כ׳בין געווען אַזוי אומבאַהאָלפן שלעפעריק, אַז זי איז געווען געצווונגען צו האַלטן מיך אין מיין שטול כדי נישט דערלאָזן, אַז כ׳זאָל אַראָפּגעשליידערט ווערן אויף דער פאָדלאָגע דורכן גוואַלדיקן וואַרפן זיך פון סקונער.

כ׳האָב גאָרנישט געוווסט, אַז כ׳בין אַדורכגעגאַנגען פון קיך אַריין אין דער קאַבינע. כ׳בין געווען אַ נאַכטוואַנדלער, וועמען מאַוד האָט געפירט און אונטערגעהאַלטן.

פאַקטיש האָב איך פון גאָרנישט געוווסט, ביז כ׳בין אויפגעקומען, ווי לאַנג דערנאָך—האָב איך נישט געהאַט קיין אַנונג אין מיין נאַרע און די שטיוול זענען געווען אויסגעטון.

ס׳איז געווען פינצטער. כ׳בין געווען פאַרשטאַרט און געלאָמט, און כ׳האָב געשריגן פאַר ווייטאָק, ווען מיינע אונטערוועש האָבן אָנגערירט מיינע אָרעמע פינגערשפּיצן.

קענטיק, ס׳איז נאָך נישט טאָג, כ׳האָב דעריבער פאַרמאַכט די אויגן און ווידער איינגעשלאָפן.

כ׳האָב נישט געוווסט דערפון, אָבער כ׳בין געשלאָפן אַ גאַנצן מעת-לעת און ס׳איז ווידער געוואָרן נאַכט.

כ׳האָב מיך ווידער אויפגעכאַפּט, אַ באַומרויקטער, ווייל כ׳האָב בעסער נישט געקענט שלאָפן. כ׳האָב אָנגעצונדן אַ זאַפּאַלקע און אַ קוק געטון אויף מיין זייגערל. ס׳האָט געוויזן צוועלף אַ זייגער ביינאַכט, און איך האָב נישט פאַרלאָזן דעם דעק ביז דריי דעם זייגער. כ׳וואָלט געווען געפּלעפט, ווען כ׳וואָלט מיך נישט אַליין אָנגעשטויסן.

עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס כ׳בין געשלאָפן מיט הפסקות, כ׳בין געשלאָפן 21 שעה. אַ ווייל האָב איך געהאָרכט די אויפפירונג פונם געשפּענסט און דעם פאַרדומפּענעם געשריי פון ווינט אויפן דעק, און דאַן זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און דורכגעשלאָפן ביז אינדערפרי.

אויפהייבנדיק זיך זיבן אַ זייגער, האָב איך נישט געזען קיין סימן פון מאַוד און כ׳בין געקומען צום באַשלוס, אַז זי

איז אין דער קיך און גרייט-צו פרישטיק.

אויפן דעק האָב איך געזען, אַז דאָס געשפּענסט פאַרט אויסגעצייכנט אונטער זיינע לייַלעכער. אָבער אין דער קיך, הגם ס'האָט זיך געברענט אַ פייער און ס'וואַסער האָט געזידט, האָב איך זי נישט געפונען.

כ'האָב זי געטראָפן אין רודערשטיבל לעבן וואָלף לאַרסענס נאַרע. כ'האָב געקוקט אויף אים, אויפן מענטש, וואָס איז אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון דעם העכסטן שטאַפּל פון לעבן און באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט און ער איז געוועזן ערגער ווי טויט.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיין אויסדרוקלאָז פּנים האָט פאַרלוירן זיין גראָבקייט. מאָוד האָט געקוקט אויף מיר און איך האָב פאַרשטאַנען.

„זיין לעבן איז אויסגעגאַנגען אין שטורעם", האָב איך געזאָגט.

„אָבער ער לעבט נאָך", האָט זי געזאָגט מיט אַן אומענדלעכן גלויבן אין איר שטים.

„ער האָט געהאַט אַ צו גרויסן כּוח".

„יאָ", האָט זי געזאָגט, אָבער איצט פּײַניקט ער אים שוין נישט. ער איז אַ פרייער גייסט".

„ער איז אַ פרייער גייסט, זיכער", האָב איך געענטפערט און אָננעמענדיק זי ביי דער האַנט האָב איך זי אַרויפגעפירט אויפן דעק.

אין יענער נאַכט איז דער שטורעם צוזאַמענגעבראָכן, וואָס דאָס הייסט, אַז ער האָט זיך פאַרקלענערט אַזוי פּאַמעלעך, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן.

צומאָרגנס נאָכן פרישטיק, ווען כ'האָב אַרויפגעלייגט וואָלף לאַרסענס קערפּער אויפן דעק כּדי אים קובר זיין, האָט דער ווינט נאָך שטאַרק געבלאָזן און ס'זענען געלאָפן גרויסע כוואַליעס. דער דעק איז אָן אויפהער פאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַסער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אויפן דעק איבערן פאָרענטש און דורך די לעכער איבערן דעק.

רער ווינט האָט געשמיסן דעם סקונער, בלאָזנדיק שטאַרק, און ער האָט זיך געוואַקלט אויף דער לינקער זייט און דער פֿאָרענטש איז געלעגן אונטערן וואַסער, און דאָס גערויש פֿון וואַסער איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער.

מיר זענען געשטאַנען אין וואַסער ביז צו די קני און איך האָב אַנטבלויזט דעם קאָפּ.

כ׳געדענק נאָר איין טייל פֿון גאָטסדינסט", האָב איך געזאָגט, און דאָס איז „און דער קערפּער וועט אַרייַנגעוואָרפֿן ווערן אין ים אַריין".

מאָוד האָט אויף מיר אַ קוק געטון אַן איבערראַשטע און שאָקירטע; אָבער עפּעס, כ׳ווייס אַליין נישט וואָס, האָט מיך געצווונגען אָפּצודינען וואָלף לאַרסענען, ווי ער האָט אַמאָל אָפּגעדינט אַן אַנדערן מענטש.

איך האָב אויפֿגעהויבן דאָס טירל פֿון דעקלאָך און דער קערפּער, איינגעוויקלט אין תּכריכים־ליילעכער, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם ערשטן פֿוס אין וואַסער אַריין, די משא פֿון אייזן האָט אים אַראָפּגעשלעפּט, ער איז איינגעזונקען געוואָרן.

„אַדיע, לוציפֿער, שטאָלצער גייסט", האָט מאָוד געשעפּטשעט, אַזוי שטיל, אַז איר שטים איז פֿאַרטויבט געוואָרן דורכן געשריי פֿון ווינט, אָבער איך האָב געזען די באַוועגונג פֿון אירע ליפּן און געוווּסט, וואָס זי האָט געזאָגט.

בעת מיר האָבן זיך געקלאַמערט אָן דעם לינקן פֿאָרענטש און געפֿאָרן ווייטער, האָב איך צופֿעליק אַ קוק געטון לינקס.

דאָס געשפּענסט איז אין יענעם מאָמענט געשליידערט געוואָרן אויף אַ כוואַליע, און כ׳האָב דערזען אַ קליינעם דאַמפּער, צוויי־דריי מייל ווייט פֿון אונז, וואָס האָט זיך געהויבן און געוואָרפֿן, מיטן דזשאָב צום ים, בעת ער איז געשוווּמען אין אונזער ריכטונג.

ער איז געווען געמאָלט אויף שוואַרץ, און פֿון די שמועסן פֿון די יעגער וועגן זייערע העלדנטאַטן בעתן געיעג, האָב איך דערקענט, אַז דאָס איז אַן אַמעריקאַנער רעגירונגסשיף. כ׳האָב דאָס געוויזן מאָודן און שנעל זי אַרויפֿגעפֿירט אויבן.

כ׳בין אַראָפּגעלאָפן אונטן אין דער קאַמער, ווו עס ליגן די פּענער, אָבער באַלד זיך דערמאָנט, אַז ווען כ׳האָב געבראַנגט אין אָרדנונג דאָס געשפּענסט, האָב איך פאַרגעסן צו באַזאָרגן שטריק אויף פּענער.

„מיר דאַרפן נישט געבן קיין אומגליק-סיגנאַל״, האָט מאַוד געזאָגט, „זיי דאַרפן נאָר דערזען אונז״.

„מיר זענען געראַטעוועט״, האָב איך געזאָגט ניכטער און פייערלעך. און דאַן מיט גרויס שמחה:

„איך ווייס קוים צי כ׳זאָל זיין צופרידן אָדער נישט״.

כ׳האָב געקוקט אויף איר. אונזערע אויגן האָבן שטאַרק געוואָלט זיך באַגעגענען. מיר האָבן זיך צוגערוקט נעענטער איינער צום צווייטן און איידער כ׳האָב דאָס אַליין געוווסט, האָבן מיינע אָרעמס זי אַרומגענומען.

„דאַרף איך?״ האָב איך געפרעגט.

און זי האָט געענטפערט.

„מ׳דאַרף נישט,״ הגם דאָס אַרויסזאָגן וואָלט געווען אַזוי זיס, אַזוי זיס״.

אירע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט מיטן דריק פון מיינע, און איך ווייס נישט פאַרוואָס עס האָט זיך מיר דערמאָנט יענע סצענע אין דער קאַבינע אויפן געשפּענסט, ווען זי האָט לייכט צוגעדריקט מיינע ליפּן מיט אירע פינגער און געזאָגט „שאַ, שאַ״,

„מיין פרוי, מיין איינציקע קליינע פרוי״, האָב איך געזאָגט און מיין פרייע האַנט האָט געגלעט אירע פּלייצעס, אויף דעם שטייגער, ווי ס׳טוען אַלע געליבטע, הגם זיי לערנען זיך דאָס נישט אין קיין שול״.

„מיין מאַנספּערזאָן, האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אַ ווייל אויף מיר מיט ציטעריקע וויעס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און פאַרדעקט אירע אויגן, בעת זי האָט צוגעדרוקט איר קאָפּ צו מיין ברוסט מיט אַ גליקלעכן זיפץ.

כ׳האָב געקוקט צום אָנקומענדיקן שיפל, ס׳איז שוין געווען זייער נאָענט. מ׳האָט שוין אַראָפּגעלאָזט אַ שיפעלע.

„איין קוש, טייערע געליבטע״, האָב איך געשעפּטשעט.

„נאָך איין קוש איידער זיי קומען אָן״.

„און זיך ראַטעווען פון זיך גופא״, האָט זי פאַרענדיקט מיט א ליבלעכן שמייכל, אַזוי קאַפּריזנע, ווי כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען, ווייל ער איז געווען קאַפּריזנע פאַר ליבע.

סוף

Public Library, Newark, N. J.